STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07973

DER SHPIGEL FUN BUTSHER

Samuel Jacobi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07973-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657079734T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

סעמועל יאַקאָבי

דער שפּיגעל פון בוטשער

נאָוועלען
ערצעהלונגען
הומאָרעסקעס

ניו־יאָרק — 1937

Copyright 1937
by
SAMUEL JACOBI
New York, N. Y.

LIBRARY
PUBLIC
NEW YORK

POSY—SHOULSON PRESS
19 W. 21st St., New York, N. Y.
255

Y J G 19319

SAMUEL JACOBI

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY.
CIRCULATION DEPARTMENT
SEWARD PARK BRANCH 192 EAST BROADWAY

NEW YORK
PUBLIC
LIBRARY

איינלייטונג

פריינד יאַקאָבי׳ם בוך איז דער ערשטער פאַרזוך, אין אידיש, ספּעציעל, זיך צו פאַרנעמען מיט אַ ביזנעס גרופּע אין אונזער וועלטעל.

איהר קענט געפינען אַלערליי טיפּען פון אידישען סוחר און בעל-מלאכה אין דער אידישער ליטעראַטור, אָבער דאָס זיינען איינצעלנע ערשיינונגען, וואָס פּאַסען זיך צום רומעל אין דעם ראָמאַן אָדער מעשה. קיין באַזונדער קלאַס פון אידישע געשעפטסלייט איז נאָך ניט אַרויסגעהויבען געוואָרען אַלס טעמא פון ערציילונגען. וועגען קרעמער איז דאָך אָפּגערעדט. עפּעס איז פאַרוויגט געווען ביי אידען דער קרעמער אַלס אַ שלימ׳מזל׳ניק, כאָטש אַזוי פיל אידען האָבען אין דער אַלטער היים געהאַט קלייטען.

יאַקאָבי איז דעריבער דער ערשטער און דערווייל דער איינציגער, וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק צו שילדערן דאָס לעבען פון אידישען מיטעל-קלאַס מענש און אויסגעקליבען אַלס טעמע דעם כשר-בוטשער.

עס איז ניט גאָר קיין צופאַל, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ שרייבער, וואָס זאָל זיך אַזוי האָבען איינגעלעבט מיט דעם מוכר בשר כשר, אַז ער זאָל זיין טאַלאַנט אָפּגעבען דוקא איהם. דער קרייז פון אידישע פאַך שרייבער איז טאַקע אַ באַגרענעצטער. עס זיינען דאָ ביי אידען ווייניג פאַך-זשורנאַלען און ממילא ווייניג שרייבער פון דעם מין, אָבער עס האָט געמוזט דערצו קומען. דעם אידישען שרייבער, דעם ראָמאַניסט, ערצעהלער אָדער צייטונגס-מאַן איז ביז אַהער געווען פרעמד די ביזנעס וועלט. ער איז געוועהנליך אַ וועלט-מענש, וועלכער פילאָזאָפירט אָדער פאַרטיפט זיך אין זיין אייגענעם „איך" און פאַרקוקט די טאָגטעגליכע אינטערעסען פון די פאַרשידענע פאָלקס-שיכטען, מיט דער אויסנאַהמע פון אַרבייטער, דעם איינציגען קלאַס אידען, וועלכע האָט זיך געשאַפען אַ באַזונטער אָרט אין דער ליטעראַטור. איהם האָט

מען געשילדערט אויף אלערליי אופנים און באזונגען אלס דער טרעגער פון א הויכען אידעאל, וואס דארף אויסלייזען די גאנצע מענשהייט.

די אלע אנדערע גרופען האט מען פארקוקט. זיי זיינען געווען צו „איינפאך" און צו באגרעניצט פאר דעם שרייבער.

— די צייטען בייטען זיך אבער. אין דער נייער וועלט, אין אמעריקע, פארנעמט דער ביזנעסמאן, דער קליינער ווי דער גרויסער, גאר אן אנדער פלאץ. די ביזנעסלייט ווייסען ווי זיך צו ארגאניזירען און ווי זיך צו מאכען חשוב ביי זיך און ביי דער ברייטער עפענטליכקייט און אויף אזא אופן קריגען זיי צו מעהר וואג און באדייטונג אין אידישען לעבען און עס איז שוין אי רעכט אי נויטיג אריינצוקוקען אין דעם לעבען פון דעם ביזנעס קלאס.

דאס איז די אורזאך, פארוואס עס איז מעגליך געווארען אטא דאס בוך ארויסצוגעבען אין דער האפנונג, אז עס וועט געפינען חן ביי פילע לעזער.

מיט יאהרען צוריק וואלט אזא זאך ניט געווען מעגליך, ווייל דער ביזנעסמאן אליין וואלט אויף זיך ניט געקוקט אלס וויכטיג גענוג אין געזעלשאפטליכען זין און קיינעם וואלט במילא ניט איינגעפאלען איהם צו נעמען אלס טעמע פאר זיין ליטערארישען שאפען.

די דערצעהלונגען, וואס זיינען דא געדרוקט, זיינען אין פלוג אלמענשליך, אבער אויך דער אידישער בוטשער איז אלמענשליך.

איך בין געוויסערמאסען „שולדיג" אין דער ערשיינונג פון דעם בוך. איך האב עס גערעטען אונזער מחבר צו טאן, נאכדעם, ווי ער האט געהאט געדרוקט א רייהע אינטערעסאנטע מקיצען און הומארעסקעס. איך האף דעריבער, אז די ערווארטונג וועט דערפילט ווערען, און עס וועט באוויזען ווערען, אז עס איז שוין דא פלאץ פאר אזעלכע אויסגאבען ווי יאקאבי'ס בוך.

יצחק זאר

אַ פּאָר ווערטער צו די לעזער

מיט גרויס כבוד און רעספּעקט דערלאַנג איך אייך, אידישע בוטשערס, מיינע שריפטען, „דער שפּיגעל פון בוטשער".

מיינע נייגונגען זיך איינצוקוקען טיף אין אַלע ווינקעלאַך פון בוטשערס לעבען און נאָכהער זיי צו שילדערן מיט מיין פּעדער, האָט מיר געבראַכט פיעל, זעהר פיעל שלאָפלאָזע נעכט. ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט, זיץ איך אָפּט און שילדער סצענעם און בילדער, וואָס שפּילען זיך אָפּ אין די בוטשער סטאָרס.

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון בוטשערס, אַז זייערע פריידען און ליידען ווערען געשריבען אין אַ בוך־פאָרם. כמעט אַלע ערצעהלונגען, וואָס איהר וועט געפינען אין מיין בוך, זיינען פאַקטען גענומען פון לעבען.

איך האָף אַז דאָס בוך וועט געפינען חן אין אייערע אויגען און איך וועל האָבען די מעגליכקייט אַרויסצוגעבען נייע נאָוועלען, סקיצען און ערצעהלונגען פון אידישען בוטשער.

סעמועל יאַקאָבי.

PROPERTY OF THE
CITY OF NEW YORK

אַ בוטשער רעדט זיך אראָפּ פון האַרץ

(אַ מאָנאָלאָג)

אוי, אוי אַ גאַסט! עס קומט אייך אַ גרויסער שלום עליכם! שוין לאַנג אייך ניט געזעהן. איך האָב אייך טאַקע אין זינען געהאַט עטליכע מאָל, איך וויל זיך מיט אייך דורכרעדען. איך וויים, אַז איהר זענט אַ מענש, וואָס פאַרשטעהט די בוטשער ביזנעס. איהר אַליין זענט טאַקע ניט קיין בוטשער, נאָר אַזוי ווי איהר זענט געווען פאַרבונדען מיט די בוטשערס אַ היבש ביסעל צייט, און איהר העלפט אַמאָל ביים פאַרקויפען און קויפען אַ בוטשער סטאָר, וועט איהר מיך גאַנץ גוט פאַרשטעהן.

איהר זעהט דעם בוטשער סטאָר? טייערע פיקטשורס, אינגאַנצען פון מאַרמאָר. אַזוי ריין ווי אַ דראָג סטאָר, נאָך דער נייעסטער מאָדע. רענט איז ניט אַזוי טייער. די געגענד איז ניט פאַרשלאָפען, קיין וועגעטאַריער וואוינען אויך ניט דאָ.

איך שטעה ערשט דאָ אין ביזנעס אַ פּאָר מאָנאַט און זאָלען מיר דאָסביידע פאַרדינען יעדען גוטען מאָנאַט, וואָס די קאָסטאָמערס זיינען מיר שולדיג און וואָס איך בין יענעם שולדיג...

איהר הערט? איהר קענט מיך דאָך, אַז איך בין ניט קיין בוטשער פון היינט, אָבער אַזעלכע קאַפּריזנע קאָסטאָמער האָב איך נאָך ניט באַגעגענט. מיט יעדען פונט פלייש וואָס איך פאַרקויף נעמען זיי ביי מיר צו אַ שטיק פון מיין אייגענע האַרץ. זייט איך שטעה דאָ, בין איך גרוי און אַלט געוואָרען. מען דאַרף ניט זיין קיין בוטשער, נאָר אַ מלאך זיי צו קענען צופרידען שטעלען.

אַן אומגליקליכער מענש איז דער אידישער בוטשער. מענשען האָבען זיך איינגערעדט, אַז אַ אידישער בוטשער באַלאַנגט

צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. ווען עס מאַכט זיך נאָר אַ געלעגענהייט גיט מען זיך אַ נעהם צום אידישען בוטשער. מען האַלט אונז פאַר גרויסע ביזנעסלייט אַזוי ווי מיר וואָלטען גע־שאַרט גאָלד פון אונזערע פּראָפּיטען מישטיינס געזאָגט.

איהר הערט, שבת ווען איך האָב צייט, כאַפּ איך זיך אַמאָל אַריבער אין די גרויסע גוי'אישע מאַרקעטס, וואו מען קען דאָרט באַקומען פון כל טוב. זאָלט איהר זעהן יענע קאָסטאָמערס. די קאָסטאָמערס דאָרטען זיינען אויך פרויען. דאָרטען האָבען זיי רעספּעקט פאַרן בוטשער. אַ פאַרגעניגען. שאַ, שטיל, מען דינגט זיך ניט, מען מאַכט ניט גליקליך דעם בוטשער, מען שטעהט ניט אויס קיין משוגעת'ן פון די קאָסטאָמערקעס. דאָרט, וואָס מען גיט זיי איז גוט. עס זיינען דאָרטען ניט פאַראַן קיין נעקסטדאָרי־געס, דאָרטען זיינען ניט פאַראַן קיין לאַנדסלייט, דאָרטען גיט מען ניט קיין שאו דעם בוטשער. מען קויפט דאָרט וואָס עס איז פאַ־ראַן, מען באַצאָהלט דאָרט מיט קעש, אָהן שרייבאַכץ און אָהן בייטען טשעקס. מען דאַרף דאָרט ניט חנ'פענען קיינעם, מען שפּייט ניט אויס די גאַל פון די קאָסטאָמערס. איך זאָג אייך, אַז ווען עס איז שוין באַשערט צו זיין אַ בוטשער זאָל מען כאָטש זיין אַ גוי'אישער בוטשער און האָבען אידישע קאָסטאָמער . . .

היינט, קענט איהר דאָרטען ניט געפינען קיין משגיחים, קיין רבנים. דאָרט ווייסט מען ניט פון קיינע געלע, בלויע און גרינע רינגלאַך אויף די פיסלאַך פון די עופות...

דאָרטען קאָמאַנדעווען ניט די ווייבער אַזוי ווי אין די אי־דישע בוטשער סטאָרס: מיר גיט פוירסט קאַט ברוסט, מיר גיט מיטעל טשאָק . . . מען פרעגט דאָרט ניט אויב דאָס פלייש איז פריש, דאָרטען איז אויף יעדען שטיקעל פלייש פאַראַן אַ צעטעל אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קאָסט דאָס.

היינט די קאָנקורענץ. דאָרט ביי די גוי'אישע בוטשערס געהן ניט אַרום זייערע ווייבער צווישען די שכנות און אָפּרעדען דעם צווייטענס בוטשערס קאָסטאָמער. דאָרט שטעהט ניט דעם בוטשערס ווייב און האַקט פלייש און פליקט טשיקענס. דעם גוי'אישען בוטשערס ווייב שטעהט ניט און מאַכט קאָמפּלימענטען

צו די פרויען קאַסטאַמערס, אַז די איז שעהן, די איז גראַציעז און די איז אַנציענד . . . דעם אידישען בוטשערס פרוי דאַרף שטעהן דעם גאַנצען טאַג אין בוטשער סטאָר און מאַכען קאָמ־פּלימענטען און חנ׳פענען די קאַסטאָמער. און די אידישע קאָס־טאָמערס קענט איהר דאָך אודאי, אַז זיי וועלען אייך אַוועקגעבען אַלעם אין דער וועלט פאַר קאָמפּלימענטען . . .

נו, האָט מיך אָבער גאָט געבענשט מיט אַזאַ ווייבעל וואָס זי איז אַ שעמעוודיגע און זי קען ניט דעם שפּיל, איז טאַקע ביי מיר גרויסע און געהאַקטע צרות.

פרעג איך אייך, מעגען ניט אַלע כשר׳ע בוטשער סטאָרס זיך אַנצינדען מיט א פייער? איי, איי, פּאַסקודנע וועלטעל?

אַ שעהנעם דאַנק וואָס איהר האָט מיך אויסגעהערט. איך האָב מיר אַביסעל אָפּגערעדט פון הארץ. טאָמער מאַכט זיך עפּעם אַ קאָסטאָמער אויף מיין סטאָר, בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט מיך אין זינען האָבען.

חלומות פון א בוטשער

איך קום אריין צו אַ בוטשער, אַז ער זאָל זיך „סובסקריי־בען״" אויף דעם זשורנאל וואָס די פעדערײשאָן גיט ארויס,— די „שטימע״. ער איז ביזי מיט אַ קאַסטאָמער. ווען ער דער־זעהט מיך, גיט ער אַ שאָקעל מיטן קאָפּ און זאָגט שטילערהייט, „העלאָ״, ער בעט מיך אַז איך זאָל אַ ווײלע צאוואַרטען, ביז ער וועט פאַרטיג ווערען מיט דעם קאַסטאָמער.

פאַרטיג געוואָרען, דערלאַנגט ער מיט אַ ברייטען שמייכעל די האַנט.

— שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט איך ניט געזעהן! וואָס מאַכט איהר עפּעס? ווי פילט איהר אין געזונט? ווי געהט עס אייך?

— אַט ווי איהר זעהט, — זאָג איך, — מען ווערט עלטער. קיין מיליאָנער בין איך נאָך ניט, איך געה ארום אין די בוטשער סטאָרס מיט אַן אַרטיקעל וואָס יעדער בוטשער דאַרף דאָס האָבען, איך פאַרקויף „גייסטיקע זאַכען״ פאַר׳ן אידישען בוטשער.

— איהר מיינט דאָך ניט אַז איהר פאַרקויפט שנאַפּס? — פרעגט ער מיט אַ שמייכעל.

— אָ, ניין! — זאָג איך, — שנאַפּס פאַרדרעהט יענעם דעם קאָפּ, אָבער מיין אַרטיקעל וואָס איך פאַרקויף דרעהט אויף דעם קאָפּ.

איך צייג איהם אַ נומער „שטימע״, און ערקלער איהם אַז אַ יאָהר „סובסקריפּשאָן״ קאָסט אַזוי פיל און אַזוי פיל.

— אַט דאָס אַלעס? — שמייכעלט ער מיט צופרידענהייט.

— נו, און ווי געהט עס אייך אין די ביזנעס, מאַכט איהר אַ לעבען? — פרעג איך איהם.

— מען מוטשעט אוים א שטיקעל לעבען. איך האב אבער האפנונגען, זעהר גרויסע האפנונגען, אז עס וועט זיך מיר איינגעבען וועל איך ווערען א מענש, — ענטפערט ער מיט באגייסטערונג.

ווען א מענש האט אין היינטיגער צייט גוטע האפנונגען איז זעהר גוט, וואס דען, אזוי דארף זיין. יעדער מענש דארף לעבען מיט האפנונג, איהר זענט נאך א יונגער מענש, איהר קענט נאך זעהר פיעל אויפטאן אין אייער לעבען, — גיב איך איהם צו מוטה, — מעג איך אייך פרעגען, אפשר א ירושה פון רייכע קרובים?

— ניין, ניט קיין ירושה, איך האב ניט קיינעם פון מיין משפחה אז מען זאל מיר איבערלאזען א ירושה, — ענטפערט ער מיר, — נאר אזוי ווי איהר זענט שוין דא, וויל איך זיך טאקע מיט אייך דורכרעדען, און אויך אין איין וועגס בעראטען זיך וועגען א זאך וואס ענבערט מיר מיין מוח. איך וויים אז איהר וועט מיר געבען א פראקטישע עצה. איך פארזיכער אייך, אז איך וועל פאלגען וואס איהר וועט מיר ראטען. אזוי ווי איהר קענט מיך ווען איך בין נאך געווען אן ארבייטער און באלאנגט צו דער יוניאן, בין איך תמיד געווען א מענש וואס האב ניט געזוכט איינצורייסען די וועלט, איך בין קיינמאל ניט געווען פארקאכט רייך צו ווערען.

די לעצטע צייט אבער, ווי עס איז אייך באקאנט, איז דא אין לאנד געווארען א מגפה אויף „סוויפ־סטעיק־צעטלאך". ווער עס קען נאר אפשפארען צוויי מיט א האלב דאלאר, דער קויפט אזא צעטעל. נו, בין איך אויך פון דער מגפה אנגעשטעקט געווארען. דער יצר הרע האט זיך צו מיר א נעם געטאן און מיך אזוי לאנג געמוטשעט ביז ער האט זיינס אויסגעפיהרט. ניט ווילענדיג האב איך נאכגעגעבען זיין גע'שמד'טען האלז און אויך געקויפט א צעטעל.

פון דעם טאג אן, וואס איך האב געקויפט דאס צעטעל, געה איך ארום ווי א „פריטשמעלעטער", אזוי ווי אויף דעם עולם

התוהו. איך קען ביי מיר ניט אָפּמאַכען ווי אזוי איך זאָל האַנדלען מיט דעם גרויסען געווינס.

גאַנצע נעכט האַלטען זיך מיר אין איין חלומ'ען פערדלאַך, צעטלאַך, הויפענס מיט געלט, און יעדעס מאָל נאָך אזא חלום שטעה איך אויף אוים מענש.

בייטאָג, איז נאָך ווי עס איז, מען איז פארנומען אין סטאָר, עס קומען אַריין מענשען, זיינען די אילוזיעס ניט אַזוי גרויס. אָבער ווען עס קומט די נאַכט, ווען איך דאַרף זיך אויסרוהען פון דער שווערער „האָרעוואַניע", דעמאָלט צושפּילט זיך ביי מיר די אילוזיע, די נאַכט האָט גאָרניט באַדאַרפט געבוירען צו ווערען.

אזוי ווי איך לעג זיך נאָר אוועק, אָהאָ, דערזעה איך באַלד פערדלאַך אין מיין פאַנטאַזיע. פערדלאַך פון פארשידענע קאָלירען, ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, קאשטאַנעוואַטע. פערדלאַך גרויסע, קליינע, צאַרטע, מיט דינע פיסלאַך גראָבע פיס און די אַלע פיס מישען זיך אוים און האַלטען אין איין לויפען אזוי ווי קוילען פון א ביקס.

צווישען די אַלע פערדלאַך דערזעה איך א יונגס, מיט גראַציעזע פיסלאַך, א קייל־עכדיגס מיט א סאַמעטענע פעל, מיט א קליינע מאָרדעטשקע און מיט פאַר'חלומ'טע גוטע אויגן. פון אַלע זייטען איז דאָס פערדעל באַדעקט מיט די נומערען פון מיין צעטעל. און דאָס פערדעל לויפט מיט אזא שנעלקייט קוים מיט'ן אויג צו דערזעהן. אָט איז עס פאָראוים, און אָט איז עס אין מיטען. באַלד איז דאָס צום לעצט און אָט איז עס ווייטער פאָראוים.

דאָס געשריי פון די מענשען וואָס שטעהען דאָרט און וואַרטען רייך צו ווערען פון די צעטלאַך איז אזוי גרויס, אז מען ווערט באַלד טויב.

אָט, דאַכט זיך מיר, אז א מאַן מיט א שוואַרצע באָרד, אָנגעטאָן אין פול דרעס מיט א סטאָף פּייפּ אויפ'ן קאָפּ, קריכט ארויף אויף א טריבונע און רופט אוים די ארויסגעצויגענע נו־

מערען. אזוי ווי ער שרייט נאָר אויס דעם ערשטען נומער, ווערט באַלד א טומעל, א געוואַלד צוזאמענגעמישט מיט פרייד און מיט טרערען. מען כאַפּט זיך ארום, מען קושט זיך, מען האַלזט זיך, מען שפּרינגט, מען וויינט, מען זינגט און מען לאַכט, פּונקט אזוי ווי אין א משוגעים הויז.

איך און א פּאָר באקאנטע וואָס זיינען אויך אָנגעשטעקט געוואָרען פון דער צעטלאַך מגפה, קוקען זיך אָן און שווייגען. אויף אמאָל רופט דער מאַן אויס די נומערען פון מיין צעטעל. פון איבערראשונג און פון גרויס באגייסטערונג ווער איך אזוי ווי פּאראַליזירט. עס ווערט מיר אָפּגענומען דאָס לשון, איך גיב א פּאָרוואָרף מיט מיין קעפּעל און עס דאַכט זיך מיר אז איך בין מיט אמאָל אַרונטערגעפאַלען אין א טיפען קעלער. איך זעה מעהר גאָר ניט פאר מיינע אויגען, ווי דורך א זעהר גראָבע וואַנט הער איך ווי מיינע באקאַנטע שרייען צו מיר, בארוהיגט זיך! מאַכט אויף די אויגען! מיט אמאָל ווערט מיר קאַלט און נאַס אזוי ווי מען וואָלט אויף מיר אויסגעגאָסען א וואַנע וואסער. פון דעם פּלוך מאַך איך אויף די אויגען, איך קוק זיך ארום, און איך זעה אז איך ליג אין בעט, בין איך זיך פשוט מחיה.

אזעלכע חלומות האָב איך כמעט יעדע נאַכט. די חלומות מאַטערען מיך גאַנצע נעכט און גיבען מיר ניט קיין רוה גאַנצע טעג. די אילוזיעס צושפּילען זיך ביי מיר, און איך הויב אָן צו טראַכטען וואָס טוט מען מיט אזויפיל געלט, איך געה ארום ווי פאַר׳שכור׳ט, איך האַלט אין איין קלערען ווי אזוי איינצופיקסטען מיין לעבען אין דער צוקונפט.

איך שטעה דאָ אין דעם בוטשער סטאָר, איך פארקויף א דריי שטיקלאַך פּלייש, א פּאָר קעלבער און אביסעל פּאָולטרי. אמת, קיין גרויסע גליקען מאַך איך ניט, אָבער ווען מען שטעהט, שטעהט מען. פארבלייבען דאָ אין דער „נייבאָרהוד״ וועט זיין אונמעגליך, ווייל קיינער וועט צו מיר ניט אריינקומען, זיי די

קאָסטאָמערס וועלען מיך האַלטען פאר אַן אויפגעקומענעם „אָלרייטניק״״.

באשליסען מיר, דאָס הייסט איך און מיין ווייבעל, איינצור־פיקסען א גרויסען בוטשער סטאָר און א מאַרקעט אין א בעסערן געגענד, אריינשטעלען די נייעסטע סטייל „פיקטשורס.״, אריינעמען א דריי־פיר ארבייטער, זאָלען זיי אויך מאַכען א לעבען. אָבער ביז מיר וועלען איינפיקסען דעם נייעם פלאַץ וועלען מיר זיך אריבערכאַפּען אין פלאָרידא אויף א פּאָר וואָכען. עס וועט ניט שאָדען אז איך זאָל מיך אָפּרוהען אביסעל נאָך אזוי פיעל יאָהרען שווערער ארבייט.

מוטשעט מיך אָבער א געדאנק, וואָס טהוט מען מיט דער סטאָר? מיין ווייב וויל אז איך זאָל דעם סטאָר אוועקשענקען צו איהרען א ברודער וואָס ארבייט איצט ביי יענעם. איך בין אָבער מיט דער מיינונג, אז מיר זאָלען די אַלטע סטאָר פארקויפען, ווייל ביי היינטיגע צייטען געהט ניט צו פוס א פּאָר דאָלאר וואָס מיר קענען באקומען פאר דער סטאָר.

דאָס איז די הויפּט זאך וואָס איך וויל מיך מיט אייך בּאראטען.

נו, וואָס זאָגט איהר, ווער איז גערעכט? נאָכאלעמען איז דאָך א שאָד א פּאָר דאָלאר. אין אַזא שלעכטע צייט שפּילט אַ ראָלע יעדער סענט. וואָס־זשע ראטה איהר מיך? איהר שווייגט? שווייגען הייסט גערעדט! איך בין זיכער אז ביי אייך אין הארצען גיט איהר מיר גערעכט.

אודאי זענט איהר גערעכט, וואָס דען, אזוי דארף האנדלען א ביזנעססמאן. געלט איז אַן איידעלע זאך — באַמקע איך איהם צו — אָבער, וואָס הערט זיך עפּעס וועגען „א סובסקריפּשאָן״ אויף דער „שטימע״?

וועגען דעם, וועל איך זיך דורכרעדען מיט מיין ווייבעל. ווען איהר וועט זיין אמאָל אין דער געגענד, קומט אריין, וועלען מיר זעהן וואָס מיר קענען טאָן.

געהט קלעהרט איהם אויף

אַרומגעהענדיג אין די בוטשער סטאָרס אין די אינטערעסען פון דעם בוטשער זשורנאַל „די שטימע”, וואָס די פעדערײשאָן פון די אידישע בוטשערס גיבען אַרויס יעדע וואָך, שטויס איך אָן אין פאַרשידענע פּראָבלעמען.

אָט קום איך אַריין אין אַ בוטשער סטאָרקע, אין איינע פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלען. דער אייגענטימער פון דער סטאָרקע איז אַן עלטערער מענש. דער בוטשער קאָוט און זיין פאַרטוך זעהן אויס ווי זיי האָבען שוין אַ לענגערע צייט ניט געזעהן קיין לאָונדרי. די פיקטשורס וואָס שטעהען דאָרט אַ היבש ביסעל יאָהרען, זיינען ווי צונויפגעוואַקסען מיט דעם באַלעבאָס אינאיינעם. ווען דער בוטשער זאָל חלילה אַריינ־נעמען נייע פיקטשורס, אָדער דער בוטשער סטאָר וואָלט באַקומען אַ נייעם באַלעבאָס וואָלט דאָס נישט געשטימט.

ער פרעגט מיך, וואָס איז מיין פאַרלאַנג. איך ערקלעהר איהם וועגען דעם זשורנאַל, און ווי די פעדערײשאָן זוכט דורך דעם זשורנאַל אויפצוקלעהרען די בוטשערס זייער לאַגע.

— וואָס מיינט איהר אויפקלעהרען? וואָס קען מען אַ בוטשער אויפקלעהרען? — פרעגט ער מיך, מיט אַ איראָנישען שמייכעל.

— אַי, מיין ליבער פריינד, עס איז פאַראַן זעהר אַ סך אויפצוקלעהרען די בוטשערס. אָט, שטעהט איהר דאָ אין דער סטאָרקע וואָס עס פּאַסט זיך ניט צו די היינטיגע צייטען. היינ־טיגע צייטען פאַרלאַנגען די קאָסטאָמער ריינע, שעהנע און מאָ־דערנע בוטשער סטאָרס — גיב איך איהם אַ קיבעץ.

— איהר רעדט וועגען ריינע, שעהנע און מאָדערנע בו־טשער סטאָרס? פרעגט מיך, איך וועל אייך דערצעהלען, איך האָב שוין מיינע ציין אויפגעגעסען אין די ביזנעס.

איהר זאָלט ניט מיינען, אז איך בין א געגנער פון ריינקייט, אָבער איך זאָג אייך, אז ריינקייט דאָ אין דעם געגענט פאר'ן אידישען בוטשער טויג ניט.

אַט הערט אַ מעשה, וואָס מיט מיר האָט פּאסירט.

ווי געזאָגט בין איך שוין א בוטשער א שעהנע פּאָר יאָהר, איך מאַך א שטיקעל לעבען.

מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט זיך מיין שוואָגער פארגלוסט, צו ווערען א פּארטנער מיט מיר אין בוטשער סטאָר, ער האָט געהאט א שעהנע פּאָר דאָלאר, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט זייענדיג א לענגערע צייט א מאַנופעקטשורער, ניט אַנדערש אז מיר זאָלען איינפיקסען א בוטשער סטאָר, עס האָט זיך געוואָלט זיין מיט לייטען גלייך.

אזוי ווי עס איז געשטאַנען א ליידיגע גרויסע סטאָר נעקסט צו מיין סטאָר, קלעהר איך אזוי: קאָסטאָמער האָב איך, אַלטע, איינגעטרייעטע.

וואָס וועט די קאָסטאָמער ארען, אז איך וועל מיין פּלאַץ איבערמופען און איינפיקסען, און מאַכען איהם ווי א בראָדוועיער „פענסי פּלאַץ". ווייסע ווענט, גרויסע עלעקטרישע לאָמפּען, שעהנע מארבעל פיקטשורס.

קלעהר איך אזוי: מיינע אַלטע קאָסטאָמער וועל איך דאָך ניט פארלירען, זיי וועלען דאָך געוויס דאַנקבאַר זיין, דערצו וועל איך נאָך צוקריגען נייע קאָסטאָמער, וועט זיך אונז באַצאָלען.

נאָר דעם אמת געזאָגט, עס איז מיר ניט אַזוי געגאַנגען אין די גרעסערע פארדינסטען, ווי איך האָב פשוט געוואָלט האָבען א „קלינעם" פּלאַץ.

אַלזאָ, ניט לאַנג געטראַכט, איך האָב אריינגענומען מיין שוואָגער אַלס א פּארטנער, איך האָב ארויסגעשטעלט גרויסע „סיינס", אז דער בוטשער סטאָר מופט „נעקסט דאָר", און דאָס וועט זיין דער שעהנסטער פּלאַץ אין דעם געגענט, און זיך גענומען צו דער ארבייט.

מיר האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין געלט, איך האָב גע־

וואַלט, אַז אויב „פענסי" טאָ זאָל זיין „פענסי"!

מיר האָבען איינגעפיקסט אַלעם מיט אַ ברייטער האַנט, און הערט איהר, ווען דער בוטשער סטאָר האָט זיך געעפענט איז דאָס געווען, ממש, ווי זאָל איך אייך אויסמאָהלען? — אַ פּאַלאַץ. אונזער סטאָר האָט פאַרטונקעלט אַלע בוטשער סטאָרס אין דעם געגענט.

די ווענט ווייס, די ווינדאָוס גרויס פון בעסטען גלאָז, די אויפשריפטען האָבען אַרונטערגעשריגען פון די ווינדאָוס. שעהנע גרויסע עלעקטרישע לאָמפּען.

מיר האָבען אַריינגענומען דריי אַרבייטער, און איך מיט זיי האָבען אָנגעטאָן ריינע קאָוטס און פאַרטוכער גאָר אַזוי ווי אין בראָדוועי.

הכלל, מיר זיינען געווען זעהר צופרידען מיט אונזער אויפטו. אין דעם טאָג ווען אונזער ניי איינגעפיקסטער בוטשער סטאָר האָט זיך געדאַרפט עפענען פאַר די קאָסטאָמער, איז ביי מיר געווען אַ יום טוב.

איך האָב געפילט פּונקט ווי איך וואָלט אויסגעגעבען מיין טאָכטער.

אָבער דאָ קומט די צרה, עס איז אַוועק אַ טאָג, עס זיינען אַוועק צוויי טעג. און קיין קאָסטאָמער באַווייזען זיך ניט. דער פּלאַץ איז געווען כמעט פּוסט.

ווען ניט ווען האָט זיך אָפּגעריסען עפּעס אַ נייער קאָסטאָמער, אָבער די אַלטע זיינען ווי אויסגעשטאָרבען, אין דער ערד אַריין!

עס איז געווען „ביזי", נאָר די גאַנצע „ביזי" איז געווען אין דרויסען.

צעהנדליגע מענשען זיינען געשטאַנען אַרום, אָבער „אינסייד" האָט קיינער ניט אַריינגעשמעקט. פּרויען, מענער, באָיעס מיט מיידלאַך פּלעגען שטעהן אַרום די ווינדאָוס און קוקען.

אַנדערע זיינען געשטאַנען און אָפּגעשאַצט וויפיל דער בוטשער סטאָר איז ווערט, אָבער אַריינגעהן „אינסייד" — לא מיט אַן אלף.

ווי איך האָב דערזעהן אַז די ווייבער קומען ניט, בין איך אַליין אַרוים צווישען זיי, הערען און שמעקען פאַרוואָס דאָס איז . . .

אָט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבען מורא, צו „פענסי" . . . מסתמא קאָסט דאָרט יעדע זאַך אַ מיליאָן! מען וועט פון זיי אָפּשינדען די הויט, און די הויפּטזאַך, עס איז צו־ריין, צו־זויבער.

איך בין געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר און געשלעפּט מיינע אַלטע קאָסטאָמער אין בוטשער שאָפּ.

אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, זיי האָבען ניט געוואָלט אַריינשמעקען.

— מיסעס! — האָב איך איינמאָל געפרעגט אַן אַלטע קאָסטאָמער — פאַרוואָס קומט איהר ניט אַריין אין מיין בוטשער סטאָר?

— מיסטער, איהר לאַכט פון מיר! — האָט זי געזאָגט — אַזאַ „פענסי" פּלאַץ איז בלויז פאַר רייכע, אָבער ניט פאַר אונז, פּראָסטע מענשען.

— אָבער מיסעס, איך לייז ניט טייערער! — האָב איך זיך געבעטען — די פּרייזען זיינען די אַלטע!

איך האָב געזעהן אַז אונזערע פאַר דאָלאַר זיינען פאַרלאָרען,, האָב איך צוגעמאַכט דעם נייעם סטאָר, איך בין אַריין צוריק אין מיין אַלטען סטאָר.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגען, באַלד זיינען מיינע אַלטע קאָסטאָמער צוריקגעקומען.

עס איז געוואָרען צוריק „ביזי" ווי אין די פריהערדיגע צייטען. איצט פאַרשטעהט איהר מיך צי ניין! ריינקייט, שעהנקייט, פענסיקייט דאָס זיינען פיינע זאַכען — ניט פאַר אונזער געגענט.

וואָס האָב איך דעם אַלטען געקענט ענטפערען, אַז פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער זעהר גערעכט. געהט און קלערט אויף אַזאַ אַלטען בוטשער!

דער געוועזענער קצב

אין דער היים, אין זיין שטעדטעל, איז דער אַלטער געווען אַ קצב. געקומען איז ער קיין אמעריקע צו זיין זוהן, וועלכער האָט דאָ געהאַט אַ בוטשער סטאָר.

די ערשטע צייט איז דער אַלטער געווען אַ דערשלאָגענער. ער איז געוואוינט געווען מען זאָל ביי איהם פרעגען עצות. סיי אין פריידען און סיי אין ליידען, חלילה, פלעגט ער טרייסטען יעדען עצות געבען. דאָ אין אַמעריקע איז ער נעבאַך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גאָרנישט. דאָ איז ער געוואָרען אַ פּראָסטער, אַלט מאָדישער געוועזענער קצב, וואָס טויג צו גאָרניט, גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געהאַנדעלט מיט פלייש. טאָמער פרעגט ער עפּעס דעם זוהן וועגען די געשעפטען, שמייכעלט יענער, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ קינד און געפרעגט פאַר אַ שפּילכעל... ווערט ער אין כעס, לאָזט אַראָפּ זיין קאָפּ ווי אַ דערשלאָגענער און עס גליסט זיך איהם צו וויינען טאַקע ווי אַ קינד.

— זיי ניט בייז, טאַטע! — פאַרענטפערט זיך דער זוהן — איך האָב ניט געמיינט קיין שלעכטס! אָבער דו פאַרשטעהסט ניט די היגע ביזנעס. דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערע מעטאָדע, דאָ שניידט מען אַנדערש ווי אין דער היים און דאָ פאַרקויפט מען אַנדערש.

איז שוין דער אַלטער געוואָרען איבערציינגט, אַז זיין זוהן איז גערעכט, ווייל טאַקע, וואָס ווייסט ער פון אמעריקאַנער בוטשער ביזנעס?

אוועק זיינען עטליכע חדשים. דער אַלטער פלעגט זיך טרעפען מיט זיינע לאַנדסלייט אין שוהל, אָבער אויף גיך, האָט מען אָפּגע׳פּטר׳ט מיט אַ — וואָס טוט מען? און מיט אַ־וואָס מאַכט מען? — דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל מען איז דאָ אַזוי פאַריאָגט, אַזוי פאַרשמייעט אין ביזנעס, אַז מען ווייסט ניט צי מען

לעבט. אויף שנעל טוט מען אַ ליג טלית און תפילין, איידער מען קוקט זיך אום, איז מען שוין פאַרטיג. דעם יונגען דור זעהט מען זעלטען אין שוהל, סיידען ווען איינער דאַרף קדיש זאָגען.

— אידישקייט — פלעגט דער אַלטער זיך באַקלאָגען — האָט מיר אַ שעהן פּנים, מ׳שטיינס געזאָגט, קיין שבת, קיין יום טוב, ווער פיהלט עס דעם טעם פון אַ יום טוב? אַלעס איז קאַלט, פאַרגליווערט. קאַלט איז אויך איינער צום אַנדערען, זייערע פּנים׳ער קאַלט. וואו זעהט מען דאָ דאָס היימישע לעבען, דאָס ליבליכקייט, וואו דאָס גאַנצע שטעדטעל אידען זיינען ווי איין משפחה. דאָרט קען איינער דעם צווייטען פון ווינגעל אַרויס. דאָרט אַ שבת, אַ יום טוב, אַ שמחת תורה, וואָס פאַר אַ נחת, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען! אַך, גאָט, וואָס פאַר אַ זיסע צייטען דאָס זיינען געוועזען!

דאָ אין אַמעריקע איז אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. אָט האָט ער אַן איינינקעל, אַ היבשער בחור׳ל, אָבער פון אידישקייט ווייסט ער ניט. ער האָט זיך איינמאָל וועגען דעם פאַנאַנדערגערעדט מיט זיין שנור און זוהן:

— סטיימש, קינדער, אידישקייט! אייער קינד ווייסט גאָרניט פון אידישקייט! נעמט אַריין אַ מלמד, זאָל ער איהם כאָטש אויס־לערנען דאַווענען:

— איי, שווער, לעבן, אונזער בענעלע, זאָל געזונד זיין, האָט געלערענט ביי אַ מלמד, האָט איהר געדאַרפט הערען אַ „ספּיטש" וואָס ער האָט געהאַלטען צו זיין בר־מצוה, געוועזען אַ פאַרגעניגען צו הערען. עס האָט אָפּגעקאָסט אַ שטיק געלד, מיר האָבען גע־מאַכט אַ רעגעלע חתונה מיט מוזיק אין אַ האָל מיט אַ פיינעם סאַפּער און מען האָט פאַרבראַכט ביז טאָג.

— נו, ליגט ער תפילין? קען ער דאַווענען? — האָט דער אַלטער נעפרעגט.

— ווי האָט ער צייט, אַז ער מוז לויפען אין קאַלעדזש! איהר מיינט אַז קאַלעדזש איז עפּעס אַ גרינגע זאַך? ער האָט אפילו ניט קיין צייט צו עסען, און אַמאָל קען ער אפילו קיין גלאָז מילך ניט אויסטרינקען.

— איי, קינדערלאך מיינע, אונזער אידישער דור ווערט וואס אמאל שוואכער, און שולדיג זיינען נאר די עלטערען. זיי גיבען די קינדער אזא ערציהונג, זיי גיבען אוועק די גאנצע צייט צו מאכען זיי פאר מענשען, אבער ניט אביסעלע צייט צו מאכען פון זיי אידען.

— דו האסט א טעות, טאטע לעבען, אין יוראפּ אז א קינד איז ניט געווען אידיש ערצויגען, פלעגט מען זאגען, ער וועט זיך שמד'ען, אבער דא אין אמעריקע, הערט מען ניט פון דעם, כאטש מען גיט זיי ניט קיין אידישע ערציהונג. דו קענסט נאך ניט די אמעריקאנער יוגענט.

— נו, זיינען זיי דען ניט ערגער פון גע'שמד'טע? — האט דער אלטער ארויסגערעדט מיט א ציטערדיג קול.

— געה שוין, דו וועסט איהם ניט איבערצייגען — האט די שנור געזאגט — אפשר וועט ער זיך אמאל איבערצייגען — האט זי פארדראסיג גערעדט.

דער אלטער האט געוואלט די שנור איבערבעטען, האט ער מיט א נידעריגען טאן ארויסגערעדט:

— איהר ווייסט דאך, קינדער מיינע, אז איך בין ניט גע־וואוינט צו אזא לעבען, עפּעס דערקענט מען ניט דא אין דעם לאנד, ווער עס איז א איד און ווער עס איז א גוי.

נאך א זאך האט דעם אלטען געקו'ענקט. ער זעהט זיין איי־ניקעל, בעני, א שעהן בחור'ל, ביי א 17 יאהר, שעהן אנטוויקעלט, מיט א גוטען פארשטאנד, עס ציהט איהם, איהם ארומצונעמען, צודריקען צו זיין אלטער פאטערליכער ברוסט, אבער יענער איז פון דערוייטען, זיי פארשטעהען זיך ניט, זיי קענען זיך ניט, זיי זיינען פרעמדע, די שפּראך צוטיילט זיי. איינמאל האבען זיי זיך בלויז צוקושט. דאס איז געווען ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע, אבער ניט מעהר. זיי באגעגענען זיך ווי פרעמדע מענשען, איהם דאכט זיך אז דער אייניקעל קוקט אויף איהם מיט א שפּאטישען בליק, ווען ער גיט א קוק אויף זיין בארד, וואס ער היט אפּ ווי אן אויג אין קאפּ, ער איז שטאלץ אויף זיין בארד. אבער דא אין

אמעריקע איז זיין באַרד ווי דאָרן אין די אויגען ביי דער יונגער, קליינער חברה.

איינמאָל געהענדיג אין שוהל אריין מיט דעם תפילין זאַק אונטער דעם אָרעם, זיינען איהם באַפאלען א חברה „קונדייסים" זיי האָבען איהם ארומגערינגעלט און געשריען מיט שפּאָט און געלעכטער: „סענטי קלאָוז, וואָיסקער! וואָיסקער!" ער האָט זיך געזוכט צו באַשיצען און מיט'ן שטעקען זיך פארטיידיגען. דאָס האָט ביי דער קליינער חברה ארויסגערופען נאָך מעהר „פאָן", זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אָפּטשעפּען.

ער איז געווען אין אַ גרויסער פארלעגענהייט און ער האָט געזוכט אַ אידען, וואָס זאָל איהם פארטיידיגען, איהם ארויס־שלעפּען פון זיין ביטערער לאַגע.

דער אַלטער איז געשטאַנען אַ פארשטיינערטער פון שרעק. ער איז געווען אזוי פיל מיט צער, אז ער האָט ניט באַמערקט ווי עס איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן און האָט זיך אריינגעלאָזט מיט דער חברה אין אַ קאַמף, זיך אָננעמענדיג פאר דעם אַלטען מאַן. ער איז שנעל אַנטלאָפען אין שוהל אריין.

אַהיים קומענדיג, האָט ער געטראָפען אַ גאַנץ איבערקערעניש אין הויז, די שנור איז ארומגעגאַנגען אַ פאַרוויינטע, אַ ברוגז'ע און ניט געענטפערט אויף דעם אַלטענס גוט מאָרגען.

— וואָס איז געשעהן? — האָט דער אויסגערופען אַ דער־שראָקענער.

— נעהט שוין מיט אייער פרומקייט! — האָט די שנור זיך געבייזערט.

— וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

— נעהט קוקט אָן בענעלען, וועט איהר געוואויר ווערען.

דער אַלטער איז אריין אין בעני'ס רום, וואו בעני איז געלעגען דאָס פּנים באַליינט מיט נאַסע האַנטוכער, אַ פארשוואָלענער, אַ צעשלאָגענער.

— וועה איז מיר! וואָס האָט פּאַסירט? בענעלע! ווער האָט עס דיר געטאָן? — האָט דער אַלטער מיט שרעק געפרעגט.

— ער איז שיעור ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך אייך!

— האָט די שנור געשריען.

— דורך מיר? — האָט דער אַלטער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יעס, דורך אייך! בענעלע האָט זיך פּאַך אייך אָנגענומען. פאַר אייער באָרד.

דער אַלטער איז געבליבען שטהען אָהן לשון פון פאַרוואונדערונג, אז אָט דער ניט־אידיש געלערענטער איינגעל, וואָס האָט ניט קיין אידיש פּנים, האָט זיך אָנגענומען פאַר׳ן זיידענס כבוד, עס האָט איהם אַרומגענומען אַ ווארעמקייט ביים הארצען, ער איז דאָן צו צום באָי, האָט איהם אַרומגענומען און באַדעקט מיט הייסע קושען.

פליישמאן דער כל בוניק

אפגע׳פטר׳ט די גרויסע ביזי, שטעהט פליישמאן אין זיין „גאלד מיין” און קלערט ווענען ער זאל פריהער באצאהלען דעם ביל פרייטאג. צי זאל ער פריהער באצאהלען דעם ספעקוליטאר פאר די צוויי שטיקלאך פלייש, אדער דעם מארקעט מאן פאר די דריי דאזען טשיקענס וואס ער פארקויפט די גאנצע וואך.

שוין א לענגערע צייט ווי ער צאהלט איין פרייטאג דעם ספעקוליטאר מיט דעם געלייזטען געלט פון די טשיקענס, און דעם צווייטען פרייטאג צאהלט ער דעם מארקעט מאן מיט דעם געלייזטען געלד פון פלייש.

די פאך דאלאר וואס ער נעמט איין קומט איהם אן מיט ביטערע גאל, ער יאגט פון זיך די קישקעס ארויס, ווייל די גרויסע ביזי הויבט זיך ערשט ביי אהם אן ארום 9 אזייגער אין דער פריה ווען די ווייבער שיקען אוועק זייערע קינדער אין סקוהל, און עלף אזייגער שטעהט ער שוין ליידיג.

אן אייזערנע געדולד האט דער פליישמאן צו זיינע פאר קאסטאמער, ווייל די לעצטע צייטען איז געווארען א מאדע אין די ארבייטער קווארטאלען, אז יעדער בוטשער וואס מוטשעט זיך פאר א שטיקעל ברויט מוז זיין אן „איסט”. ער מוז באלאנגען צו א פארטיי, צו א באוועגונג, צו א קלייזעל, צו א שוהל. ער מוז זיין א מאן מיט אן אויסגעשפראכענעם „איזם”, מיט א געוויסער פאליטיק, ווען ניט, וועט קיינער צו איהם ניט אריינשמעקען.

אלזא, וואס איז פליישמאן ,

פליישמאן איז א סאציאליסט, זאגען די סאציאליסטישע ווייבער.

פליישמאַן איז אַ נאַציאָנאַליסט, זאָגען די ציוניסטישע ווייבער.

פליישמאַן איז אַ קאָמוניסט, זאָגען די קאָמוניסטישע קאָסטאָמערס.

— פליישמאַן! — שרייט אַ קאָסטאָמערקע, וואָס שטעהט און וואַרט אויף איהר נעקסט, — זאָגט מיר, פליישמאַן, וואָס זיפצט איהר אַזוי? זעהט וויפיל קאָסטאָמערס איהר האָט קיין עין הרע?

— איך זיפץ, ווייל עס איז דאָ אַ היטלער אויף דער וועלט וואָס פאַרפאָלגט אונזערע אָרימע ברידער.

— בראַוואָ! — רופט זיך אָפּ אַ נאַציאָנאַליסטקע.

— עה, — רופט זיך אָפּ אַ סאָציאַליסטקע, — די אידען און די קאָמוניסטען זיינען שולדיג ווייל זיי האָבען זיך ניט אָנגעשלאָסען אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, ווען זיי וואָלטען איינינג געווען וואָלט צו דעם אומגליק ניט געקומען.

— געוויס, — זאָגט פליישמאַן, — סאָציאַליזם איז דער שעהנסטער אידעאַל, אָבער צוערשט מוזען מיר שאַפען אַן אייגענע היים פאַר אונזערע פאַרפאָלגטע ברידער, ביז דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקליכט ווערען וועט מען דערווייל זיי אויסקוילען ווי די קעלבער.

— איהר רעדט ווי אַ ציוניסט, — רופט זיך אָפּ אַ קאָמוניסטקע, — איך בין זיכער אַז ווען די וועלט רעוואָלוציע וועט קומען, וועלען די אידען פאַרגעסען זייערע צרות. אָט נעמט זיך אַ ביישפיל פון אונזער סאָוועטען לאַנד, דאָרט איז ניט קיין אונטערשייד פון אַ איד ביז אַ גוי.

— זאָל זיין אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, — זאָגט פליישמאַן, ווינקענדיג מיט איין אויג צו דער נאַציאָנאַליסטקע, — אַבי אין פאַלעסטינע, דאָרט קענען מיר אויך האָבען אַ סאָוועטישע לאַנד.

— בראַוואָ, — שרייט די נאַציאָנאַליסטקע, — איהר רעדט זעהר לאָגיש, פליישמאַן.

און אונזער פליישמאַן טראַכט ביי זיך, וואָס פאַר אַן אומגליק איז אויסגעגאַנגען אויף דעם אידישען בוטשער. אַך, ווי העלפט מיר שוין גאָט, אַז איך זאָל פטור ווערען פון דער בוטשער סטאָרקע און שטעהן ערגעץ אין ביזנעס אין אַ גוי־שע געגענד וואו איך זאָל ניט דארפען צובאָמקען צו יעדער נארישקייט וואָס די ווייבער פלאַפלען.

אַ פרייער זונטאג

זונטאָג, אַ פרייער טאָג, די סטאָר איז צוגעמאַכט, האָט מיסטער אָקסמאַן דער בוטשער באַלד נאָכ׳ן עסען גענומען אַרומגעהן איבער די רומס אין גענעצען.

דאָס בויטשיקעל זיינס איז איהם נאָכגעגאַנגען טריט־נאָך־טריט האָט איהם צוגעהאַלטען ביי אַ פוס, און איהם געמאַטערט מיט פראַגען: פאַרוואָס די מאַמע האָט נאָך אַ ברודערל און ניט קיין שוועסטערל? און פאַרוואָס קומט די זון יעדען פאַרנאַכט אין בוטשער סטאָר? מיסטער אָקסמאַן האָט איהם געהאַלטען אין איין טרייבען פון זיך, און בייסען די נעגעל, קוקען דורך די ווינדאָוס, ווי פון פריזאָן אַרויס.

אָקסמאַן האָט זיך ערשט מיט אַ טאָג פריהער געהאַט איבערגעבעטען מיט זיין וויבעל פון אַ ברוגז, וואָס האָט אָנגעהאַלטען נאָך פון פריהעריגען זונטאָג, דערפאַר וואָס ער איז פאַרפאַלען געוואָרען פון הויז אויף אַ גאַנצען טאָג, ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט. ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער געהט צו אַ מיטינג פון זיין לאָקאַל, וואו ער איז דאָרט אַ שטיקעל בעאַמטער, אָבער זיין פרוי האָט נאָכדעם אויסגעפונען פון זיין פריינד, אויך אַ בעאַמטער פון לאָקאַל, אַז ער איז דאָרט ניט געוועז. איבער׳חזר׳ן אַצינד נאָכאַמאָל דאָס זעלבע איז איהם אויסגעקומען פריקרע, פאַרבלייבען ווייטער אין הויז האָט זיך אָקסמאַנען ניט געוואָלט, אַזוי ווי עס ווילט זיך ניט שטאַרבען.

— טאָ, נו, וואָס וועט זיין? — האָט ער פלוצלונג אַרויסגעזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו די ווענט, — נודנע, אומעטיג! איך מיין, וואָס וועט מען עפּעס אָנהויבען טאָן?

דאָס וויבעל וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיט׳ן קינד אין קערידזש, האָט דעם קינד געשטופּט דאָס באָטעל מילך אין מויל,

און דאָס קינד האָט אַלעמאָל ארויסגעוואָרפען דעם נאַפּעל, האָט פארריסען די פּיסלאַך, זיך געקרומט, און געשטרעקט די הענטלאַך צו דער מוטערס ברוסט — האָט נאָך פריהער באמערקט, אז איהר מאַן טאַנצט ארום נעבען פענסטער, אזוי ווי א קאַטשקע ביים וואסער. זי האָט אָבער זיך ניט ווייטענדיג געמאכט.

— וואָס פרעגסטו? — האָט זי, ניט אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ פון קערידזש, א זאָג געטאָן.

— איך פרעג . . . איך ווייס? . . וואָס וועט זיין מיט'ן טאָג? פרעג איך! מען וועט דאָך ניט זיצען דעם גאַנצען טאָג אין הויז און זיך נודיען! . . .

— א גאַנצען טאָג אין הויז און זיך נודיען — האָט זי איהם נאָכגעקרימט. עס נודיעט איהם שוין! א מענש זאָל ביי זיך אין הויז ניט קענען איינזיצען קיין פינף מינוט, — זיך נודיען!

— אָבער . . . אָבער . . איך מיין לאָמיר ערגעץ געהן! לאָמיר געהן צו די קאָטלערס . . . — האָט ער אויסגעשטאַמעלט. זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירען, אז ביי די קאָטלערס איז ניט קיין שעהנערע הויז ווי ביי זיי. און וואו שטעהט דאָס געשריבען, אז זיי דארפען פּראָווען וויזיטען ביי יענעם? פארוואָס זאָלען יענע ניט קומען צו זיי? . . . — ז' האָט אָבער מורא געהאָט איבערצוציהען דאָס שטריקעל.

— צו די קאָטלערס? נו, מילא, אז דו קענסט ניט איינזיצען אין הויז, זאָל זיין צו די קאָטלערס, וואָס זשע טוט מען מיט'ן קינד? מען האָט ערשט אנטוועהנט, און הערעלע איז אויך ניט עפּעס מיט אַלעמען.

— אָט האָסטו דיר! דאָס קינד האָט מען אנטוועהנט! הערעלע איז ניט מיט אַלעמען, וואָס נאָך עפּעס? מע . . . מע . . . מע . . . איך מיין, וואָס זשע הייסט דאָס — מען קען דאָך ניט זיצען אין הויז. מען האָט אנטוועהנט דאָס קינד, געהערט אַזעלכעס?

האָט די מיסעס אָקסמאַן זיך גענומען אָנטאָן, און אָקסמאַן איז געשטאַנען נעבען קערידזש און האָט געהאַלטען אין איין

טראַמאַסעוועו מיט דעם ווײנענדיגען קינד. ער האָט גענומען שפּרינגען פון דער הויט, ווײל דאָס אינגעלע שלעפּט אַרום די קאַץ ביים עק.

— געה, געה, לאָז אָפּ די קאַץ, דו!... זי וועט דיר אויסדראַפּען די אויגען, וועט זי דיר! האָסטו געהערט, אַ קינד זאָל נאָר האָבען אַן עסק מיט קעץ!... און דו, דו? פאַרוואָס שלאָפסטו ניט איין?... קינדער! קינדער! זײנען דאָס! רוחות, ניט קיין קינדער!.. זיץ אין הויז און האָב צו טאָן מיט זיי! איך האָב דיר געזאָגט... לאָז אָפּ די קאַץ, זאָג איך דיר!...

געשריגען האָט ער אויף די קינדער, נאָר געמיינט האָט ער זיין ווייבעל, וואָס איז געשטאַנען ביים שפּיגעל מיט די נאַקעטע אָרעמס און געשטופּט שפּילקעס אין די האָר.

— וואָס וואַרפסט שוין דאָרט מיט דיר? האָסט געזעהן? איין מינוט ווען ער באַדאַרף זיין נעבען זיי, קערט זיך וועלטען! דאָרט ביי די מיטינגען ביזטו אויך אַזוי אומגעדולדיג?... וואָס זאָל איך שוין זאָגען, אַז איך דאַרף מיט זיי זיין כסדר? — האָט זי נערוועז אַרויסגעזאָגט.

ער האָט מיט צײנקריצעניש אַ ווײלע געשוויגען. נאָכדעם האָט ער נערוועז אַרויסגעזאָגט.

אָבער איך מיין... ביז וואַנען איז דער שיעור?... ווי לאַנג?... וויפיל האָר־שפּילקעס, למשל, דאַרף מען דאָרט אַריינשטופּען?... עס איז דען קינדער? אָט, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט און שטעהט דאָרט... און דו שטעה און האָב מיט זיי צו טאָן... געהסט ניט אַוועק, דו? דו! וויפיל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז דו זאָלסט אָפּלאָזען די קאַץ?! דו! וועסט אויפוואַקסען אַ גענגסטער, וועסטו אויפוואַקסען! נאַ, נאַ זשע דיר!...

דאָס אינגעלע האָט גענומען מאַכען געוואַלדען. דאָס קינד אין קערידזש האָט זיך צושריען און אַקסמאַן האָט גענומען אַרומטאַנצען איבער דעם רום.

— געזעהן א הויז?! זיץ אין הויז! אין הויז זאָל איך זיצען! זיץ אין הויז... זאָגט זי! אז פארברענט זאָל עס ווערען מיט אזא הויז! אין הויז זאָל מען איהר זיצען!...

און אָקסמאַן האָט געכאַפּט אויף זיך דעם ראָק מיט דעם העט, האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, און איז אַוועק

פאַרטריבען זיינע קאָנקורענטען

אין יענעם געגענט וואו מר. שונדמאַן האָט געהאַט זיין בוטשער שאָפּ, האָבען זיינע קאָסטימערס געביטען זייערע מיינונגען וועגען איהם. כמעט יעדער קאָסטימער און שכן וועט אייך זאָגען, אז די לעצטע צייט איז שונדמאַן געוואָרען א פילאַנטראָפּ. דאָס איז פאַר אַלעמען געקומען אונערוואַרטעט, ווייל ביז מיט א קורצע צייט צוריק האָבען די זעלבע מענשען וועגען איהם געהאַט א גאַנץ אַנדערע מיינונג. ווען עמיצער האָט גערעדט פון שונדמאַנען, האָט מען איהם גערופען דער קאַרגער בוטשער.

שונדמאַן איז געוועזן אַזאַ מענש וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך אַבי צו מאַכען געלט, פאַרוואָס יענע מענשען האָבען אַזוי שנעל געביטען זייער מיינונג, וועלען מיר אייך דערצעהלען.

מיט א פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען שונדמאַן איז געקומען אַהער, איז ער געוועזן אַזוי ווי אַלע אריבערגעקומענע אין יענער צייט.

אין דער אַלטער היים האָט שונדמאַן געאַרבייט פאַר א קצב. קומענדיג אַהער האָט ער באַשלאָסען צו האַלטען זיך ביי זיין פאַך.

ער האָט געאַרבייט און געשפּאָרט ביז ער האָט געהאַט גענוג, דאַן האָט ער באַשלאָסען צו געהן אליין פאַר זיך אין ביזנעס. ער האָט געזוכט א בוטשער סטאָר ערגעץ אין א לעבעדיגען געגענט. קיין סך רענט האָט ער ניט געוואָלט צאָהלען, און עס איז איהם געלונגען אָפּצוקויפען א בוטשער סטאָר פאַר א ביליגען פּרייז מיט א לאַנגען ליעס.

מיסטער שונדמאַן האָט געהאַלטען דעם בוטשער סטאָר א פּאָר יאָהר. די ביזנעס זיינען געוועזן ניט שלעכט, ער האָט אפילו דורך דער צייט געהאַט פאַרשיעדענע געלעגענהייטען צו פאַרקויפען

זיין סטאָר פאר א זעהר גוטען פרייז, אָבער דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט א לאַנגען ליעס, האָט ער זיך ניט געאײלט צו פאַרקויפען. ער האָט באַלד אין אָנפאַנג אײנגעפיהרט צו געבען זיינע קאָסטימערס די בעסטע וואַרע, זיין נאָמען איז געוואָרען פּאָפּולער אין זיין נאַכבאַרשאַפט, אָבער ווי זאָגט מען, יעדע גוטע זייט, האָט אויך א שלעכטע. ער האָט באַלד אײנגעפיהרט ביי זיך אין די ביזנעס קיינעם ניט צו באָרגען א פונט פלייש. קיינער קען ניט זאָגען, אַז עמיצער האָט ביי איהם גענומען אויף באָרג.

אין יענער צייט איז ער געווען אין זיין געגענד דער אײנ־ציגער, און ער איז געוואָרען שטאַרק אינדעפּענדענט, ווען א קאָסטימער האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט, פלעגט ער זאָגען: ווען עס געפעלט אייך ניט מיין וואַרע, זענט איהר אײנגעלאַדען צו געהן ערגיץ אַנדערש. איך גיב די בעסטע וואַרע און איהר האָט ניט קיין אורזאַך צו באַקלאָגען זיך.

מיט אַמאָל האָט זיך פונקט געגען איבער זיין סטאָר אויפ־געמאַכט א נייער בוטשער שאַפּ מיט ביליגע פרייזען און אויך גוטע וואַרע. אונזער שונדמאַן האָט זיך פון אָנהויב אויסגע־לאַכט פון זיין קאָנקורענט, אָבער אין האַרץ האָט ער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז קיין געזונט וועט איהם פון דעם ניט צו־קומען.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און עס האָט זיך באַוויזען מיט צוויי סטאָרס ווייטער נאָך א בוטשער שאַפּ, דער ניי־ער האָט נאָך ביליגער פאַרקויפט. לאַנגזאַם האָט זיין געשעפט אָנגעהויבען צו זינקען. מר. שונדמאַן האָט שוין פּאַוואַ־לינקע אָנגעהויבען צו שמייכלען די קאָסטימערס וואָס זיינען ביי איהם פאַרבליבען ער האָט ענדליך אַוועקגענומען זיין האַנט פון האַרץ, און ניט איינמאָל געפרעגט א קאָסטימער, אויב זי איז צופרידען פון זיין וואַרע.

די אַנדערע צוויי בוטשערס האָבען דערווייל קאָנקורירט מיט זייערע פרייזען אויף וואָס די וועלט שטעהט. שונדמאַן האָט אַלץ אָנגעהאַלטען זיינע פרייזען.

מיט אמאָל האָט זיך באוויזען אין פענסטער פון איינעם פון די נייע בוטשער סטאָרס א סיין מיט אזא אינהאלט: „קאַלבס פלייש צוויי פונט פאר א קוואָדער".

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און דער צווייטער האָט ארויס־געשטעלט א סיין „ביי מיר קען מען קריגען דריי פונט קאַלבס־פלייש פאר א קוואָדער".

אונזער העלד האָט אלץ ניט געוואָלט אראָפּלאָזען פון פרייז, ער האָט זיך אָבער שטארק געוואונדערט, ווי אזוי זיינע קאָנקור־רענטען קענען פארקויפען אזוי ביליג — ניט אנדערש זיי מוזען דערלייגען די קעפּ, און וואָס מעהר קאָסטימער זיי האָבען, אלץ מעהר מוזען זיי דערלייגען.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָבען די שכנים דערזעהן אין שונדמאַנס פענסטער פון בוטשער שאַפּ א סיין מיט דער פאָלגענדער אויפשריפט: „אזוי ווי די צייטען זיינען יעצט זעהר שלעכט, מענשען געהען ארום אָהן ארבייט, קען יעדער ארבייטסלאָזער קומען צו מיר און באקומען פון צוויי ביז דריי פונט קאַלבס פלייש אָהן געלט".

אויף אזא געלעגענהייט האָבען א סך ארבייטסלאָזע פון יענעם געגענט שוין לאַנג ארויסגעקוקט. עס האָבען זיך געגעבען א לאָז גענוג נויטבאדערפטיגע. מר. שונדמאַן האָט יעדען פון זיי געגעבען צו קוואָדערס און זיי געשיקט צו זיינע קאָנקורענ־טען נאָך פלייש . . .

עס האָט איהם אָפּגעקאָסט א צעהנדליג דאָלאר, אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט פארטריבען זיינע קאָנ־קורענטען און אויך גלייכצייטיג זיך געמאַכט א נאָמען אלס א גרויסער פילאַנטראָפּ. איין קליינינקייט געגעבען אזוי פיעל הונגעריגע מענשען פלייש אָהן געלד.

אָבער וואָס זיין אבזיכט איז געווען, האָבען זיי ניט פאר־שטאַנען.

בוטשער בילס

מיינער אַ באַקאַנטער בוטשער וואָס האָט זיין סטאָר אין אַזאַ געגענט וואו עס וואוינען רעגירונגס אָנגעשטעלטע, ווי, למשל, פּאָסט אָפיס ארבייטער, פייערלייט און קאָורט אָנגעשטעלטע, האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר אַז ער וואָלט ווי עס איז געמאַכט אַ לעבען, נאָר די צרה איז אַז זיינע קאָסטאָמער נעמען ביי איהם אויף באָרג, זיי צאָהלען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין אַ מאָנאַט, און ער האָט תמיד טראָבעלס מיט די בילס, ווען מען דאַרף צאָהלען אַ פּאָר דאָלאַר אויף איינמאָל, פאַרלירט מען דעם חשק.

איך בין מיט איהם געוועזן הונדערט פּראָצענט איינשטימיג אַז דאָס איז אַזוי, ווייל איך האָב געקענט אַזאַ מאַן וואָס איז תמיד געוואָרען אין כעס ווען ער האָט באַדאַרפט באַצאָהלען דעם ביל.

דעם מאַנ'ס נאָמען איז געוועזן מר. גרינגאל. זיין פרוי האָט גענומען פלייש און טשיקענס ביים בוטשער אויף באָרג. איינמאָל אין צוויי וואָכען אָדער איינמאָל אין מאָנאַט האָט זי געצאָהלט דעם ביל דערפאַר ווייל איהר מאַן האָט געהאַט אַ רעגירונגס שטעלע און האָט באַקומען „פּעי" איינמאָל אין צוויי וואָכען.

די מיסעס גרינגאל איז געוועזן זעהר אויסגערעכענט, אָבער זעהר אָרענטליך. זי האָט פיינט געהאַט צו ספּענדען אַן איבעריגען סענט, זי וואָלט אָבער קיינמאָל ניט פאַרנומען אַ צווייטענס פּעני.

יעדעס מאָל ווען מיסעס גרינגאל איז אַריינגעקומען אין בוטשער סטאָר האָט זי איבערגעפרעגט אַ פּאָר מאָל ווי טייער עס קאָסט יעדעס אַרטיקעל, זי האָט געזעהן צו ספּענדען וואָס ווע־ניגער, ווייל זי האָט אין זינען געהאַט דעם קומענדען ביל.

מיסטער גרינגאל דאגעגען האט שוין ניט געהאט אזא פיינעם כאראקטער. ער איז ניט געווען אזוי ארענטליך ווי זיין פרוי.

ווען ער קומט אמאל מיט זיין פרוי אין בוטשער סטאר הייסט ער איהר נעמען דאס בעסטע און טייערסטע, ער פארגעסט אז ער וועט דארפען באצאהלען. עס דאכט זיך איהם אז ער כאפט אריין אומזיסט און אז ער וועט ניט דארפען באצאהלען, נאר ווען עס קומט צו סעטלען דעם ביל איז ער, גרינגאל, שוין צופיל פארזיכטיג.

תמיד ביים סעטלען דעם ביל איז גרינגאל זעהר אויפגערעגט, זעהר בייז... ער פארגעסט אין גאנצען אז ער האט וואכענלאנג גענומען אויף בארג. איהם דאכט זיך אז דער ביל איז עפעס א מין גזלה. יעדען ציפער אין ביל באטראכט ער ווי א ביטערען שונא, און תמיד דאכט זיך איהם אז מען בא'גנב'עט איהם און ער פיהלט צו דעם בוטשער א ביטערען האס... נאר דאס איז אלץ ביז ער באצאהלט... קוים זיינען די פאר דאלאר ביים בוטשער, נעהט איהם אפ דער כעס, ער נעמט ווידער כאפען אויף בארג, און ער כאפט מיט אזא חשק, אזוי ווי ער וואלט נקמה גענומען פון דעם בוטשער פארוואס ער האט איהם באצאהלט אזא פיינעם ביל.

אט קומט ענדע מאנאט. גרינגאל'ס פרוי קומט פון בוטשער און ברענגט דעם ביל.

—א ביל פון בוטשער — זאגט זי אריינקומענדיג.

גרינגאל'ס פנים באדעקט זיך מיט א וואלקען, ערווארפט א בליק אויפ'ן ביל אבער אריינקוקען ווילט זיך איהם ניט, עפעס ווי ער וואלט מורא געהאט פאר א גרויסען אומגליק.

— ווייסטו וויפיל דער ביל איז? — פרעגט די פרוי.

— וויפיל? — פרעגט ער איבער מיט א ציטערדיג הארץ.

— פערצעהן דאלאר.

— פערצעהן דאלאר — שרייט ער אויס — ווי אזוי? האסט דאך ניט לאנג באצאהלט א ביל...

— וואס עפעס ניט לאנג? עס איז שוין א מאנאט! — באַרוהיגט די פרוי איהר דערשראקענעם מאן.

— שוין אַ מאָנאַט ? — ווילט זיך איהם ניט גלויבען. נאָר ווען ער קוקט אַריין אַז די דאַטומס שטימען, מאַכט ער אַ שווייג.

— נעם און רעכען איבער דעם ביל — זאָגט די פרוי צו איהר מאַן.

גרינגאַל האָט גענומען די בילס וואָס דער בוטשער גיט זיין פרוי יעדע וואָך און פאַרגליכען מיט דעם לאַנגען ביל. ער האָט גענומען רעכענען, אויב די בילס שטימען.

פלוצלונג האָט זיין געזיכט אויפגעפלאַמט מיט שמחה און ער האָט אויסגעשריען:

— אהא, איך האָב איהם געפּאַקט, דעם גנב!

— וואָס איז דער מעהר ? — האָט נייגעריג געפרעגט זיין פרוי.

— דריי דאָלאַר צוגעשטעלט.

—דריי דאָלאַר ? עס קען ניט זיין!

— יעס, יעס, דריי דאָלאַר, יענער ביל איז ווייניגער מיט דריי דאָלאַר.

— אפשר האָט ער עפּעס פאַרגעסען אַריינצורעכענען ? —האָט זיך גרינגאַל'ס פרוי ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער בוטשער זאָל זיין אַזאַ שווינדלער.

— עס איז פּשוט גנבה — האָט זיך גרינגאַל מעהר און מעהר געקאָכט — פּשוטע' גנבה.

— דאַכט זיך, ער, דער בוטשער, קוקט אויס צו זיין אַזאַ שטילער, אַזאַ אָרענטליכער.

— שור, אַזאַ שטילער, אַזאַ אָרענטליכער... — האָט דער מאַן נאָכגעקרומט זיין פרוי'ס ווערטער — שור, ער קען קיין צוויי ניט צעהלען. עס איז תמיד אַזוי. אָט די שטילינקע זיינען די גרעסטע גנבים.

גרינגאַל'ס פרוי האָט ניט געקענט פאַרטראָגען אַזאַ באַשול־דיגונג. איהר מאַנ'ס ווערטער האָבען געשניטען איהר הארץ ווי מיט מעסערס.

— פאַרוואָס זשע איז ער אַזאַ בלוטיגער אָרעמאַן ? — האָט זי פאַרטיידיגט דעם בוטשער — ווען ער זאָל קענען זיין אַ גנב, וואָלט ער מסתמא ניט געווען אַזוי אָרעם.

— וואָס ווייסטו וואָס ביי יענעם טוט זיך. אָט די גנבים מאַכען דעם אָנשטעל אַז זיי האָבען דעם טאָג ניט איבערצוקומען און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. איך געה שוין אַראָפּ צו איהם אין בוטשער סטאָר. איך וועל איהם אויסזידלען, דעם שווינדלער!

— בעפאָר דו געהסט, רעכען איבער נאָך אַמאָל — האָט זיך די פרוי געבעטען ביי איהר מאַן.

אָהן חשק האָט ער גענומען איבעררעכענען דעם ביל און ער האָט אויסגעפונען אַז עס איז גאָר פאַרקעהרט די געשיכטע:

אין זיינע בילס פון פריהער קומט אוים אַז זיין ווייב האָט גאָר מעהר געבאָרגט מיט דריי דאָלאַר, ווי עס איז אָנגעגעבען אין לעצטען ביל. און ער איז שולדיג זיבעצעהן ניט פערצעהן דאָלאַר. גרינגאַל'ן האָט זיך ניט געוואָלט צוגעבען דעם טרויעריגען אמת.

ווען די פרוי האָט איהם געפרעגט, אויב עס איז טאַקע א מיסטייק, האָט ער בייז געענטפערט:

— איך ווייס ניט... אַ ביזנעס!... געה און באַצאָהל און אַ סוף...

אַזוי ווי די פרוי איז אַרונטער פון הויז באַצאָהלען, האָט ער גענומען דעם ביל וואו עס איז געווען פאַרצייכענט דער לעצטער חשבון און צוריסען אויף קליינע שטיקלאַך...

פאַרביטען אַן אָרדער

אַמאָל, מיט יאָרען צוריק, האָט די פאַמיליע ליב, ניט היינט געדאַכט, ניט איצט געדאַכט, ניט פאַר שום אידען געדאַכט, גע־וואוינט אין דער איסט סייד, פלעגט מרס. ליב אַליין צוגעהן צום בוטשער, געקויפט אַ פונט פלייש, אָדער אַ קאַלבס געשלינגעל, באַצאָהלט און — פטור.

אָבער ווען די פראָספּעריטי איז אָנגעקומען, האָבען זיי אוועק־געמופט אויף די „קאָנקאָרס", צווישען רייכע אויפגעקומענע מענשען, אין אַ מאָדערנער הויז, אויפ'ן דריטען פלאָר. זיי האָ־בען געדונגען אַכט שעהנע רומס, לופטיגע, אַ באַרגעין, בלויז 25 דאָלאַר אַ רום. דאָס הייסט, צוויי הונדערט דאָלאַר אַ מאָנאַט. פאַרשטעהט זיך, אַז היינט געהט זי שוין ניט אַליין צום בוטשער, עס פּאַסט איהר ניט, היינט גיט זי אַן אָרדער דורכ'ן טעלעפאָן, שיקט מען איהר צו וואָס זי דאַרף. און ווען דער בוטשער אַרבייטער ברענגט איהר דעם אָרדער, שטעלט ער דאָס אַריין אין בייסמענט אין דאָמווייטאָר, רינגט די בעל, גיט אַ געשריי „בוטשער"! ווייסט שוין איהר דינסט, אַז דאָס פלייש איז דאָ, ציהט זי עס אַרויף.

לעצטען זונטאָג פרי, אַרום 9 אַזייגער, בשעת די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסען ביים ברעקפעסט, האָט זיך דערהערט אַ רינג און אַ געשריי: בוטשער! געהט די דינסט, אַזוי ווי יעדען מאָל אַרויפציהען דעם דאָמוועיטער. ערשט — עס ריהרט זיך ניט פון אָרט, ווי עס וואָלט געווען אָנגעפּאַקט מיט שטיינער.

— וואָס קען דאָס זיין, — האָט די דינסט געפרעגט — וואָס דער דאָמווייטער געהט ניט? ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שווער ווי היינט.

מיסעס ליב זעהט, ווי זי ארבייט מיט אלע כוחות . . . סאפעט . . . פרייכט . . . מאטערט זיך, קריגט זי אויף איהר רחמנות און לאזט שטעהן דעם ברעקפעסט, און העלפט דער דינסט ארויפציהען דעם דאמוועיטער. ווי זאגט מען, טאקע ניט מעהר ווי א דינסט, אבער דאך א צער בעל החיים. שלעפען זיי שוין ביידע דאס הייסט, מיסעס ליב, און די דינסט, קוים וואס דער דאמוועיטער ריהרט זיך.

זעהט דער מאן, מיסטער ליב, ווי זיי מאטערען זיך, לאזט ער אויך שטעהן דאס עסען און ער געהט זיי ארויסהעלפען.

שלעפען זיי שוין אלע דריי: און אלע דריי ווערען בא־גאסען מיט שוויים, און עס געהט ניט.

זיי פארשטעהען ניט וואס פאר אן אומגליק דאס איז, פאר־וואס איז היינט דער דאמוועיטער שווערער ווי אלעמאל? זיי וואוינען אויף דעם דריטען פלאר און דער דאמוועיטער איז נאך אפילו ניט ביים ערשטען.

דערזעהען די צוויי זיהן ווי זיי מאטערען זיך, קומען זיי אויך ארויסהעלפען.

ציהען זיי שוין אלע פינף, און דער דאמוועיטער האלט אין איין קרעכצען . . . אט, אט, דאכט זיך זיי, אז די שטריק רייסען זיך איבער, און דער דאמוועיטער וועט ארונטערפאלען אין קעלער. שרייט איינער צום אנדערן: „האלד פעסט!" לאזט ניט אפ! „האלד איט!"

קוים מיט צרות ארויפגעשלעפט דעם דאמוועיטער! זיי גיבען א קוק — ערשט, א רויטער איד, א געזונטער, מיט א רויטען קארק, מיט א רויט בערדעל, מיט א וואלענעם שאלעק ארום האלז, מיט קאלאשען אויף די פיס, זיצט זיך אין דאמוועי־טער, די פיס אונטער זיך, ווי א טערק, האלט צוויי אפגעפליקטע קאטשקעס אין א קוישעל, און דאס קוישעל האלט ער אויפ'ן שויס.

זיי זיינען אלע אפגעשפרונגען פאר שרעק.

דער איד איז זיך פאוואלעטשקע ארויסגעקראכען פון דאמ־וועיטער, ארונטערגעשטעלט דאס קוישעל מיט די געשאכטענע קאטשקעס, ארויסגענומען א שטיקעל פאפיר, אריינגעקוקט מיט

זיינע קורצזיכטיגע אויגען, און אַ פרעג געטאָן: וואוינט דאָ מיסעס ליב?

— יעס, און ווער זיינט איהר?

— איך בין אייער בוטשערס פּאַטער! איך וואוין דאון־טאון, און אַזוי ווי מיין זוהנס ארבייטער ארבייט ניט זונטאָג, בין איך געקומען פאר מיין זוהן אויסטראָגען די אָרדערס . . . אָט איז אייער אָרדער . . . און ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם קוישעל מיט די קאַטשקעס.

— פארוואָס האָט איהר ניט אוועקגעלייגט די קאַטשקעס אונטען, אויפן דאַמוועיטער?

— איך האָב מורא געהאַט אַז עמיצער זאָל זיי ניט צו־נעמען. איז מיר איינגעפאַלען, אַז צו זיין „שור״, וועל איך זיך אַליין אריינזעצען און אייך איבערגעבען דעם אָרדער אין האַנט אריין . . . אָבער, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אייך עפּעס אָנגעקומען אַזוי שווער מיך ארויפצוציהען. אין אַנדערע הייזער פליהט מען ארויף איינס און צוויי, און עס איז אַ סך ריינער, און גראַמער, און ליכטיגער, און דאָ איז געווען אַזוי ענג, אַזוי פינסטער . . . אין צווייטען הויז האָב איך געזעהן ארבייט בלויז איין מענש און דאָ האָט איהר אַלע געארבייט.

מען האָט איהם דערקלעהרט, אַז דאָס איז אַ דאַמוועיטער און ער האָט געמיינט אַז עס איז אַן עלעוועיטער.

— ביי מיר, זאָגט ער, איז אַלץ איינס! אַ דומווייטער, עלעווייטער . . .

נו, געהט דערצעהלט איהם, דעם איסט סיידער אידען, אַז זיי האָבען זיך שיער ניט די קישקעס אָפּגעריסען. מיסטער ליב, האָט איהם נאָך געגעבען אַ קוואָדער אַ טיפּ.

דערלעבט נחת

איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען, נאָר איהר זאָלט ניט לאַכען פון מיר. איך וועל אייך דערצעהלען וועגען איצטיגען קריזיס. איהר ווייסט דאָך מן הסתם, אַז מענשען געהען אַרום אָהן אַרבייט, מען האָט ניט צו באַצאָהלען קיין רענט, מען האָט ניט קיין עסען צו דער זאַט, מיליאָנען מענשען לעבען פון רעליף, — הכלל, עס איז גרויסע צרות.

פונדעסטוועגען וועל איך מיך ניט שעהמען און אייך אויס־זאָגען א סוד, אַז מיך האָט געטראָפען א גליק. ביי מיר אין הארצען אַזוי שטילערהייט, טוט מיר שטאַרק הנאה פון דעם קריזיס מיט דער „דעפּרעשאָן" און איהר זאָלט מיך ניט האַלטען פאַר א משוגענעם.

איך בין שוין אין אַמעריקע א דרייסיג יאָהר, פונדעסט־וועגען רעד איך נאָך אידיש, און שבת איז שבת, יום טוב איז יום טוב. איך בין ניט געפלויגען אין דער לופט, איך האָב ניט פאַרריסען די נאָז, ניט איינגעלענט וועלטען און זיך ניט געדראָפּעט אויף די גלייכע ווענט.

איך רעד צו אייך ווי צו אַן אייגענעם, איך וועל אייך דערצעהלען וואָס פאַר א שפּיצעל אייגענע קינדער — זיהן און טעכטער, אוידימס און שנורען — האָבען מיר אָפּגעטאָן.

די ערשטע פאַר יאָהר, וואָס איך בין דאָ געוועזן, האָב איך געאַרבייט שווער און ביטער, ניט דערעסען, ניט דער־שלאָפען, געשיקט נאָך מיין ווייב און קינדער. זיי איינגעפּיקסט א היים, די קינדער האָב איך געשיקט אין סקול, אַראָפּגעצויגען פון זיך די הויט, צוערשט געאַרבייט ביי יענעם, דאַן אַליין פאַר זיך געמאַכט א שטיקעל בוטשער סטאָרקע, מיין ווייב האָט זיך געפּלאָגט גלייך מיט מיר אין סטאָרקע, קיין אַרבייי־

מער צו האַלטען האָט דער סטאָר ניט געטראָגען, באַגאַנגען זיך מיט וואָס עס איז, און געלאָזען די קינדער שטודירען. איין זוהן ווערט אַ לאָיער און אַ צווייטער אַ דאָקטאָר — ביז מיר האָבען דערלעבט, אַז אַ קינד האָט דורכגעמאַכט „קאַלעדזש" זיינען ביי אונז די אויגען פון קאָפּ ארויסגעקראָכען: גאָט צו דאַנקען בעני איז אַ לאָיער, הערי איז אַ דאָקטאָר. איך האָב מיר אָנגעבאָרגט וואו איך האָב געקענט און זיי אויפגעמאַכט שעהנע אָפיסעס, און ביי מיר געטראַכט:

— דערלעבט נחת, דערצויגען קינדער, צו גאָט און צו לייט. געוואוינט נאָהענט איינער פון צווייטען.

פאַרגלוסט זיך מיינע קינדער אוועק צו מופען אין די קאַנ־קאָרס, וואָס איז? דאָ איז אַן אָרימע געגענט, דאָ פּאַסט זיי ניט צו וואוינען, עס זיינען אוועקגעגאַנגען גאַנצע וואָכען, מיר האָבען זיי פאַר די אויגען ניט אָנגעזעהן.

גאָט האָט געהאָלפען די פּראָספּעריטי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און די פּראָספּעריטי האָט מיינע קינדער אַזוי פאַר־דרעהט די קעפּ, אַז זיי האָבען געמיינט אַז זיי וועלען שאַרען געלט מיט לאָפּעטעס. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שפּעקולירען מיט סטאָקס און מיט ריעל־עסטייט.

מיר דאַכט זיך לויט מיין פּראָסטען שכל, דו ביסט אַ דאָקטאָר, אָדער אַ לאָיער, מאַכסט אַ שעהן לעבען, זיי צופרידען! האָסט דיר איינגעפיקסט אַ שעהנעם אָפיס, דו פאָהרסט מיט אַ טייערע מאַשין, וואָס נאָך קען מען פאַרלאַנגען? איז אָבער ביי אונז מענשעלאַך אַ צרה, גרויסע אויגען . . .

האָבען מיינע צוויי זיהן, דער דאָקטאָר און דער לאָיער, ערגעץ אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן עסק מיט „לאָטס", מען האָט געוואָלט רייך ווערען. מען האָט אָנגעהויבען צו פליהען אין דער לופטען, און אַזוי פלי־הענדיג האָט מען דערוויל פאַרגעסען, אַז מען האָט אַ טאַטע און אַ מאַמע. אַז מען איז שוין יאָ איינמאָל אין אַ יובל געקומען צו גאַסט, איז מען אריין מיט אַ „העלאָ" און באַלד

„גוד ביי", ניט געהאט קיין צייט אפילו צו עסען, צו רעדען, דערצעהלען ווי עס דארף צו זיין, פארברענגען מיט טאטע־מאמע. וואס רייכער די קינדער זיינען געווארען, אלץ וויינינגער נחת האב איך געהאט פון זיי. קענט איהר מיר זאגען איך בעט אייך? דערפאר האב איך געבלוטעט און געארבייט שווער און ביטער אין אמעריקע מיינע בעסטע יאהרען! געשיקט זיי אין די „קאלעדזשעס", אז זיי זאלען ווערען „ריעל עסטייטניקעס" און זיך טומלען אויף דער בירזשע? אז זיי זאלען זיך דרעהען די קעפ, ווי דורכצופיהרען, נאך א געשעפטעל, און האבען נאך א מארטגעדזש?

היינט ווער רעדט שוין א שנור, אן איידעם, זיי האבען מיר קיינמאל ניט געהאט די זכיה אנצוזעהן אין די אויגען . . .

אין קורצען — גאט האט געהאלפען, איין שלעכטע יאהר, א צווייטער און א דריטער. עס איז געקומען דער קריזיס . . . „ריעל־עסטייט" איז געפאלען, דער סטאק מארקעט האט זיך אי־בערגעקוליעט — מיינע קינדער, דער לאיער און דער דאקטאר, האבען געכאפט דעם זעלבען אפשניט ווי א סך אנדערע, מען האט אויפגעהערט פליהען אין דער לופט, און מען איז ארונ־טערגעפאלען אויף דער ערד . . .

וואס זאל איך אייך זאגען, זיכער טוט מיר וויי מיין הארץ, זיי האבען פארלוירען א סך טויזענטער, אבער דערפאר זיינען זיי צום שכל געקומען, אפשר האבען זיי איינגעזעהן אז א טאטע, א מאמע זיינען מעהר ווי געלט.

איצט ווען עס קומט א שבת, א יום טוב, האב איך א וועלט מיט פארגעניגען. איך האב דערלעבט אויף דער עלטער נחת — עס קומען זיך צוזאמען מיינע זיהן מיט די שנירן, און די טעכטער מיט די איידימס, מיט די אייניקלאך, עס איז א מחיה — עס זאל מיר נאר ניט פארשטערט ווערען . . .

איהר קענט לאכען פון מיר, עס איז אמת, אז א „דעפרע־שאן" איז ניט גוט, אבער פאר מיר איז דאס א טרייסט, א נחת.

ווען מיין לאָיער און דער דאָקטאָר, און מיין איידעם דער אמאָליגער גרויסער שיסער, קומען זיך צוזאַמען צו מיר מיט די ווייבער און קינדער, און מען זעצט זיך צום טיש עסען, איז דען עימצער צו מיר גלייך? עס איז דאָך אַ נחת פאַר טאַטע־מאַמע . . .

קענט איהר געבען אן עצה

ביי א מיטינג פון אן אָקזילערי איז צו מיר צוגעקומען א פרוי און מיך געפרעגט אויב איך בין א מיטארבייטער פון דעם זשורנאל „די שטימע".

איך האָב זי געפרעגט צו וואָס זי דאַרף דאָס וויסען? און זי האָט מיר געענטפערט, אז זי וואָלט זעהר געוואָלט וויסען מיין מיינונג וועגען אן ענין וואָס האָט צו טאָר מיט איהר וויטער־דיגער עקזיסטענץ אין לעבען און אזוי ווי זי איז א לעזערין פון זשורנאל, זי טרעפט דאָרט פארשידענע ארטיקלען פון בוטשער טרייד, אפשר וועל איך איהר קענען געבען אן עצה.

און זי האָט אָנגעהויבען.

„איך בין אן אלמנה שוין עטליכע יאָהר — איך ארבייט שווער און ביטער אין בוטשער סטאָר וואָס מיין פארשטאָרבענער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט. מיט קיין קינדער האָט מיך גאָט ניט געבענטשט. אויפגעבען די ביזנעס קען איך ניט, ווייל וואָס קען איך יעצט אויפטאָן. שטעה איך און מאטער זיך פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין אָוונט. די קאָסטימער נוצען דערווייל אויס די געלעגענהייט און דערגעהן מיר די יאָהרען. זיי דענקען אז זיי קומען צו מיר אריין אויס רחמנות, און רחמנות ווייסט איהר דאָך וואָס עס מיינט אין ביזנעס . . . איך בין יעצט אין א מאָדנער פאַרלעגענהייט. איך ווייס ניט ווי אזוי איך זאָל האנדלען. עס טרעפט זיך מיר א שידוך.

וועגען ליבע קען קיין רייד ניט זיין. איך בין ניט מעהר אין יענע יאָהרען ווען די ליבע האָט די גאַנצע דעה און לאָזט ניט צו קיין שום אויסרעכענונג און פארפיהרט גאַנץ אָפּט אויף קרומע וועגען. איך וויל חתונה האָבען מיט אן אָרענטליכען מענשען כדי זיך צו פארגרינגערען; איך וויל האָבען ווער עס

זאָל מיט מיר שטעהן אין בוטשער שאָפּ; איך וויל האָבען אַ פריינט, וואָס זאָל זיך מיט מיר אינטערעסירען. נו, מאַכט זיך מיר איצט אַ געלעגענהייט — ריכטיגער, צוויי געלעגענהייטען — וויים איך ניט וועלכע פון די צוויי אויסצוקלייבען.

ביידע מענער, וועלכע ווילען מיט מיר חתונה האָבען זיינען בוטשערס, אָרענטליכע מענשען. פאַרליבט, ווי איך האָב געזאָגט, בין איך אין קיינעם ניט פון זיי. עס איז אַ ביזנעס שידוך. וויל איך וויסען וועלכער פון זיי ביידען וועט בעסער זיין פאַר מיר.

איינער איז שוין אַן אַלמן עטליכע יאָהר. מען זאָגט, און ער אַליין דערצעהלט אויך, אַז ער האָט זיין פאַרשטאָרבענע פרוי שטאַרק ליב געהאַט, ער האָט זי ניט געקענט פאַרגעסען — וועגען חתונה האָבען האָט ער ניט געטראַכט. פאַרקערט, ער האָט געקוקט אויף די וואָס זיינען געקומען איהם רעדען אַ שידוך ווי אויף משוגים, אָבער ווען ער האָט זיך מיט מיר באַקענט, וויל ער איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען.

„דער צווייטער חתן איז אויך אַן אַלמן, אָבער ערשט עטליכע מאָנאַטען — רעכען איך אַזוי: עטליכע יאָהר איז יענער געוועזן אַליין, ער האָט ניט געקענט פאַרגעסען זיין ווייב, ער האָט זיך געלעבט אַ לאַנגע צייט אַליין — באַווייזט דאָס, אַז ער דאַרף ניט קיינעם, ער קען אויסקומען אָהן אַ ווייב, אָהן אַ באַלעבאָסטע, אָהן אַ נויטיגען פריינד. אמת איז, אַז איך געפעל איהם שטאַרק, קען אָבען אויך זיין דאָס אויף אַ ווײלע דאַכט זיך איהם יעצט אויס, ער מיינט אַז ער וועט קענען פאַרגעסען יענע, און עס קען זיך דאַן ארויסצייגען אז עס איז געוועזן א טעות. א מענש האָט עטליכע יאָהר געלעבט אַליין, מסתמא איז איהם געפעלען אַזוא לעבען, און לעבען מיט מיר — וואָס פאַר אַ לעבען קען דאָס זיין?

„דער צווייטער חתן ווידער, האָט אויך אַ גרויסען חסרון. אָפּגעלעבט מיט אַ ווייב עטליכע יאָהר און געלעבט גאַנץ צו־פרידען, ווי מען זאָגט. איהר קבר איז נאָך פריש און ער האָט שוין קיין צייט ניט, ער האָט שוין געזוכט אַ שידוך באַלד נאָך

שלושים — אזוי ווי מען האָט מיר דערצעהלט — ווי קען אַ פיינער מענש אזוי האַנדלען? וואַרט כאָטש אָפּ אַ יאָהר, זאָל אויפוואַקסען גראָז אויף איהר קבר! עס זעהט אויס ווי ער וואָלט קוים דערלעבט פּטור צו ווערען פון איהר . . . וואו איז געפיהל, האַרץ, יושר? מיך שרעקט פאַר אזאַ מאַן. עפּעס דערלאָזט ניט דאָס האַרץ זיך צו פאַרבינדען מיט אזאַ מאַן."

דאָס זיינען די חסרונות פון ביידע שידוכים. איך זעה אָבער אָן די צוויי קאַנדידאַטנ'ס מעלות אויך — טאַקע אין די חסרונות געפין איך מעלות.

דער ערשטער, דער לאַנגיאָהריגער אלמן, האָט אַ סך יאָהר ניט פאַרגעסען זיין ווייב און ניט געוואָלט נעמען קיין אַנדערע — באַווייזט דאָס, אַז ער איז אַ געפיהלפולער מענש, ער קען שטאַרק ליב האָבען, ער איז געווען אַ טייערער פריינד צו זיין ווייב; און יעצט, ווען איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען, וואָלט ער מיך ליב געהאַט און איך וואָלט ביי איהם געווען אזוי טייער ווי יענע איז געווען. ער האָט טאַקע יענע אַ לאַנגע צייט ניט פאַרגעסען, אָבר יעצט איז ר שוין איבערגעאַנדערשט. אַ באַווייז, אַז ער וויל מיט מיר חתונה האָבען און איך מיין אַז איך וועל קענען אויספיהרען צו זיין ביי איהם דאָס וואָס יענע איז געווען.

דער צווייטער ווי איך פאַרשטעה קען ניט זיין אליין — ער מוז האָבען אַ ווייב, אַ באַלעבאָסטע אין הויז — ער איז ניט שול־דיג, ער איז שוין אזאַ מענש, און אַז זיין ווייב איז געשטאָרבען האָט ער ערשט דערזעהן, וואָס פאַר אַ טייערע זאַך אַ ווייב איז, אָהן אַ ווייב טויג ניט דאָס גאַנצע לעבען — און ער וועט וויסען ווי מיך טייער צו האַלטען — ער האָט פאַרזוכט דעם טעם צו זיין אָהן אַ ווייב, אָהן אַ באַלעבאָסטע און אָהן אַ נאָהענטען פריינד.

איך וועג און מעסט די מעלות און די חסרונות פון ביידע מענער! איך רעכען און רעכען און ווייס ניט, מיט וועלכען פון זיי ביידען איך זאָל זיך פאַרבינדען.

דאָס איז דער גאַנצער ענין וואָס איך וויל זיך מיט אייך דורכרעדען.

— וואָס האָב איך איהר געקענט ענטפערען? איך האָב איהר פאַרשפּראָכען אַז איך וועל דאָס שרייבען אין „די שטימע", אפשר וועט וועלכער לעזער אָדער לעזערין איהר געבען אַן עצה, וויל זיך צו פאַרבינדען מיט אַ מאַן איז זעהר אַ דעליקאַטע פראַגע.

צרות פון זויערע פּיקעלס

ביי די מענשען וואָס איך בין לאָזשי — דערצעהלט מיר מיסטער שניידער — האָבען מיר זיך אַמאָל ביים עסען צורעדט וואָס פאַר אַ גוטען געשמאַק עס האָבען גרינע פּיקעלס, ווען מען זייערט זיי אַליין איין. אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען דער סעזאָן פון גרינע פּיקעלס האָט די מיסעס באַשלאָסען ביי דער ערשטער געלעגענהייט ווען נאָר אַ פּעדלער וועט דורכפיהרען גרינע פּיקעלס, וועט זי קויפען און אַליין איינזויערען.

דער געשמאַק פון זויערע פּיקעלס איז מיר שוין געלעגען אין מויל, און אַ געדאַנק האָט מיך פאַרפאָלגט און געהאַלטען אין איין האַמערען, זויערע פּיקעלס, זויערע פּיקעלס! איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, ווען איך וועל נאָר דערזעהן אַ פּעדלער מיט דער סחורה וועל איך קויפען און ברענגען דער מיסעס אַן איבערראַשונג.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבייט, הער איך ווי אַ פּעדלער שרייט: פּיקעלס! פּיקעלס! איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצושטעלען און קויפען. אָבער דער געדאַנק האָט אַלץ געמוטשעט: זויערע פּיקעלס, זויערע פּיקעלס!

זאָגט אָבער די וועלט, ווען עס איז באַשערט אַ צרה קומט זי אומגעבעטען.

אין אַ שעהנעם פאַרנאַכט, ווען איך געה פון דער אַרבייט, טראָגט דער שוואַרצער יאָהר אָן אַ פּעדלער מיט אַ וואָגען פּיקעלס ניט ווייט וואו איך וואוין, און ער געוואַלדעוועט: צעהן סענט אַ דאָזען, גרינע פּיקעלאַך, צעהן סענט אַ דאָזען! נו, פאַרשטעהט איהר דאָך, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די מיסעס

האָט באַשלאָסען ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו קויפען אזעל־כע פּיקעלס.

איך שריי אַרויף אַז זי זאָל אַרונטערקומען און קויפען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זי שטעהט שוין ביים וואָגען, פאַרזוכט אַ פּיקעל זיך צו איבערצייגען אויב זיי זיינען גוט, און אויב זיי וועלען טויגען צום זויערן. אויסגעקליבן, באַצאָלט. איך האָב אַרויפגעטראָגען דאָס באָנדעל אין הויז אַזוי ווי אַ טייערען דיימאָנד, אַריינגעלייגט אין אייזבאַקס, אַז זיי זאָלען חלילה ניט קאַליע ווערען און די מיסעס איז באַלד אַוועק אין די מואוויס.

ווען זי איז אַהיים געקומען איז שוין הפּנים פאַר איהר געוועזן שפּעט זיך צו באַדערן מיט די פּיקעלס. דעם אַנדערן טאָג אין דערפריה, די מיסעס געהט צו צום אייזבאַקס, דערזעהט זי דעם אוצר און זי טראַכט אודאי, וואָס וועלען זיי דאָרט אויס־ליגען די פּיקעלס? זי נעמט זיך צו דער אַרבייט. איז אָבער פאַראַן ביי מענשען אַזאַ זאַך ווי „שטימונג". דעם אמת זאָ־גענדיג האָב איך ביז דאַן ניט געוואוסט אַז צו זויערן פּיקעלס דאַרף דער מענש זיין גוט געשטימט. אַ קלייניגקייט „שטימונג"! אין דעם וואָרט ליגט דאָך אַ גאַנצע וועלט . . . ביי מאַנכע מענשען ליגט דער גאַנצער עקזיסטענץ בלויז פון שטימונגען. עס זיינען פאַראַן מענשען, ווען זיי האָבען אַ שלעכטע „שטימונג" וועלען זיי זיך ניט אָפּשטעלען פאַר קיין זאַך. זיי רעכענען זיך ניט מיט קיינעם, זיי קוקען ניט ווי שפּעט עס איז, צו גערעכט אָדער אומגערעכט, אַלץ איז ביי זיי שוואַרץ, פינסטער . . .

אָט אין אַזאַ שטימונג האָט זיך די מיסעס גענומען צו די פּיקעלס.

צוערשט האָט זי אַרונטערגענומען פון קלאזעט אַ טאָפּ און אויסגעוואַשען, אַרויסגענומען די פּיקעלס פון באָנדעל, אָפּגעוואַ־שען, אַריינגעלייגט אין טאָפּ, באַזאַלצען, אַריינגעלייגט פעפער, אַריינגעגאָסען הייס וואַסער און אַרויפגעלייגט קאָופער.

דערמאָן איך זיך, אַז ווען מיין מאַמע האָט איינגעזויערט פּיקעלס האָט זי אַריינגעלייגט אַלטע ברויט, דאַן אַרויפגעלייגט אַ

אַ טעלער און אויפ'ן טעלער אַ שטיין אָדער אַן אייזען. ניט מיינענדיג קיין שום שלעכטס, ערקלער איך איהר, אַז ווען מיין מאַמע האָט געזויערט פיקעלס האָט זי אַזוי און אַזוי געטאָן. נו, נו, מעהר האָב איך ניט באַדאַרפט. דאָ האָט זיך איהר „שטימונג" צושפילט. זי הויבט אָן צו שרייען — וואָס מיינט איהר אייער מאַמע האָט אַזוי געזויערט פיקעלס? איהר וועט מיך לערנען ווי אַזוי צו טאָן? איהר האָט ניט קיין רעכט זיך צו מישען אין מיין קיטשען. איהר דאַרפט זיצען אין אייער רום וואָס איך האָב אייך פאַרדונגען! איהר דאַרפט אַריינקומען אין קיטשען עסען דעמאָלט ווען איך וועל אייך רופען, און טאָמער געפעלט אייך ניט מעגט איהר שוין מופען, איך דאַרף אייך ניט.

איך שטעה און טראַכט ביי מיר: אָט האָסטו אַן אָנשיקעניש געזויערטע פיקעלס האָט זיך מיר פאַרגלוסט? מען מוז זיך דאָס נאָכגעבען די שמד? קען מען דען ניט קויפען אין אַ סטאָר זויערע פיקעלס ווען עס פאַרגלוסט זיך?

איהר ווילט דאָך אודאי וויסען וואָס דער סוף איז געווען? איך האָב ניט געמופט . . .

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די פיקעלס זיינען שוין פאַרטיג געוואָרען צום עסען און זי האָט זיי אַרויפגעגעבען אויפ'ן טיש, פרעגט זי מיך — נו, די פיקעלס זיינען גוט? איך דענק אַז זיי זיינען ניט גענוג זויער.

איך האָב באַמערקט אַז איהר שטימונג איז גוט. זאָג איך צו איהר — ניין, ניט גענוג זויער. ווען איהר וואָלט אָבער אַריינגעלייגט אַ שטיקעל ברויט און אַרויפגעלייגט אַ טעלער פון אויבען און אויף דער טעלער אַ שווערע זאַך אַזוי ווי מיין מאַמע האָט געטאָן, וואָלטען די פיקעלס געווען אַסך זויערער . . .

איצט, ווען איך כאַפּ זיך אַמאָל אַריין אין קיטשען ניט געלאַדענערהייט, גיב איך צוערשט אַ קוק אויב די מיסעס זויערט ניט איין פיקעלס . . .

קאָלעקטעט א חוב

אין דעם זשורנאל „די שטימע" האָב איך באַמערקט אַן אויפרוף צו די בוטשערס: „מיר קאָלעקטען אייערע בילס". אַז די פעדערײשאָן האָט אַראַנזשירט מיט אַ לאָיער איינצומאָנען די בילס פון די קאָסטימערס וועלכע מופען אַוועק און באַצאָהלען ניט. פרעגט מיך און איך וועל אייך אַויסלערנען ווי אַזוי מען קאָלעקטעט אַ ביל פון אַ קאָסטאָמער וואָס מופט אַוועק! — אַזוי האָט מיר דערצעהלט אַ מעמבער פון דער פעדערײשאָן, ווען איך בין ביי איהם געווען אין סטאָר.

„דאָס דריטע הויז וואו איך האָב מיין בוטשער סטאָר האָט געוואוינט אַ דעזיינער. זיין אידענע, אַ גראָבע שטיק פלייש מיט אויגען, האָט גענומען די בעסטע פליישען ביי מיר און די בעסטע טשיקענס. האָט זי ניט באַצאָהלט יעדע וואָך, ווי עס באַצאָהלען די אַנדערע קאָסטאָמער, נאָר יעדען חודש. עס פלעגט זיך אָנקלייבען פינף און צוואַנציג און דרייסיג דאָלאַר. זי האָט זיך געפוילט איינמאָל צו באַצאָהלען, האָט זיך שוין, אויפ'ן צווייטען חודש אָנגעקליבען אַרום זעכציג דאָלאַר. בין איך געגאַנגען מאָנען. האָט דער דעזיינער מיך אָפגעלעגט אויף מאָרגען, אויף איבערמאָרגען. דערווייל האָט זיך אָנגעקליבען נאָך פינף און צוואַנציג דאָלאַר.

איינמאָל דערהער איך, אַז דער חברה מאַן האָט ארויסגעמופט אין אַן אַנדער סטריט און ער נעמט שוין פלייש ביי אַן אַנדערען בוטשער. שיק איך אַהין מיין פרוי מאָנען דאָס געלט.

— נו, וואָס הערט זיך?

— ער וויל ניט באַצאָהלען.

— וואָס הייסט ער וויל ניט באַצאָהלען? — און דאָס האַרץ נעמט קאָכען פאַר רציחה.

— ער זאָגט אַז די טשיקענס זיינען ניט געווען קיין ריכ־טיגע „ספּרינגס". אַז מען האָט איהם גענאַרט.

האָט עס מיך אַ ברען געטאָן און איך בין אַליין אַוועק צו איהם. ארויפגייענדיג אויף די טרעפּ, איז מיר זיין דינסטמיידעל אַנטקעגען געקומען און מיך געפרעגט וואָס איך וויל.

— איך וויל — זאָג איך — זעהן דעם מיסטער.

— דער מיסטער איז איצט ניטאָ אין דער היים.

— מילא, ניטאָ איז ניטאָ. הלואי זאָל ער אין גאַנצען אויף דער וועלט ניט זיין. וועלען מענשען ניט האָבען קיין ערגערניש, — טראַכט איך מיר.

דאָ האָב איך פּלוצים דערהערט זיין קול... איז ער דאָך, הייסט דאָס, יאָ דאָ אין דער היים. וואָס זשע בלאָפט מען? דאָס דינסטמיידעל האָט זיך פאַרשעמט. „דער באַלעבאָס", זאָגט זי האָט איר געהייסען זאָגען. זי איז ניט שולדיג... „איך וויים, זאָג איך, אַז דו ביסט ניט שולדיג. אַז מען דינט ביי אַ ליגנער ווערט מען אַליין אויך אַ ליגנער". און איך האָב זי אָפּגעשטופּט אין אַ זייט און איידער וואָס ווען, בין איך שוין געווען אין קיטשען. איך טו אַ קוק — מיין בחור זיצט און טרינקט קאַווע און פאַר־בייסט מיט לאַטקעס.

אַז ער האָט מיך דערזעהען, האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַ לאַטקע איז איהם שטעהן געבליבען אין האַלז. גע־קומען צו זיך, פרעגט ער מיך, וואָס איך וויל. איך וויל, זאָג איך, זעהן צי איהר זייט אין דער היים... ווייל אייער דינסט־מיידעל האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט יעצט ניטאָ אין הויז... צווייטענס, ווייל איך האָבען מיין געלט, שוין די העכסטע צייט, אַז איהר זאָלט מיר באַצאָהלען מיין חוב.

זאָגט ער: די טשיקענס זענען ניט געווען קיין אמת'ע „ספּרינגס" און די קאַטשקעס און די גענז און... און.. האָב איך איהם מעהר ניט געלאָזט רעדען און האָב איהם, ערשטענס, גע־מאַכט א „מי שבירך"... ניט געזשאַלעוועט קיין ווערטער, האָט ער גענומען שרייען:

— אַרויס פון מיין הויז! אַרויס פון מיין שטוב! — און ער לאָזט זיך צו מיר מיט אַ קולאַק. דאָ בין איך שוין אַרויס פון די האָלעבאָלים אויפ'ן גרויסען שטייגער און איהם געוויזען, אַז אַ בוטשער איז נאָך „עניטיים" אַזוי שטאַרק ווי אַ חזיר'שער דעזיינער. אַז דאָרט וואו עס קומט צו דערלאַנגען, דאַרף איך, אַ דאַנק דעם אויבערשטען, קיין לעסאָנס ניט נעמען. הלואי אויף ווייטער! און איך האָב ניט געוואַרט, ווייל וואָס איז דאָ צו וואַרטען, אויף אַן אינוויטיישאָן? אין איהם דערלאַנגט אַזאַ פּלעם איבערן שנוק, אַז ער איז געוואָרען אַ צוטומולטער. און טאַקע באַלד צוגעגעבען עטליכע טרוקענע קלעפּ, אונטערגעהאַקט איהם די זייטען. די פרוי זיינע האָט געשריען און גערופען „גנב, אָנ־זעצער! מערדער"! און ער אַליין האָט געריטשעט ווי אַ געקוי־לעטער אָקס.

דאָס ווייב איז אַזוי שרייענדיג אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנ־דערן צימער און האָט מיר אַרויסגעבראַכט מיין חוב ביז אַ סענט.

דעם טאָג איז שוין דער ממזר צו דער אַרבייט ניט גע־גאַנגען.

נו, פרעג איך אייך, וואָס טויגען מיר אייערע לאָיערס, שמויערס...

באַפרייט פון שמערצען

שוין אַ פּאָר טעג אַז סאָלאָמאָן גוטמאַן גערט אַרום אַ צעבראָכענער און אַ דערשלאָגענער, צוליב אַ בריף וואָס ער האָט באַקומען פון זיין טאָכטער, אַ מיידעל. אין דעם בריף שרייבט זי איהם, אַז אין אַ וואָך אַרום ווערט זי פאַרלאָבט, און צו דער געלעגענהייט מאַכט זי אַ „פּאַרטי". זי וויל, אונטער אַלע אומשטענדען, אַז ער זאָל קומען צו איהר פאַרלאָבונג. ער זאָל אַלע קריוודעס וואָס ער האָט געגען איהר מוטער אוועקלייגען אָן אַ זייט, אַז זי זאָל ניט בלייבען פאַרשעהמט, סיי פאַר איהר חתנ'ס עלטערען און סיי פאַר די איינגעלאַדענע געסט.

ווען גוטמאַן האָט איבערגעלייענט דעם בריף, איז ער שטאַרק צעטומעלט געוואָרען. ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסען, אויב ער זאָל פאָלגען זיין טאָכטער אָדער ניט.

אַנוועזענד צו זיין ביי זיין קינד'ס פאַרלאָבונג, איז נאַטירליך זיין פאָטערליכע פליכט. אָבער ווי אַזוי קען ער זיך טרעפען מיט זיין ווייב, וואָס ער האָט שוין פיר יאָהר ניט געזעהן? אַז דורך איהר האָט ער געמוזט אוועק פון זיין היים און זיך אַרומוואַלגערען אויף פרעמדע קוואַרטירען.

— זאָל ער ניט געהן — האָט ער געטראַכט — ווי וועט דאָס אויסזעהן פאַר פרעמדע מענשען? וויפיל גייסטיגע יסורים וועט דאָס מיידעל און אויך די אַנדערע קינדער ליידען, ווען מען וועט זיי פרעגען, וואו זייער פאָטער איז? איבערהויפט ווען די עלטערען פון חתן וועלען איהם ניט טרעפען ביי דער שמחה, וואָס פאַר אַ שלעכטע מיינונג וועלן זיי האָבען פון איהם. און אפשר אויך פון זיין טאָכטער, וואָס זייער זוהן ווערט מיט איהר פאַרלאָבט. זיי וועלען זיכער טראַכטען ווי מען זאָגט: „דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוימעלע".

אין דעם טאָג ווען ער האָט באַקומען דעם בריף פון זיין טאָכטער, האָט ער די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. און אין זיינע געדאַנקען איז פאַרבייגעשוואומען זיין גאַנץ לעבען.

ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט זיין פרוי. אונטער וועלכע אומשטענדען ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט. ווי אַזוי ער איז געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך געפּלאָגט פון אָנפאַנג. דאָן האָט ער זי מיט צוויי קינדער אַהער געבראַכט. ווי אַזוי דאָס לעבען איז צוגעגאַנגען. ווי ער האָט זיך ביסלעכווייז אַרויפגעאַרבייט, געגעבען זיינע קינדער אַ גוטע ערציהונג. אָפּגעשפּאָרט אַביסעל געלט, געקויפט אַן אייגען הייזקעלע. געפיהרט אַ באַלעבאַטיש הויז. זיין ווייב האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט קיין געלט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין ספּעקולאַציע פּונקט ווי אַנדערע טויזענטער מענשען, ביז עס איז געקומען די בהלה אין וואָל סטריט און ער האָט פאַרלוירען זיין אָפּגעשפּאָרט געלט. און די לעצטע פּאַסירונג האָט מיטגעבראַכט, אַז ער מוז זיך יעצט אַרומוואַלגערען נע ונד.

פּאַסירט האָט דאָס אויפ׳ן פאָלגענדען אופן: ער האָט איינמאָל געגעבען זיין ווייב אַ קלענערע סומע ווי געוועהנליך. ער האָט איהר באַמערקט, אַז ער האָט יעצט ניט מעהר. זי האָט איהם דאָס געלט צוריקגעוואָרפען און זיך אויף איהם צעשריען: — איך וועל שוין זעהן אַז דו זאָלסט מיר געבען מעהר!...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג, אַז ער זאָל קומען אין פאַמיליען קאָורט. ווען ער איז אַהינגעקומען, האָט מען איהם ערקלערט, אַז זיין ווייב האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער גיט איהר ניט גענוג אויף צו לעבען.

ווען ער, גוטמאַן, האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען שטאַרק פאַרצווייפעלט, צעטומעלט, און ער האָט געטראַכט: אָפּגעוואוינט מיט אַ פרוי נאָהענט צו 30 יאָהר, וואו איהר האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין זאַך, זי איז תמיד געווען אַ זאַטע, ניט געוואוסט פון אַ שלעכטער צייט, זאָל זי, די מאַמע פון זיינע קינדער, זיין אַזוי געמיין, און איהם שלעפּען צווישען פרעמדע מענשען אין אַ קאָורט, פּונקט ווי אַ פאַרברעכער, בלויז דערפאַר,

ווייל ער האט איהר בלויז איינמאל נעגעבען ווייניגער ווי אלע מאל! ניין! ניין! — האט ער ביי זיך געטראכט — ניין, ער קען מיט איהר אבסאלוט ניט מעהר וואוינען צוזאמען! ער האט באשלאסען אוועקצוגעהן פון הויז, איהר אלץ איבערלאזען, זאל מיט איהם זיין וואס עס וויל.

מיט א פאר טעג שפעטער האט ער צוזאמענגערופען די עלטערע קינדער און זיי ערקלערט זיין באשלוס און אויך די אורזאך פארוואס ער מוז דאס טאן.

זייט דעמאלט איז אוועק פיר יאהר, אז ער איז אין זיין הויז ניט געווען. די קינדער האט ער געזעהן פון צייט צו צייט, זיי, נאטירליך, מיטגעהאלפען מיט וואס ער האט נאר געקענט..

דערפאר האט ער געפיהלט אזוי דערשלאגען און צעבראכען, ווען ער האט באקומען די איינלאדונג פון זיין טאכטער.

נאך א לאנגער איבערלייגונג, האט ער באשלאסען יא צו געהן, מעג מיט איהם זיין וואס עס וויל, ער וועט זיינע קינדער ניט פארשעהמען.

ווען דער טאג פון דער פארלאבונג איז געקומען, איז ער געווען נערוועז און צערודערט. דער טאג איז פאר איהם געווען אן אפקומעניש. ער האט געבעטען אז עס זאל שוין זיין מארגען, אז ער זאל דעם יאך איבערקומען. ער האט געפיהלט פונקט ווי איינער וואס עס טוט איהם וועה אלע ציין אין מויל, און די איינציגע ערלייכטערונג קען זיין, אז מען זאל זיי אלע ארויסרייסען. דער געדאנק אז ער דארף זיך טרעפען מיט זיין ווייב, וואס ער האט דורך דער גאנצער צייט ניט געזעהן, א חוץ א פאר מאל אין קאורט, האט איהם געמוטשעט.

ווען ער איז געקומען צו זיין הויז און געדונגען די „בעל", האט איינע פון זיינע טעכטער אויפגעמאכט די טיר. דער פרייד־געשריי פון זיין טאכטער: „היר איז פאפא!" האט איהם גע־געבען מוט אז ער זאל זיך ניט פארלירען.

גוטמאן האט זיך אוועקגעזעצט און זיך גענומען ארומקוקען אויף די ווענט, אויפ'ן „סילינג" און אויף אלע זאכען. זיי זיינען

דאָרט געשטאַנען ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט. די ווענט און דער „סילינג״ זיינען געווען פריש געפיינטעד. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט אז די ווענט רעדען צו איהם: „זעהסט ווי מיר זיינען ביים וועג. ערשט ניט לאַנג האָט מען אונז אַ פריש העמד אָנגעטאָן״. עס האָט זיך איהם גערדאַכט, אַז די פּיאַנאָ האָט איהם באַגריסט און געפרעגט: „זאָג, בענקסט עפּעס נאָך מיר? געדענקסט נאָך, וויפיל שטונדען דו האָסט מיט מיר פאַרבראַכט? קום צו, זעה, אויב איך בין ניט הייזעריג געוואָרען! זעה, אויב איך האָב נאָך מיין שטימע ניט פאַרלוירען!... איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיין לאַשטשען און גלעטען די גאַנצע צייט, וואָס דו ביסט ניט דאָ אין דער היים״. דער וויי‌כער פאָטעל וואָס ער איז געזעסן אויף איהם, אַ דרייליננג פון אַ סעט, איז געווען אַזוי שטאָלץ וואָס גוטמאַן זיצט אויף איהם. די אַנדערע צוויי פאָטעלען האָבען צו איהם געוואונקען: „קום, זעץ זיך אויף אונז! פאַרשעהם אונז ניט!״ דער ביכער שראַנק האָט צו איהם געקוקט מיט רחמנות און איהם האָט זיך גערדאַכט אַז ער הערט דאָס געשריי: „זעה, וואָס איז פון מיר געוואָרען! ווען דו ביסט געווען מיט אונז, האָסטו זיך אַרום מיר געפּאָרעט און אַזוי ווי דו ביסט אַוועק, האָט מען מיר געמאַכט אַן אָפּעראַציע, אַרויסגענומען פון מיר דאָס אינגעווייד, אַריינגעשטעלט אַן אַנדער מאָגן, אַנדערע געדערים. זעלטען ווען מען קוקט זיך אויף מיר אום! בלויז אַ פּאָר ביכלאַך פון דיינע ליבלינגע זיינען אין מיר פאַרבליבען!

און די פּאָר ביכלאַך האָבען זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערען, געכליפּעט און געקרעכצט: „קוק אונז אָן! ווען דו ביסט געווען אינדערהיים, זיינען מיר געווען איין גרויסע משפחה. מיר האָבען געלעבט ברידערלאַך! היינט, זיינען מיר עלענד, איינזאַם, פאַרלאָזען. מיר געפינען זיך צווישען פרעמדע. קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אונז. כמעט אונזער גאַנצע משפחה האָט מען געמאַכט צו מופען, זיי פאַרשיקט אין קעלער און זיי דערלעבען ניט צו זעהן די ליכטיגע שיין! האָב רחמנות אויף אונז! נעם אונז צו דיר! מיר וועלען דיר דאַנקבאַר זיין! דו וועסט זיך אויף אונז אַרומקוקען!״

די אַלע געדאַנקען האָט גוטמאַנ'ען איבערגעשלאָגען דער יונגערמאַן וואָס דאַרף ווערען זיין צוקונפטינער איידעם. ער האָט איהם פאַרגעשטעלט פאַר זיינע עלטערען. זיי האָבען זיך באַגריסט און גוטמאַן מיט דעם חתנ'ס פאָטער האָבען שוין דעם גאַנצען אָוועגט פאַרבראַכט צוזאַמען.

ווען סאָלאָמאָן גוטמאַן איז פאַרטאָג אַרויס פון זיין הויז, האָט ער געפיהלט פּונקט אַזוי, ווי מען וואָלט איהם אַרויסגעריסען עט־ליכע אָנגעוועהטאָגטע ציין פון מויל, און איהם באַפרייט פון שמערצען...

די ביכער שטימען ניט

(אַ סצענע אין הימעל)

אין הימעל איז ביזי, מלאכים לויפען ארום אהין און אהער מיט פּראָטאָקאָל ביכער אונטער די אָרעמס, מיט רעכנונגען און רעפּאָרטען. זיי לויפען פון איין דעפּארטמענט צום צווייטען. לויפענדיג שושקען זיי זיך און פּאטשען מיט זייערע פליגלען.

וואָס איז געשעהן? וואָס איז די אורזאך פון דעם טומעל אין הימעל?

היינט איז יום כפור, דער דזשענעראַל באַלאַנס פון די טעגליכע איינגאַמען דורכ'ן פאַרגאַנגענעם יאָהר ווערט היינט אויסגעמאַכט, און ווען אַלץ שטימט ריכטיג ווערט דער רעפּאָרט פאָרגעלעזען פאַר'ן אויבערשטען אַליין און עס ווערט אַרויפגעלייגט אַ זיגעל מיט דעם וואָרט „אמת".

דעם יום כפור איז אָבער עפּעס געשעהן, וואָס זייט די וועלט שטעהט איז אַזאַ זאַך ניט פאָרגעקומען. איינער פון די מלאכים וואָס זיינען ביזי מיט בוקקיפּינג האָט באַמערקט, אַז אין איין אָרט שטימט עפּעס ניט דער חשבון, ער האָט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט די אַנדערע מלאכים, זיי האָבען גענומען איבערקוקען, איבעררעכענען און זוכען ווייטער, וואָס מעהר זיי האָבען געזוכט אַלץ מעהר האָבען זיי געפונען „מיסטעיקס", מעהר פאַרדרעהטע רעכנונגען. מען האָט געפונען אַז עס פעהלט געלד: פון די כשר'ע פּלאָמבעס וואָס מען לייגט אַרויף אויף די טשיקענס, וואָס בוטשערס און מאַרקעט לייט באַצאָהלען פאַר דעם האָט געפעהלט אַ סך טויזענטער. וואו דאָס געלט איז אַהינגעקומען האָט קיינער ניט געוואוסט.

פאר יעדען דאלאר וואס דער מארקעט מאן און דער בוטשער האבען געגעבען האט ער געקראגען צוגעשריבען אויף זיין רעכענונג א דאלאר עולם הבא, און אז אין הימעל פארשרייבט מען עפעס, איז פארפאלען, צוריק נעמען איז זעהר שווער.

מען האט די זאך רעפארטעט צו דעם הויפט סעקרעטאר פון הימעל. ווען דער סעקרעטאר האט דאס דערהערט איז ער געווארען א פארציטערטער, ער האט גלייך געלאזט רופען אלע וואס זיינען „עקספוירט אקאנטענטנס”, ספעציאליסטען אויף „בוכקיפינג” און ער האט זיי געגעבען אן ארדער איבערצוקוקען די ביכער פון ניו יארקער דעפארטמענט און אויסגעפינען וואו דער פעהלער איז.

די ספעציאליסטען האבען פארקאטשעט די ארבעל און האבען געמאכט א גרינדליכע אונטערזוכונג און האבען געפונען אז די סומע וואס פעהלט דערגרייכט אין די שווערע טויזענטער. זיי האבען דאן גענומען צוגלייכען די רעכנונגען פון דעם ערשטען יאהר ווען מען האט ארויסגעגעבען דעם איסור און זיי האבען אויסגעפונען, אז די פעלשונגען זיינען אנגעגאנגען דעם גאנצען יאהר, פון די געלדער וואס מען האט געצאהלט פאר פלאמבעס האט געפעהלט א סך טויזענטער.

די טרעוואגע אין הימעל איז געווארען נאך שטארקער. סטייטש רבנים, פארטרעטער פון ניו יארקער אידענטום, ביי זיי זאל אויך ניט זיין אלץ קארעקט? מען האט זעהר שטארק אנגעהויבען צו מורמלען געגען דעם הויפט סעקרעטאר און געגען אנדערע גרויסע מלאכים אין הימעל וואס האבען די אויפזיכט איבער כשרות אין ניו יארק. מען האט באשלאסען, אז אויב די פעלשונגען זיינען באגאנגען געווארען אויף דער ערד, האבען די פעלשער געהאט א „פול” אין הימעל.

עס האבען זיך אנגעהויבען ארומטראגען קלאנגען. די מלאכים האבען געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען מיט מיסטרויען און פארדאכט. דער צוטרויען אין הימעל איז געפאלען און מ'האט מורא געהאט אז עס זאל ניט אויסברעכען א רעווא־

לוציפער און דער הויפּט סעקרעטאַר וועט געצוואונגען זיין צו רעזיגנירען פון זיין אמט.

בלויז איינער האָט זיך געפרעהט פון דער גאַנצער געשיכטע, און דאָס איז געווען דער לינק-געשטימטער מלאך וואָס איז געגען איסורים אין אמעריקע. זיין ארבייט איז צו זוכען פעהלערען און פארברעכענס געגען די וואָס מאַכען אַ לעבען פון כשרות.

„איך האָב פריהער געוואוסט", האָט ער זיך באַריהמט פאַר די „מלאכים", אַז די ביכער זיינען געפעלשט, איך האָב געוואוסט אַז אין אמעריקע צווישען אונזערע רבנים איז ניט אַזוי אַי, אַי, אַי . . . איך האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז אייערע „עהרליכע מלאכים פעלשען די ביכער".

און דער לינק-געשטימטער מלאך איז אוועק און האָט די גאַנצע זאַך רעפּאָרטעט צום בית-דין של מעלה.

דער בית דין של מעלה האָט גלייך געלאָזט רופען דעם הויפּט סעקרעטאַר און איהם געהייסען זיך שטעלען פאַר'ן משפט.

דער סעקרעטאַר האָט דאָס שוין ערווארטעט, אַז מען האָט איהם געפרעגט וואָס דאָס באַדייט וואָס די ביכער שטימען ניט, האָט ער געענטפערט:

— לאָז מען אריינרופען עטליכע רבנים וואָס האָבען געהאַט צו טאָן מיט כשרות און ביי זיי פרעגען.

דער בית דין האָט געהייסען רופען עטליכע רבנים.

אַ פּאָר האָט מען געבראַכט צו שלעפען פון גן עדן און אַ פּאָר פון גיהנום און מען האָט זיי געמוזט אויספרעגען וואָס זיי ווייסען וועגען פלאָמבעס און כשרות.

די רבנים האָבען דערקלעהרט אַז פון די פלאָמבע געלדער וואָס די מארקעט לייט און די בוטשערס צאָהלען, צאָהלען זיי ניט מעהר אוועק ווי 50 פּראָצענט און נאָך ווייניגער.

דאַן איז די גאַנצע זאַך קלאָהר געוואָרען פאַרוואָס עס פעהלט אַזוי פיעל געלט לויט די ביכער.

דער סעקרעטאַר האָט זיך דערפרעהט, זיין אומשולד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אָבער דער לינק־געשטימטער מלאך האָט זיך אויך דערפרעהט און געזאָגט:

„איך האָב געוואוסט אַז זיי בלאָפען אונז, דאָרט אויף דער ערד”.

צווייערליי פאַרגעניגענס אין סאַראַטאָגאַ

(געווידמעט מר. און מרס. ליב)

אין סאַראַטאָגאַ וואו מענשען קומען ראַטעווען דאָס ביסעל געזונד וואָס די מאשין פון מענשליכען קערפּער האָט צובראָכען, קומען אויך דאָרט אהין מענשען וואָס ווילען מאַכען א לייכטען סענט פון פערד רייסעם אָדער פון פאַרשיידענע געמבלינגס.

שטעהט אַ זעהר גרויסער אַלטמאָדישער האָטעל, וואו די געמבלערס באַצאָהלען פון 15 ביז 25 דאָלאר אַ טאָג. ניט ווייט פון דעם האָטעל שטעהט אַ קליינער האָטעל וואו עס וואוינען מענשען וואָס האָבען אמאָל געזעהן בעסערע צייטען, זיי זיינען זיך געקומען ראַטעווען דאָס געזונט.

אין דעם גרויסען האָטעל עסט מען פון די בעסטע שפּייזען און מען טרינקט פון די בעסטע געטרענקע. די ווייטערס באַדינען זייערע געסט מיט חניפה און אונטערטעניגקייט. די געסט האָבען פון דעם גרויס פאַרגעניגען.

אין דעם אַנדערען האָטעל שטעהען ווייבער אין אַן ענגער קיטשען און קאָכען פאַר זיך די ביליגסטע עסענס בלויז צו דער־האַלטען די נשמה, און זיי האָבען אויך פאַרגעניגען.

נעבען דעם קליינעם האָטעל שטעהט אַ הויז וואו עס קאָכט און זידט ווי אין א קעסל־גרוב די גאנצע 24 שטונדען אין מעת־לעת, מען שפּילט דאָרט אין פאַרשידענע האַזארד שפּילען. שווערע טויזנטער ווערען דאָרט פאַרשפּילט און געוואונען, און די וואָס געווינען האָבען אַ פאַרגעניגען.

אין דעם קליינעם האָטעל שפּילט מען אויך, מען וויל אויך געווינען אַ פּאָר סענט. מען שפּילט אין פּויקער פון אַ פּעני ביז

צוויי. עגמת נפש האָט דער וואָס פאַרשפּילט 25 סענט און פאַרגעניגן האָט דער וואָס געווינט 20 ביז 30 סענט.

אין דעם גרויסען טרינק-זאַל וואו מען פאַרקויפט פאַרשי־דענע מינעראַל וואַסערען אין פלעשער קומען אהין מענשען וואָס קענען אַפּאָרדען צו באַצאָהלען פאַר די געטרענקע. מען זיצט דאָרט ביי באַקוועמע טישלאַך און מען „פיקסט" דאָס געזונט פאַר 10 סענט אַ באָטעל. אָפּגעצוימט מיט אַ וואַנט פון ברעטער שטעהען מענשען אין לאַנגע ליינס און נעמען דאָס וואַסער אומ־זיסט. די שטאָט פאַרוואַלטונג האָט אַוועקגעשטעלט אַ מאַן אין אַ מונדיר פון אַ פּאָליסמאַן אַז ער זאָל אכטונג געבען אַז עמיצער זאָל חלילה ניט נעמען צוויי אָדער דריי גלעזער מיט אמאָל.

שטעהט אַ מאַן אין ליין און נעמט אַ גלאָז וואַסער, ווען ער האָט שוין אָנגעפילט דאָס גלאָז געהט ער אַוועק אין אַ זייט און גיסט אַריין מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער קע־שענע פון ראָק און עס דאַכט זיך אַז ער האָט ערגעץ אין קעשענע אַ געהיים טירעל וואו דאָס וואַסער פאַרשווינדט. באַלד געהט ער נאָכאַמאָל אין ליין און נעמט אַן אַנדער גלאָז וואַסער און גיסט אין קעשענע. ער קוקט זיך אַלעמאָל אַרום, אַז דער היטער פון געזעץ זאָל ניט דערזעהן. ער גנב'עט זיך ווידער אַמאָל אַריין אין ליין און טוט נאָכאַמאָל דאָסזעלבע, ווען ער איז שוין פאַרטיג, געהט ער זיך פּאַוואָליטשקע אַרויס פון דער האָל, און ווען ער איז שוין אין דרויסען ציהט ער אַרויס פון קעשענע אַ פלעשעל וואָס עס איז געווען אזוי קינסטליך באַהאַלטען אַז קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט. אַ צופרידענער שמייכעל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים ווען ער דערזעהט אַז דאָס פלעשעל איז פול, עס דאַכט זיך אַז ער האָט אָפּגעטאָן ווער וויים וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך. ער קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום אויף אַלע זייטען אויב עמיצער געהט איהם ניט נאָך און אַוועקצונעמען דאָס גע'גנב'עטע פלע־שעל וואַסער, און ער האָט אויך פאַרגעניגען.

ווען עס איז באַקאַנט איז אין סאַראַטאָגאַ פאַראַן אַזאַ מינעראַל וואַסער וואָס מען רופט דאָס „האַרטהאָרן נומער דריי". דער קוואַל געפינט זיך דריי מייל הינטער דער שטאָט. דאָרט

קומען יעדען פריהמאָרגען כמעט אַלע מענשען וואָס זוכען צו ראַטעווען זייער געזונט. זיי שטעהען אין ליינס מיט זעהר גרויסע גלעזער. יעדער טרינקט דאָרט אוים פון דעם וואַסער צוויי ביז דריי פון די גרויסע גלעזער. שטעהט צווישען אַנדערע אַן על־טערער הויכער פעסט־געבויטער מאַן און טרינקט פון א קידוש גלעזעל, ווייל ער האָט מורא מעהר צו טרינקען . . . נעבען איהם שטעהט אַ יונגער באָי פון אַ יאָהר 9 און טרינקט פון אַ גלאָז וואָס געהט אַריין באַלד אַ קוואָרט וואַסער, אוןביידע האָבען פאַרגעניגען.

גליקען פון א היימישען קצב

מענדעל שוחט איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און זיך געאײַלט צו טאָן זיין שליחות אין שעכט־הויז . . . פאַרהויבענדיג די פּאָלעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע אויסצומײַדען די בלאָטעס. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען איהם געקומען אין קאָפּ.

געהענדיג און טראַכטענדיג האָט ער ניט באַמערקט ווי הערש דער קצב איז איהם אנטקעגען געקומען און איהם באַגריסט.

— גוט מאָרגען!

— א גוט מאָרגען, א גוט יאָהר! — האָט ר׳ מענדעל שוחט געענטפערט מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל.

— וואָס אַזוי באַטריבט, ר׳ הערש?

— אָט וואָס זאָל איך זיין פרעהליך, אז דער מזל האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן.

— וואָס־זשע, שוין ווידער א טריפה? . . .

— לײַדער יאָ, האָט דער קצב געענטפערט און זיך שיער ניט צעוויינט.

— נו, וואָס דאַרף מען זיך דאָ נעמען אַזוי דאָס לעבען? מילא, עס מאַכט זיך, איהר זענט ניט דער ערשטער, א קצב מוז זיין געפּאַסט צו היזק אויך.

— יאָ, אז מען האָט נאָר וואָס צו פאַרלירען. איך האָב לײַדער שוין אַלעס פאַרלאָרען. עס קומט מיר אויס צו פאַרמאַכען די יאַטקע.

—ע, צו פאַרמאַכען די יאַטקע? — האָט ר׳ מענדעל זיך אָפּגערופען, — וואָס־זשע איהר קענט שוין לעבען פון פראָצענט?

— יאָ, פון פּראָצענט, — האָט דער קצב ביטער געשמייכעלט, — ווען מיין ווייב גיט מיר ניט איהרע אוירינגלאַך צו פאַרזעצען, וואָלט איך אויף דער בהמה ניט געהאַט. איך האָב געהאַפּט: איך וועל לייזען, וועל איך זיי אָפּנעהמען. אייגענטליך איז דאָס אהר גאַנץ פאַרמעגען, זי האַלט זיי טייער ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָס איז די מתנה פון אונזער חתונה, אַן אָנדענקען. נו, אַצינד געה! די לעצטע צייט האָט זיך אזוי שלעכט געמאַכט, נאָר עס ווערט טרפה, און דאָ איז „פּאָסט", די גוים עסען ניט קיין פליישׁ, קומט אויס אַרויסצוואַרפען פאַר די הינט! און היינט די קונים, זיי דאַרפען פלייש אויף שבת, א שאָד זיי צו לאָזען לויפען, פאַרלירען קונים, איז כאָטש נעם א טאָרבע און געה איבער די הייזער!

— יאָ, די קצבים באַקלאָגען זיך דאָס זיי דערלעגען! — האָט ר' מענדעל שוחט באַדויערט.

—נו יאָ, א סך האָבען זיי צו דערלעגען! — האָט הערש געענטפערט.

— עס איז אמת, אָבער קיינער וויל ניט דערלעגען! — האָט ר' מענדעל שוחט געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז אויך אמת, איך מוז אייך זאָגען ר' מענדעל, אז די קצבים רעדען זיך אונטער: זיי זאָגען א די לעצטע צייט קריכט נאָך דער שלים מזל אונזער אלטען...

— ער האָט ניט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם שוחט וועלכען ער האָט געמיינט.

— ער איז ניט שולדיג, אלע זאָגען אָבער פאַרט, אז איהר זענט מעהר מזל'דיג, ביי אייך טרפה'ט זיך ניט אזוי פיל.

— און וואָס זאָגען ר' לייבעלע'ס חסידים? — האָט ר' מענדעל געפרעגט.

הערש האָט אראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און געשוויגען.

— איהר שווייגט, ר' הערש? איך וועל אייך זאָגען וואָס זיי זאָגען, אז איך בין ניט מדקדק, אז איך בין גרינג, דערפאַר קוק איך אוועק און עס כשר'ט זיך ביי מיר . . . און איך זאָג

איך ר׳ הערש, אזוי ווי מיר שטעהען אונטערן הימעל פון גאָט, אז איך בין אזוי גוט מדקדק ווי אַלע שוחטים!—האָט ר׳ מענדעל ביטער אויסגערופען מיט א הייליגער שבועה.

— איך גלויב אייך, ר׳ מענדעל, איך גלויב אייך.

— וואו געהט איהר אצינד, ר׳ הערש?

— איך געה אהיים, וואָס דען קען איך טאָן? די בהמה איז טרפה.

— אָבער וואָס וועט איהר טאָן מיט די קונים, זיי דארפען דאָך פלייש אויף שבת?

— נו, וואָס קען איך העלפען, אז איך בין אזוי אומגליקליך, כאָטש נעם און געה אין די הייזער.

— אָ, עס איז ניט אזוי שלעכט! — איהר האָט נאָך גענוג פריינד וואָס וועלען אייך העלפען. אָט האָט איהר דרייסיג רובעל געהט אין מאַרק אריין און קויפט א שטיקעל בהמה. איהר וועט מיט גאָט׳ס הילף אָפּגעבען ווען איהר וועט האָבען — און ער דערלאנגט דעם קצב דרייסיג רובעל. דער קצב האָט ניט געקענט ענטפערען א וואָרט פאר איבערראשונג, ער האָט זיך ניט געקענט גלויבען אזא זאַך: דאָס גראדע זיין געגנער זאָל איהם העלפען אין נויט! ער האָט געוואוסט, אז פון יענעם שוחט האָט ער ניט געקענט ערוואַרטען אזא זאַך ווי צו טאָן א טובה עמיצען! אָבער מענדעל האָט איהם ניט געלאָזט לאַנג טראַכטען און איהם דאָס געלט אריינגעלעגט אין האַנט מיט א פריינדליכען שמייכעל, זיך געזעגענט און גיך אוועק זיין וועג.

הערש דער קצב איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן, אָבער באַלד האָט ער ערוואַכט ווי פון א שלאָף און מיט שנעלע טריט אוועק אין מאַרק אריין. דאָס האַרץ האָט איהם גענומען נאָגען, דער מאָגען האָט געמאָנט זיין חוב, אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט, נאָר געלאָפען זוכען א בהמה׳לע. ער האָט ניט געוואָלט קומען צו זיין ווייב מיט לעדיגען, זי זאָל ניט האָבען קיין טענות, ווי געוועהנליך ווייבער

האָבען ליב, האָט ער ביי זיך געדענקט. דערפאַר האָט ער גלייך געוואָלט אז זיין שאָדען זאָל זיך אומקעהרען איידער זיין ווייב ווייסט פון דעם.

אין מאַרק האָט ער לאַנג ניט געהאַט קיין צייט צו שפּעקו־לירען, גראָד האָט זיך געטראָפען אַ גאַנץ גוט שטיקעל סחורה, יונג און פעט. ער האָט זיך געפרעהט מיט דער מציאה.

ער האָט געכאַפּט די בהמה, זי גיך אוועקגעפיהרט שעכטען.

ר׳ לייבעלע שוחט האָט ליב געהאַט צו מאַכען חסידה׳שע הויות: אויסגלעטען דעם חלף אויף זיין נאַקעטער האַנט, דורכ־געפיהרט א פּאָר מאָל דעם שאַרף צווישען די שפּיץ פינגער, און ווען ער האָט געפונען אז עס איז ניטאָ קיין פּגימה, איז ער צוגע־גאַנגען און אָפּגעשאָכטען די בהמה, אָפּגעווישט די וואַרעמע בלוט און דאַן זיך גענומען בדוק זיין. אויפגעשניטען דעם בויך און באקוקט די איינגעווייד פון דער בהמה.

הערש קצב איז געשטאַנען און געציטערט, עס האָט ביי איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן פאַר שרעק. דער שוחט האָט ארויסגענומען די לונג און ער האָט געדרעהט און געזוכט און ניט געוואָלט ארויסזאָגען דאָס ענטשידענדע וואָרט. ער האָט געזעהן, אז דער קצב שטעהט קוים אויף זיינע פיס פאר שרעק.

— איך וועל אליין ניט פּסק׳ענען — האָט ער געזאָגט — לאָז מען דאָס נעמען צום רב.

ביים רב איז געוועזן דאָסזעלבע.ביידע דער רב און דער שוחט האָבען געזעהען אז די בהמה האָט א גרויסע סירכא, עס איז קיין פראַגע אַז די בהמה איז טריפה, אָבער ווי זאָגט מען עס דעם אומגליקליכען קצב? ער איז געוועזן בלייך און טויט, ער האָט זיך געזוכט אין עפּעס אָנצושפּאַרען אז ער זאָל ניט אנידערפאַלען. זעהענדיג דעם אומגליק און ניט געגעסען א גאַנצען טאָג, האָט עס איהם א קלעם געטאָן ביים האַרצען און ער האָט אָנגעהויבען צו חלושען. עס איז געוואָרען א געוואַלט, מען האָט זיך גענומען אָפּמינטערען דעם אָרעמען קצב.

ציזשע לאה, דעם קצב׳ס ווייב, האָט זיך געערגערט א גאַנצען טאָג דאָס איהר הערש האָט ניט געגעסען, איז זי אוועקגעלאָפען צו דער יאַטקע. זי האָט גערענקט אז ער שטעהט און ער האַקט פלייש און איז באַשעפטיגט אז ער קען ניט געהן אהיים עסען. געהענדיג צו דער יאַטקע האָט זי געהערט א טומעל ביים רב, איז זי אריין זעהן וואָס דאָרט איז, האָט זי געטראָפען איהר אייגענעם נחת.

זי האָט געזעהן דאָס איינגעווייד פון דער בהמה ביים רב אויפן טיש און ווי הערש זיצט אַ האַלב טויטער, האָט זי זיך משער געווען וואָס דאָס מיינט. ווען מען האָט אָפּגעמינטערט דעם קצב האָט ער ארויסגעקרעכצעט:

— רבי, איז שוין אַלעס פארפאַלען?

— איך האָב נאָך ניט גע״פּסקנ׳ט. עס קען זיין מיר וועלען נאָך זעהן — אָבער דער רב האָט בלויז געזאָגט אז דער אומ־גליקליכער קצב זאָל אביסעל צו זיך קומען.

— אידען ראטעוועט מיין כבוד! לאָזט מיך ניט צו גרונד געהן! עס איז פרעמד געלט!

— ער האָט ניט געוואָלט זאָגען ווער עס האָט איהם דאָס געלט געגעבען.

דער רב און ר׳ לייבעלע שוחט און נאָך א פּאָר אידען האָבען אָפּגעמאַכט, אז זיי זאָלען רופען מענדעל שוחט.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און מענדעל שוחט איז געקומען. אז דער קצב האָט דערזעהן ר׳ מענדעל שוחט, האָט ער געגאָסען מיט טרערען און דערביי ביטער געשמייכעלט און געזאָגט:

— איהר זעהט ר׳ מענדעל מיין מזל? . . .

— גאָט וועט העלפען — האָט ר׳ מעדעל געענטפערט פריינד־ליך און מיט מיטלייד, און איז צוגעגאנגען צום טיש.

ר׳ לייבעלע האָט איהם געציייגט די שאלה. זיי האָבען ביידע באַקוקט. ר׳ מענדעל איז דאַן צוגעגאַנגען צום שאַפע מיט ספרים, ארויסגענומען א גרויסע גמרא, אוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש. ר׳ מענדעל האָט געזוכט, א בלאַט נאָך א בלאַט איבער־

געמישט און עפּעס געזוכט, דאן האָט ער אָנגעצייגט מיט'ן פינגער צו ר' לייבעלען. ביידע האָבען זיך אריבערגעבויגען איבער דער גמרא און געקוקט.

— רבי! — האָט ר' מענדעל גערופען, — אנו גיט זייט מוחל א קוק אהער וועט איהר עפּעס זעהן.

דער רב האָט זיך אריבערגעבויגען איבער דער גמרא, ארויפגעזעצט די ברילען אויף דער נאָז און אריינגעקוקט.

— נו רבי איהר זעהט? — האָט ר' מענדעל געפרעגט.

— יאָ, יאָ, איך זעה, איך זעה, עס איז כשר!

פון דעם וואָרט כשר איז הערש קצב געוואָרען אזוי גערירט, אז ער האָט געכאַפּט די האַנט פון יונגען שוחט און געדריקט מיט זיין גאַנצער קראַפט און אויסגערופען.

— ר' מענדעל, איהר האָט מיין לעבען געראַטעוועט! שוין דאָס צווייטע מאָל! פון היינט אָן זענט איהר מיין שוחט אפילו די וועלט זאָל זיך איבערקערען!

— א גוטער ליבער מענש, — האָבען אלע גערעדט, הערענדיג פון הערש דעם קצב ווי ער האָט איהם אזא טובה געטאָן.

א ווינט בעט רחמנות

אין אַ קאַלטען ווינטער טאָג זיץ איך ביי באַקאַנטע אין הויז. זיי האָבען זייער וואוינונג אויף אַ דריטען פלאָר צום פראָנט. ביי די פענסטער שטעהען אַ פּאָר בוימער, אויסגעטאָן מוטער נאַקעט און זיי שעהמען זיך גאָרניט פאַר מענשען.

ערשט ניט לאַנג האָבען זיי אויף זיך געטראָגען רויטע, געלע, גרינע, בראָנזענע און גאָלדענע קליידער.

זיינען געקומען בייזע ווינטען און מיט זייערע שאַרפע ציין ארונטערגעריסען פון די בוימער די גאָלדענע קליידער מיט די גאָלדענע עפּאָלעטען און זיי געלאָזען שטעהן מוטער נאַקעט פאַר דער גאַנצער וועלט.

וואו זיינען אהינגעקומען די קליידער מיט די אַלע פאַרבען?

יעצט, ווען די פרעסט, שנייען און זאַווערוכעס קומען — יעצט האָבען די בוימער ניט קיין קליידער אויף זייערע לייבער. יעצט שטעהען זיי נאַקעט און שרייען און ציטערען פאַר קעלט.

בוימער קענען די ווינטען גאָרניט טאָן: ווינטען לויפען ארום, וואו די וועלט האָט אַן עק. און זיי, די בוימער, שטעהען אויף אַן אָרט און קענען זיך ניט ריהרען!

שטעהען די נאַקעטע בוימער אָפּגעריסענע אין אַזעלכע קעלטען און וויינען און ברעכען זייערע אויסגעטרוקענטע צווייגען!

זיי שטעהען, וויינען, חלומ'ען און האָפען פון נייע קליידער, פון נייעם געזאַנג פון פויגעל און פון זונענשיין. בוימער מעגען האָפען, חלומ'ען, זייערע חלומות וועלען פאַרווירקליכט ווערען. בוימער זיינען ניט ווי מענשען: זיי זיינען אַ סך גליקליכער!

דערווייל אָבער איז ביטער און פינסטער; דערווייל דאַרף מען אָפּקומען אַ ווינטער אין דעם קאַלטען דרויסען.

אויף זייערע קעפּ הענגט אַ גרויערע הימעל, ווי ער וואָלט געווען אויסגעגאָסען פון אַלטען בליי.

אַט קומט אַ דין רעגענדעל, אַ קאַלטס, אַ מרה־שחורה׳דיגס, שפּריצט און קלאַפּט און וואַשט אָפּ דעם שטויב וואָס האָט גע־פונען אַן אָרט אויף זיי.

דאָס רעגענדעל אַרט זיי ניט אַזוי שטאַרק! זיי האָבען זעהר מורא פאַר פרעסט און שטורעמס, פאַר ווילדע ווינטען, מיט זייערע טרויעריגע געזאַנגען, וואָס שאַרפען זייערע ציין אויף די טרוקענע דאַרע צווייגען.

פאַר די ביימער וועט אָבער קומען אַ פריהלינג, נאָך אַ מאָנאַט, נאָך אַ וואָך און נאָך אַ טאָג. זיי וועלען זיך ווידער אָנטאָן אין די גרינע קליידער; ווידער בליהען, ווידער טרינקען זונענשיין און ווארימקייט; ווידער הערען דאָס זיסע געזאַנג פון די פייגעל און ווידער חלומ׳ען שעהנע חלומות.

אָבער, איך, דער מענש, אויף וואָס קען איך האָפען? מיין פריהלינג וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט צוריק קומען! מיין הארץ וועט פאַרבלייבען ביי דעם טרויער וואָס דאָס לעבען האָט דאָרט באַזעצט. און דער טרויער לאָזט ניט רוהען, נאָגט דאָס הארץ און מאָנט עפּעס...

וואָס דער עפּס איז — ווייס איך ניט. מיר דאַכט זיך ער מאָנט פרייד, צופרידענהייט און גליק.

די דריי זאַכען וואָס אַ הארץ פון אַ מענשען מוז האָבען, אָהן די זאַכען קען קיין מענשלאַך הארץ ניט לעבען!

הארץ, מיין הארץ! וואָס האָסטו צו מיר. זיי שטיל, באַ־רוהיג זיך. האָב איך דען גליק, צופרידענהייט און פרייד און גיב דיר ניט?

אָפּט ווערט מיר אַזוי אומעטיג, אַז איך צעוויין זיך. האָט אָבער דאָס הארץ פון אַ מענשען זעהר פיינט טרערען! פאַר־קערט, עס האָט ליב געלעכטער. ווי אַזוי קען דאָס אַריינגעמען פרייד, אַז דער טרויער האָט זיך דאָרט צוליינט און וויל ניט אָפּ־טרעטען?

און א ווינט א בייזער, אַן אָפּגעריסענער, שטעהט אונטער'ן פענסטער און וויינט צוזאַמען מיט מיין הארץ! ער וואָיעט: איך האָב ניט קיין היים, איך האָב ניט קיין עסען! אַלע בלעטער וואָס איך האָב באַדאַרפט פאַרצעהרען מיט מיין אָפּפּליקען, האָב איך שוין לאַנג פאַרצעהרט און אָפּגעפּליקט! די צווייגען וואָס איך האָב באַדאַרפט צוברעכן — האָב איך שוין לאַנג צובראָכען. יעצט בין איך עלענד! לאָז מיך אריין צו דיר אין הויז, גוטער מענש! מאַך אויף א שטיקעל פענסטער, לאָז מיך אָנוואַרעמען. איך וועל דאָרט לאַנג ניט פאַרבלייבען! האָב ניט קיין מורא פאַר מיר, איך וועל דיר ניט טאָן קיין שאָדען! איך פאַרזיכער דיר אַז אפילו דיינע פאָרהאַנגען פון די פענסטער וועל איך ניט באַריהרען, איך וועל אַריין און אַרוים שטיל, אָהן פּיפּעריען, זעהר פאָרזיכטיג! איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיר! לאָז מיך אַביסעל אָנוואַרעמען!

דערפאַר אָבער זאָגט איך דיר צו, ווען דו וועסט מיך דאַרפען אין די טעג און נעכט, ווען דו זוכסט אַביסעל ווינט, וועל איך קומען צו דיר, דיך גלעטען און לאַסטשען אַזוי ווי א געטרייע און צערטליכע מאַמע!

א פליש סטרייק פון ווייבער

ביי דעם לעצטען סטרייק פון ווייבער געגען די בור־טשערס, זיינען עטלאכע ווייבער ארומגעגאנגען נעבען א בוטשער סטאָר מיט סטרייק סיינס און געפּיקעט אז קיינער זאָל זיך חלילה ניט אריינכאַפּען אין סטאָר און קויפען פליש.

שטעהען עטליכע ווייבער מיט „שאָפּינג בעגס" און רע־דען פון סטרייק. צווישען זיי שטעהט א ווייבעל, מיט קורץ געשוירענע האָר און מיט א לעדערנע „קורטקע" און האַלט א רעדע.

— איך זאָג אייך, ווייבער, עס איז איינפאַך א סקאַנדאַל, וואָס מען קויפט פליש! פאַרוואָס זאָלען מיר ניט זעהען, אז מיר זאָלען דעם סטרייק געווינען!

איהר הערט, מיינע פריינד! היינט געה איך ארויס פון הויז, איך גיב א קוק, א ווייבעל וואָס וואוינט נעקסט דאָר צו מיר, אז וואוינען זאָל זי שוין, וואו איך וויים . . . איך זעה ווי זי געהט ארויס פון בוטשער, געה איך צו איהר צו, און זאָג: סטייטש, מיסעס, עס איז דאָך א סטרייק פון פליש! איך האָב איהר געוואָלט אויפקלעהרען, אז זי זאָל ניט קויפען קיין פליש. ווערט זי אָנגעצונדען, ווי א פייער, און שיסט אויס: ערשטענס, זאָגט זי, איז דאָס ניט אייער באָבעס עסק, וואָס איך קויף פליש, און צווייטענס, זאָגט זי, קען איך ניט אויס־קומען אָהן א ביסעל זופּ! — ווער איך שוין אין כעס און זאָג צו איהר: מיסעס, ביי אייך אין דערהיים פון וואַנען איהר קומט פון אַלדע שווארץ יאָהר, האָט איהר אויך אַלע טאָג געגעסען פליש? איהר שלעפּערקע, וואָס איהר זענט! און וואָס מיינט איהר? זי האָט מיר שיער די אויגען ניט אויסגעדראַפּעט! ווען עס מישען זיך ניט אריין א פּאָר חבר'טעס,

וואָס זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און רייסען זי ניט אָפּ פון מיר, וואָלט זי מיר זיכער די אויגען אויסגעדראַפּעט, די פּאַס־קודסטווע סקעב! איהר האָט באַדאַרפט צו זעהן וואָס פאַר אַ נעגעל דאָס האָט, אַן אמת'ע קאַץ! די מיאוסקייט! און איהר מיינט, אַז איך וואָלט איהר שולדיג געבליבען? ווען זי גיט מיר איין דראַפּ, פליק איך איהר אויס די אָפּגעפאַרבטע האָר, דעם פאַרזעהעניש! ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך אויך ניט קיין **„שיפּע זיבעלע"**.

— אָט דאָס איז דאָך, רופט זיך אָן אַן אַלטע אידענע — מיין מאַן שרייט תמיד, אַז מיט ווייבער קען מען קיין מלחמות ניט פיהרען, און קיין סטרייק ניט געווינען . . . אַ אידענע — זאָגט ער — וועט אייך פאַר אַ שטיקעל פלייש אָדער טשיקען, פאַרקויפען דעם מאַן מיט אַלע סטרייקס צוזאַמען!

— און איהר האָט געשוויגען? — פרעגט אַ ווייבעל אַ צוהערערין, קענטיק אַ אידענע אַ קאָזאַק, ביי וועלכער איהר מאַן לעקט ניט קיין האָניג. — ווען מיין מאַן רעדט אַזוי צו מיר, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס צו טאָן! איך וואָלט שוין פאַרזאָגט אַ צעהנטען ניט צו מישען זיך אין ווייבערישע ביזנעס!

—געשוויגען? — ענטפערט די עלטערע פרוי מיט אַ פרום קרעכצעל — לאָמיר אייך זאָגען, אַז איך האָב טאַקע ניט געשוויגען. דאָס וואָס איהם קומט, האָב איך איהם געגעבען.

— איך זאָג אייך, — היצט זיך ווידער דאָס ווייבעל מיט די קורץ געשווירענע האָר און מיט דער לעדערנער „קורט־קע" — אַז די מענער זיינען ניט אַזוי שלעכט, זעהט איהר דער טראָסט דאָס איז שוין אַן אָנשיקעניש, איהם דעם טראָסט דאַרפען מיר פאַרטרייבען פון מאַרק. ער האָט שוין גענוג זיך אָנגעטרונקען מיט אונזער בלוט!

זי איז גערעכט, פּאָטאַקעווען איהר צו די איבעריגע ווייבער — מען מוז זעהן, אַז דער טראָסט זאָל ווערען אויס טראָסט.

— ווייבעלאך, זאָגט מיר, איך בעט אייך, — פרעגט אַן אַלטע אידענע, וואָס איז אויך דאָרט געשטאַנען און זיך צו געהערט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָס אַזעל־כעס אַ טראָסט? איז מיין בוטשער אויך אַ טראָסט?

— אַ טראָסט איז ניט קיין בוטשער — ענטפערט דאָס ווייבעל מיט די געשווירענע האָר און מיט דער לעדערנער „קורטקע", אַ טראַסט איז אַ טראָסט, און אַ בוטשער איז אַ בוטשער. ווען איך וואָלט איצט צייט געהאַט, וואָלט איך אייך דערקלעהרט וואָס עס מיינט אַ טראָסט. איך מוז אָבער אהיימלויפען, ווייל די קינדער דארפען קומען פון סקוהל! איך אַפעליר צו אייך ווייבער, אַז איהר זאָלט ניט קויפען קיין פלייש, ביז מיר וועלען אויפהערען צו צאָהלען רויבערישע פרייזען. איהר קענט אויסקומען אָהן פלייש אויך, ביי מיר איז גוט אַ שטיקעל פיש אויך, מיין מאַן זאָגט אויך, אַז מען דארף אינ־גאַנצען נישט קיין פלייש, מען קען אויסקומען אָהן דעם, מען קען אויסקומען.

דארף זיך אָבער טרעפען, אַז צוויי אינגלאך האָבען זיך געשפילט, און נאָכגעיאָגט איינער דעם צווייטען, איז איינער אריינגעלאָפען אין דעם „שאָפינג־בעג" וואָס די פרוי מיט די געשווירענע האָר און מיט דער לעדערנער „קורטקע" האָט גע־האַלטען אין האַנט. די „שאָפינג־בעג" האָט זיך אויפגעריסען, און פון דאָרט זיינען ארויסגעפאַלען עטליכע קאַלבס־ריפען.

ווען די ווייבער האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי געמאַכט אַ געוואַלד. — איהר זעהט, אָט האָט איהר אַ סטרייקערין, דאָ שטעהט זי און אַגיטירט אַז מען זאָל ניט קויפען קיין פלייש, און זי אַליין טראָגט אַ פולען בעג מיט פלייש . . .

דאָס ווייבעל האָט זיך דערשראָקען און איז אַנטלאָפען.

צרות פון אַ כאַוועטע

אײנמאָל, שפּעט אין אָוונט, איך גײ אַרױס פון סאָבװײ. פּלוצים גיט מיר עמיצער אַ ציה בײם אַרבעל. איך קוק זיך אום, איך דערזע פאַר זיך מײן פרײנט בערנשטײן. איך האָב מיך זײער געװאונדערט! מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק װען איך האָב איהם באַגעגענט, איז ער געװען שײן געקלײדט, געהאַט געלט, פול מיט לעבען, געװאָרפען זײנע כיטרע אײגעלאַך אויף די פרױען, װאָס זײנען פאַרבײגעגאַנגען. איצט שטעהט ער פאַר מיר אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער און ציטערט פאַר קעלט. אײדער איך װיל איהם פרעגען, װאָס מיט איהם איז געשעהן, זאָגט ער צו מיר מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע:

— נעמט מיך צו זיך אויף נאַכטלעגער!

— װאָס? — גלויב איך ניט מײנע אויערן, — איהר?... װאו זײנען אײערע רומס? . . . װאָס איז מיט אײך געשעהן? זאָגט! . . .

— עט, — מאַכט ער, — דער קאָמוניזם האָט מיך געקױלעט אָהן אַ מעסער . . . פון מיר געמאַכט אָט דאָס, װאָס איהר זעהט! אָט דאָס! — און ער צעװײנט זיך.

— מילא, װאָס האָב איך געקענט טאָן? אַ רחמנות אויף איהם!

װען ער איז שוין געזעסען בײ מיר אין צימער, דערצעהלט ער מיר:

—איהר װײסט דאָך, אַז מײן װײב האָט געקרענקט אַ לענגערע צײט, ביז ענדליך האָט דער טויט זי באַפרײט פון איהרע לײדען, און איך בין געװאָרען אַן אַלמן.

איך האָב געמוזט אויפגעבען מײנע פיר רומס, און געזוכט אַ װאוינונג אין אַן אַנדערן געגענט, כדי מײנע קינדער, דער

באַי און דאָס מיידעל, זאָלען פאַרגעסען די צרות. ווייל די קינדער זיינען געווען זעהר שטאַרק צוגעבונדען צו זייער מוטער.

איך האָב געפונען רומס ניט ווייט פון די קאָמוניסטישע הייזער. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ קאָמוניסטקע. קיין קאָמוניסט, ווי איהר קענט מיך, בין איך ניט. נאָר אויף זייערע אונטערנעמונגען געה איך אַמאָל. עס איז דאָרט אינטערעסאַנט, אַ פרייע וועלט, מיידלאַך, ווייבלאַך, שוואַרצע, בלאָנדע, און רויטע . . .

איך האָב געטראָפען צווישען זיי איינע, מיט דעם נאָמען בעקי. ווען איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און איך האָב מיך מיט איהר באַקענט. איך האָב איהר דערצעהלט מיינע שעהנע געשיכטעלאַך, איך האָב זי געהאַלטען געשפּאַנט, און זי איז פון מיינע מעשה'לאַך זעהר שטאַרק באַגייסטערט געוואָרען . . . און איך, איך האָב זיך אין איהר אמת'דיג פאַרליבט ביז איבער די אויערען. איך האָב זיך פון איהר דערוואוסט אַז זי איז אַ פאַרברענטע קאָמוניסטקע, אַ פריידענקערין, אַן אויפגעקלערטע, און אַז זי פאַרדאַמט די „פינסטערלינגע" — נאָר וועמען אַרט עס! אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען האָט זי, אַ נעזעל אַן אויסגעטאָקטס, ליפּלאַך רויטינקע ווי קרעלען, שוואַרצע זיידענע האָר, אַ קלינגענדע שטימע באַזיצט זי — נו, ליעב איך זי.

ווען איך האָב מיט איהר געמאַכט דאָס ערשטע מאָל אַן „אַפּוינטמענט" און ווען מיר האָבען זיך געטראָפען, זאָג איך איהר:

— וואָס פאַר אַ שעהנע, רויטע בעקעלאַך איהר האָט!

— רויטע, וואָס זאָגט איהר רויטע? — מאַכט זי אַ בייזע גרימאַסע, — איהר שפּאַסט פון די אַרבייטער קעמפּער?! די קאַפּיטאַליסטען, די פּיאַווקעס זויגען דאָך אויס דאָס בלוט און איהר זאָגט נאָך: רויטע באַקען!

— אָבער רויטע באַקען האָט זי פאָרט. נאָר וואָס דען, אַז

זי האָט זיך דוקא איינגעשפּאַרט בלאָס, אויסגעזויגען פון די קאַפּיטאַליסטען — זאָל זיין בלאָס!

— אָבער בריליאַנטענע אויגען האָט איהר יאָ! — רעד איך צו איהר ווייטער מיט ליבשאַפט, — דאָס קענט איהר ניט לייקענען!

— בריליאַנטענע! — גיט זי אַ שפּרונג אָפּ פון מיר, — פּריהייטס קעמפּער, ברייטע מאַסען און בריליאַנטען? זיי, די טיראַנען, די עקספּלוטאַטאָרס, זיי טראָגען בריליאַנטען און גיבען אונז קייטען און פּריזאָנס. זיי וואַרפען צו דעם אַרבייטער דעם האָרעפּאַשניק, דעם בויער פון דער וועלט, אַ ביסעל רעליף און זיי פאַרשטאָפּען איהם מיט דעם דאָס מויל . . .

— קרוין מיינע, — זאָג איך, — איך פאַרשטעה! . . . איך . . . — נאָר דאָ לאָזט זי מיך ניט ענדיקען און זי צעשרייט זיך:

— קרוינען ליגען אייך אין קאָפּ . . . איצט האָב איך אייך ערשט דערקענט, איהר זענט אַ פאַרטיידיגער פון קרוינען . . . פון מאָנאַרכען, פון באַרבאַרען, וואָס זוכען שטענדיג צו מאַכען בלוט־בעדער און פיהרען צו דער שחיטה אומשולדיגע שעפּסעלאַך! . . .

איך בין געוואָרען פאַרצווייפעלט. ווי אַזוי רעדט מען מיט איהר, אַז אַלץ האָט צו טאָן מיט אונטערדריקטע מאַסען און קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטען? האָב איך זי איינגעלאַדען צו מיר אין הויז.

מיינע קינדער זיינען ניט געווען אין שטאָט. זיי האָבען זיך ניט געקענט באַרויהגען פון זייער מוטערס טויט. האָבען זיי באַשלאָסען צו מאַכען אַ טריפּ קיין יוראָפּ אויף אַ פּאָר מאָנאַטען.

— קומט — זאָג איך איהר איינמאָל — אַרויף צו מיר אין הויז!

— אָבער דאָ האָט זי געגעבען אַ קוק אויף מיר, גלייך ווי איך אַליין. וואָלט געווען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און איך האַלט אָפּ די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— וואָס? — האָט זי אַרויסגעדונערט, — דאָס רעדט איהר? איהר, וואָס קומט צו קאָמוניסטישע אונטערנעמונגען?! וואָס הייסט צו מיר אין הויז? „מיר״, „דיר״, אַנערקענט איהר פּריוואַט אייגענטום?! איהר זענט אויך איינער פון יענע וואָס פאַרשקלאַפּען די ברייטע מאַסען? ניטאָ „מיינס״, „דיינס״! „מיר״, „דיר״!

ווען זי איז אַרויפגעקומען אין מיינע רומס, האָט זי צוערשט אויסגעלייידיגט פון אייז באָקס אַלצדינג וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר מיר. דאַן האָט זי זיך געמאַכט באַקוועם ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען.

ווען איך האָב זי געקושט האָט זי געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל . . .

פּלוצים האָט זי זיך געכאַפּט, אַז איך עקספּלאָטיר זי צופיל און איז אַוועקגעלאָפען. פאַר׳ן אַוועקגעהן האָט זי מיטגענומען מיין נייעם ברוינעם סוט פאַר „אַן אָרימען ניגער וואָס שמאַכט אונטער דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם״.

דעם צווייטען מאָל האָט זי מיטגענומען מיין וועש, מיינע נייע שיך. שפּעטער, אַ קישען פון אונטערן קאָפּ, אַלץ פאַר מאַרטירער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט . . .

איך האָב שוין קיין כוח ניט געהאַט צו פאַרטיידיגען מיין פּריוואַט אייגענטום. אַבי איך האָב געהאַט בעקין!

איינמאָל אין אָוונט, ווען איך בין אַהיימגעקומען, לויפט מיר מיין בעקי אַנטקעגען און דערקלערט מיר, אַז זי האָט באַשלאָסען צו וואוינען טאַקע דאָ ביי מיר אין די רומס מיט אַן עלענדען חבר, וואָס איז נאָר באַפרייט געוואָרען פון קאַפּיטאַליסטישען פּריזאָן, ווייל ער האָט אַגיטירט פאַר געבורטס־קאָנטראָל . . .

— צום טייוועל מיט דיין עלענדען חבר! — האָט זיך ביי מיר ניט ווילענדיג אַרויסגעכאַפּט, — צום טייוועל!

— וואָס? צום טייוועל! — איז בעקי געוואָרען אַן אָנגעצונדענע און איז אַרויפגעשפּרונגען מיט די פויסטען, — דו

גלויבסט נאָך אין טייוועל אויך! גאָט, קאַפּיטאַל, טייוועל? פינסטערלינג! קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אומוויסענדער נאַר!

איך ווייס ניט, וואָס מען טוט איצט, ווען מיינע קינדער וועלען צוריקקומען . . . אָט אַזוי בלאָנקע איך מיך אַרום, איך קען מעהר ניט אַריינקומען אין מיינע רומס . . . און מיין בערנ־שטיין האָט זיך צעוויינט.

זי קאָמאַנדעוועט

מיינער א באַקאַנטער, וואָס האַלט אַ בוטשער סטאָר און מאַכט א לעבען אַ דאַנק זיין פרוי, וואָס איז פעהיג אין די ביזנעס, האָט זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט אַז זיין פרוי הערשט איבער איהם ווי איבער אַ שקלאַף. זי איז די טאָן געבערין אין די ביזנעס און ער איז געצוואונגען אויסצופאָלגען יעדען באַפעהל וואָס זי גיט.

טאָמער טרעפט אַמאָל אַז ער פאָלגט זי ניט וואָס זי הייסט, ווערט זי ברוגז און קומט ניט אַריין אין סטאָר. דעמאָלט ליידען די ביזנעס.

דער באַקאַנטער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ:

— מיין ווייב, זאָל לעבען, האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט צו פייערען איהר 40טען געבורטסטאָג, האָט זי מיר געגעבען אַ באַפעהל איך זאָל אַרויסשיקען איינלאַדונגען צו איהרע באַקאַנטע פאַר אַ סאַפּער. ווען איך האָב איהר געוואָלט איבערצייגען אַז זי איז שוין עלטער, אַז זי איז שוין ב. ה. 49 יאָהר אַלט און זי זאָל וואַרטען נאָך איין יאָהר, ווען זי וועט אַלט ווערען 50 יאָהר, האָט זי מיך גוט אָפּגעזידעלט. זי האָט געוואַלדעוועט, געליאַרעמט און שיער ניט גע׳חלש׳ט.

— טו ווי מען הייסט דיר! — האָט זי באַפוילען.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן אַז זי טראָגט דעם ספּאָדעק? איך האָב געמוזט ניט ווילענדיג צושטימען צו איהר פאַרלאַנג, כאָטש עס איז מיר ניט געווען צום האַרצען.

דאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה וועמען מען זאָל איינלאַדען און וועמען ניט. זעלבספאַרשטענדליך, אַזוי ווי זי איז אַ פעהיגע ביזנעסליידי האָט זי געוואָלט איינלאַדען די יעניגע וואָס קענען ברענגען גוטע פּרעזענטען.

— וועמען זשע ווילסטו איינלאַדען ? — האָב איך זי געפרעגט.

— נעם אַ פּענסעל און פאַרשרייב — האָט זי געגעבען אַ קאָמאַנדעווע.

— מיסטער און מיסעס דייטש, זיי וועלען זיכער מיטברענגען אַ שעהנעם פּרעזענט. אמת זיי זיינען גראָבע מענשען, אָבער פּרעזענטען וועלען זיי געבען.

— נו, האָסט שוין פאַרשריבען ? ! שטעל אַוועק מיסטער און מיסעס סילווער. זיי זיינען אויך פּראָסטאַקעס, אָבער פּרעזענטען געבען זיי. איך האָב נאָך דעם סוועטער וואָס זיי האָבען מיר געגעבען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. יעצט פאַרשרייב מיסטער און מיסעס קאַץ. אויך פּראָסטע מענשען, זיי האָבען טאַקע ליב צו באַרעדען, מיך אַליין האָט זי, די פּאַסקודסטווע, שוין אויך באַרעדט, זי האָט אַ מיאוס מויל אָבער איך האָב זיי טיעף טייער אין דער ערד, אַבי זיי געבען אַ שעהנעם פּרעזענט.

— יעצט פאַרשרייב די קאָהענס פון ברוקלין, ניט פון בראָנקס. די בראָנקסער זיינען שוין אוים קנאַקערס. זיי האָבען זייער געלט אַוועקגעלייגט אויף דער בירזשע אין וואָל סטריט און זיי מעגען זיצען אַן דער היים. אמת, די קאָהענס פון ברוקלין זיינען ווי די ווילדע חיות. אָבער ווען ער דערזעהט מיך כאַפּט איהם די כאָליערע. ער עסט מיך ממש מיט די אויגען... דאָס איז דערפאַר וויל ער האסט זיין ווייב ווי דעם טויט. דו מיינסט אפשר אַז ער איז ניט גערעכט ? ווען איך בין איהר מאַן וואָלט איך מיט אַזאַ נבלה ניט געוואוינט אפילו איין טאָג. הויך און פעט ווי אַן עלעפענט און זי פּאָנפּעט אונטער'ן נאָז און נאָר עפּעס שלאָפט זי באַלד, פון איהר כראָפּען קען מען טויב ווערען.

מיין ווייבעל האָט זיך אביסעל פאַרטראַכט און ווייטער קאָמאַנדעוועט :

„יעצט פאַרשרייב מיסטער און מיסעס אויגוסט, אויך נישקשה'דיגע חזרים. קליינע נשמה'לאַך. דו קענסט דיך דערמאָנען ווען איך האָב איהם געוואָלט פאַרקויפען טעאַטער טיקעטס, האָט ער זיי צוערשט גענומען און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיי צוריק-

נגעגעבען מיט דעם אויסרייד אז זיי זיינען צו טייער פאר איהם. א חזיר מיט אן אוירינגעל! אָבער פאר מורא אז איך זאָל איהר ניט אָפּזידלען ווען איך וועל זי טרעפען אין ביוטי פּארלאָר וועט זי ברענגען א שטיקעל פּרעזענט.

— וואָס הערט זיך מיט דיין בעסטער פריינדין, מיסעס סטיין? — האָב איך זי דערמאָנט.

— גּעה אוועק, דו יאָלד! איך וואָלט זי געלאַדען איז אָבער די צרה אז אין צוויי וואָכען ארום מאכט זי חתונה איהר טאָכטער, וועל איך דארפען איהר געבען א בעסערען פּרעזענט ווי זי וועט מיר געבען. דו געדענקסט ווען מיר האָבען אריינגעמופט אין די רומס, האָט זי מיר געבראַכט א באָקסעל פאַרשימעלטע קענדי וואָס זי האָט ערגעץ געקויפט א בארגיין אויף א פּושקארט. איך וועל זיך באַנעהן אָהן איהר.

— יעצט שטעל אוועק כאָנטשע'ן דיין געוועזענע כלה, איך וויל אז זי זאָל קומען און צושפּרינגען ווערען פאר הארצוועהטיג. זאָל זי זעהן ווי דו מאַכסט פאר מיר שעהנע פּארטים. זאָל זי זעהן די נייע פּוירניטשור.

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין שוועסטער? — האָב איך געפרעגט.

— אָט לויף איך זי איינלאַדען! עס פעהלט מיר ניט מעהר אז זי זאָל מיטשלעפּען איהרע 5 שדים, אז זיי זאָלען כאַפּען פון די טישען, קלעטערען אויף דער פּוירניטשור, צוברעכען די ראַדיאָ און זיך רייצען מיט'ן הינטעל. מעהר פעהלט מיר ניט, נאָר זי מיט איהרע לאָפּאַצאָנעס. דו געדענקסט ווען זי איז דאָ לעצטען מאָל געוועזען מיט די שדים, האָבען זיי ארויסגעטראָגען דאָס לאָקשען ברעט און זאמוטשעט דאָס הינטעל!

אָט אזא ווייבעל פארמאָג איך! קען ניט פּלאַצען די גאַל פון אזא ווייבעלע? נאָר זי קאָמאַנדעוועט! באַפעהלט און קאָמאַנדע־וועט.

דעריהרגיט אן ארטיקעל

איך האָב אַ לאַנדסמאַן אַ בוטשער. זיין טאַטע, זיין זיידע און עלטער זיידע זיינען קיינמאָל קיין בוטשערס ניט געווען. איהם אָבער האָט זיין מזל אָדער שלים־מזל צוגעשפּילט דאָ אין אַמע־ריקע אַז ער איז אַריין אין די פליש און פאָולטרי ביזנעס דורך אַ צופאַל.

אין דער אַלטער היים האָט ער ווי הונדערטער אַנדערע יונגע לייט געקוועטשט די בענק אין בית המדרש. קיין פּראָסטען אַר־בייטער האָבען זיינע עלטערען ניט געוואָלט פון איהם מאַכען. זיי האָבען געדענקט פון איהם אַרויסצוקוועטשען אַ דאָקטאָר אָדער כאָטש אַ רב...

ווען איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל באַגעגענט האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט וואָס פאַר אַ צרות ער שטעהט אויס פון די בוטשער ביזנעס, און ווי אַזוי די היגע רבנים זיינען איהם דערגאַנגען די יאָהרען דערפאַר ווייל ער האָט זיי אַמאָל קריטיקירט. ער ליידט ביז'ן היינטיגען טאָג פון זיי דעם גיהנום. ער איז אַ מענש וואָס קען ניט פאַרליידען קיין עוולות.

באַלד פון ערשטען טאָג זייט ער איז אַריין אין די בוטשער ביזנעס האָט ער ניט געגליכען דעם פאַך. אָבער וואָס טוט מען ניט צוליב פּרנסה? אָבער אַזוי ווי ער קען די דריבנע בוכשטאַבען האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק, אַז די אידישע בו־טשערס אין ניו יאָרק דאַרפען האָבען אַן אייגענע פאַך צייטונג.

אַזוי ווי זיין געדאַנק איז פאַרווירקליכט געוואָרען. די אידישע בוטשערס גיבען אַרויס אַ זשורנאַל, האָט מיין לאַנדסמאַן באַלד זיך גענומען צו דער פען און אָנגעהויבען צו שרייבען וויסענ־שאַפטליכע אַרטיקלען וועגען בוטשער טרייד.

אָבער וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען וועגען בוטשער טרייד שאַקעלט מען ניט אַרויס פון אַרבעל. פלעגט ביי איהם נעמען וואָכען לאַנג ביז ער האָט אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל.

זיינע אַרטיקלען זיינען געווען געשריבען מיט הויכע פּראַזען, און בלויז אין דער פאָרם פון קריטיק. אַ קריטיק געגען רבנים, אַ קריטיק געגען דער פיהרערשאַפט פון פעדערייִשאָן און אַנדערע קריטיק.

האָט ער אַמאָל אַריינגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון זשור־נאַל אַן אַרטיקעל פון עטליכע בלעטלאַך. ווען דער רעדאַק־טאָר האָט דאָס איבערגעקוקט האָט ער באַלד אויסגעשטראָכען 12 שורות. די 12 שורות, האָט דער רעדאַקטאָר ערקלערט, קוילען אַוועק דעם גאַנצען אַרטיקעל.

דאַן האָט דער רעדאַקטאָר איבערגעגעבען דעם אַרטיקעל דעם אַסיסטענט רעדאַקטאָר.

דער אַסיסטענט רעדאַקטאָר האָט דאָס איבערגעלעזען און אויסגעמעקט 8 שורות און דאָס איבערגעגעבען צום סעקרעטאַר,

האָט דער סעקרעטאַר דאָס געלעזען און אויסגעמעקט 6 שורות, עפּעס איז איהם ניט געווען צום האַרצען, ער האָט זיי ניט געגליכען . . .

דער סעקרעטאַר האָט דאָס איבערגעגעבען צום זעצער. האָט דער זעצער געפונען פאַר נויטיג אַרויסצוואַרפען עטליכע פּאַראַ־גראַפען. זיין טענה איז געווען, אַז ער קען דאָס ניט זעצען ווייל די שריפט איז אוממעגליך איבערצולייענען.

ווען דער זעצער איז פאַרטיג געוואָרען האָט ער דאָס איבער־געגעבען צום „פּרוף־רידער", דאָס איז דער בעל מגיה, האָט ער אַרויסגעשניטען אַ 20 שורות. ער האָט זיך פאַרענטפערט אַז דאָס אַרטיקעל וועט פון דעם ניט ווערען בעסער און ניט ערגער. און ווען דער פּרעסמאַן האָט דאָס גענומען צו דער פּרעס מאַשין האָט ער פאַרניכטעט די פאַרבליבענע עטליכע שורות. ווען מען האָט דאָס שוין אָפּגעדרוקט איז פון דעם וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל פאַרבליבען בלויז דער נאָמען: „ווי אַזוי צו פאַרבעסערען דעם בוטשער'ס לאַגע".

איז, דאכט זיך, שוין גוט? א יא גאנץ שעהן געהאנדעלט געגען איהם, הא, ווי זאגט איהר? לאזט זיך אוים אז מיין לאנדס־מאן געהט ארום צווישען די בוטשערס און דערצעהלט אז די חברה שרייבארעס פון דעם זשורנאל האבען אייגענס דער'הרג'עט זיין וויסענשאפטליכען ארטיקעל ווייל זיי האבען הפנים מורא אז ער זאל ניט ווערען זייער קאנקורענט.

— אט אזוי, — זאגט ער, — האט מען א דאנק ווען מען גיט אוועק אזוי פיל צייט און מיה, ביז מיר האבען דערלעבט צו האבען אן אייגענעם זשורנאל.

— און ווען איך האב זיי געפרעגט: סטייטש? ווי לאזט מען דאס צו אזא זאך? האבען זיי מיר געענטפערט: אז איך זאל זיך ניט נעמען שטארק צום הארצען ווייל סיי ווי סיי האט מיין ארטיקעל ניט געטויגט. עס זיינען געווען א סך הויכע ווערטער וועלכע די בוטשערס וואלטען ניט פארשטאנען.

— איהר הערט כאטש אן ענטפער פון שרייבארעס? אזוי איז ווען מען הויבט זיך אן מיט זיי.

באלד עפעס, האלטען זיי אין איין אויסמעקען.

א ווייבעל א ספּאָרט

זייט מרס. היטעלבאַך איז געוואָרען אַן אָלרייטניצע, ווייל דאָס מזל האָט איהר צופעליג צוגעשפּילט — איהר מאַן איז אריין אין אַ ביזנעס וואָס ער מאַנופעקטשורט אַ ביליגען ארטי־קעל פאַר אָרעמע לייט, — געהט זי אַרום מיט אַ פאַרריסענער נאָז. זי האָט ליב אויפצושויען פאַר איהרע באַקאַנטע טראָג־דעם וואָס זיי אַלע קענען זי ווען זי איז נאָך געווען אַ שניידערין.

ביי יעדער געלעגענהייט גלייכט זי זיך צו באַריהמען, אַז זי האָט דאָס געשטעלט איהר מאַן אויף די פיס פון דעם נדן וואָס זי האָט איהם געגעבען. ווען ניט זי — זאָגט זי — ווער ווייסט וואו ער וואָלט זיך איצט ערגעץ אַרומגעוואַלגערט?

אָט, למשל, טראָגט זי אַ דרעס וואָס איהר פריינדין האָט פאַר איהר „אויסגעניטעט“, זי די פריינדין איז שיעור ניט בלינד געוואָרען פון דער לאַנגווייליגער און נודנער אַרבייט. באַ־ריהמט זיך מרס. היטעלבאַך אַז זי האָט די דרעס אַליין גע־מאַכט, טראָצדעם וואָס אַלע ווייסען גאַנץ גוט ווי שווער עס איז אָנגעקומען איהר פריינדין ביז די „אָלרייטניצע“ האָט אויסגע־באָרגט פון אַ באַקאַנטע אַ „ניטינג“ נידעל. און ווי לאַנג עס האָט גענומען ביז „זי“ האָט געקויפט וואָל פאַר דער דרעס, ווייל זי איז מאָנאַטען לאַנג אַרומגעגאַנגען צווישען אַ היפּש ביסעל פושקאַרטס זוכען ביליגער מיט אַ פּאָר סענט ווי אין אַ סטאָר.

אָדער ווען זי קומט אָנגעטאָן אין אַ נייער דרעס, וואו זי האָט אודאי דער סיילסליידי אַרויסגענומען די כוחות ביז זי האָט געקויפט. גיט זי זיך אַ באַריהם, אַז זי האָט פאַר דעם דרעס באַצאָהלט צוויי מאָל אַזויפיל, וויפיל זי קאָסט אין דער ווירק־ליכקייט.

— ביי מיר — באריהמט זי זיך — שפילט געלט קיין ראָלע ניט, אַבי עפּעס גוטעס! אָבער אין דער אמת'ן איז זי די ערגסטע „קושענירקע", זי ציטערט איבער יעדען סענט וואָס זי דארף אויסגעבען. קוים געהט זי אריין ערגעץ עפּעס קויפען, האָט זי ליב פון יענעם די כוחות ארויסצונעמען. די סיילסלייט און סטאָרקיפּערס האָבען פון איהר אויסגעריסענע יאָהרען.

אָט שטעהט זי אין אַ גראָסערי און פרעגט דעם גראָסערימאַן, וויפיעל ער רעכענט פאַר אַ האַלב פונט פּוטער. ווען ער זאָגט איהר אכצעהן סענט, טהוט זי זיך אַ רוף אָפּ:

— אכצעהן סענט פאַר אַ האַלב פונט פּוטער! פאַרוואָס גיט איהר מיר שוין ניט בעסער מיט אַ פּיסטעל?

קוקט זי דער גראָסערימאַן אָן.

— וואָס הייסט, זאָגט ער — איך זאָל אייך געבען מיט אַ פּיסטעל? וואָס בין איך עפּעס אַ האָלד־אַפּניק?

— וואָס דען — ענטפערט זי איהם — אויב ניט קיין האָלד־אַפּניק וואָס־זשע הייסט איהר זיך געבען 18 סענט פאַר אַ האַלב פונט פּוטער?

נו, דענקט איהר, ער וועט איהר פארשוויגען פאַרוואָס זי רופט איהם „האָלד־אַפּניק"? מאַכט ער זי מיט דער בלאָטע צוגלייך.

— דו קושענירקע, דו פּאַסקודסטווע איינע — שרייט ער — אַ טאַטען פון קינדער רופסטו „האָלד־אַפּניק"? . . .

אָדער ווען מיסעס היטעלבאַך קומט אריין צום בוטשער, ציינט ער איהר אַ שטיקעל אויסגעשיילטע פלאַנקען וואָס עס איז נאָר אַ ברכה צו מאַכען איבער אַזאַ שטיקעל פלייש, און דער פּרייז איז אויך ניט הויך — בלויז 32 סענט אַ פונט.

— וואָס דארפט איהר מיר פאַרקויפען פלייש? גיט מיר מיט'ן מעסער אין הארץ אריין, וועט איהר האָבען אי דאָס געלט אי דאָס פלייש . . .

כאַפּט זיך ניט דער בוטשער אין פלוג וואָס די פרוי איז דאָ אויסען, און ער זאָגט ניבע מיט אַ וויץ:

— סעי, מיסעס! איהר דאַרפט אפשר אַן אָפּעריישאָן וואָס איהר גיט מיר דאָס מעסער, איך זאָל אייך שניידען? קיין דאָקטאָר בין איך דערווייל ניט, איך בין בלויז ווי איהר זעהט אַ בוטשער.

צינדט זי זיך אָן, און זאָגט:

— אַ בוטשער זייט איהר? אַ בוטשער הייסט זיך געבען 32 סענט פאַר אַ פונטעלע פּאַדלע? דאָס איז פּליינע רויבעריי!

נו, נו, זאָלט איהר שוין גאָר ניט פרעגען. עס ווערט לעבעדיג אין בוטשער סטאָר. קיין דזשענטלמען איז דער בוטשער ניט, און עס פאַרדריסט איהם ביז איןביין — דערלאַנג ער איהר „סטאַק" אַז די גאַנצע סטריט קומט זיך צונויף.

מיסעס היטעלבאַך, וואָס האָט זיך פיינט צו דינגען — האָט שוין פון בוטשערס, פון גראָסעריליים, פון דעליקאַטעסען סטאָרקיפּערס און פון וועדזשעטייבעל־לייט אַריינגעכאַפּט אַזויפיל טראָבעל און חרפות־בושות, אַז זי האָט באַשלאָסען: מעהר קאָכט זי ניט אין הויז. זיי וועלען געהן עסען אין אַ רעסטאָראַן.

מאַכט זי אין די רעסטאָראַנען נאָך מעהר טראָבעל ווי אין די סטאָרס.

ווען מען דערלאַנגט איהר סופּ — מעג אַזאַ סופּ עסען אפילו דער קייסער, אָבער מיסעס היטעלבאַך וויל די סופּ ניט עסען.

— איהר ווייסט — גיט זי אַ זאָג דעם ווייטער — וואָס איך טו ביי מיר אין דערהיים מיט אַזאַ סופּ? איך נעם אַזאַ סופּ און גיס זי אַרויס פאַר די הינט.

טרעפט זי צופעליג אויף אַ ווייטער, וואָס איז אַ שטיקעל „נאַטור פאָרשער". — פרעגט ער זי:

— מיסעס, הינט עסען ביי אייך סופּ? וואָס פאַר אַ הינט זיינען דאָס? איך האָב אויך געהאַט אַ הונט האָט ער ניט געוואָלט זיך אפילו צורירען צו סופּ.

נו, וויל זי זיך ניט אַריינלאָזען מיט'ן ווייטער אין אַ דיסקוסיע וועגען הינט. גיט זי אַ זאָג:

—יעס — זאָגט זי — מיין מאַן האָט איהם געכאַפּט און ער האַלט איהם.

— לאַנג לעבען זאָל אייער מאַן דערפאַר, מיסעס — זאָג איך איהר.

— אָבער איהר וועט מוזען באַצאָהלען פאַר דער „ווינדאָו"

— מאַכט זי — ווען ניט, וועט איהר ניט צוריקקריגען אייער תכשיט — סטראַשעט זי מיר ווייטער.

— גאַנץ גערעכט! — שאָקעל איך צו מיט'ן קאָפּ.

די אידענע איז אַוועק, און שפּעטער לאָזט זיך צו מיר אריין אַ הויכער איד — איינער פון די גאָר הויכע אידען.

— מיסטער איננבער! איהר זיינט דאָס דער טאַטע, איך מיין, דאָס טאַטעלע פון דעם באָם, וואָס האָט ביי מיר אויסגע־קלאַפּט אַ „ווינדאָו" ?

— יעס, איך, — שטעל איך זיך פאָר.

— וויל איך טאַקע — זאָגט ער — אַז איהר זאָלט מיר באַצאָהלען פאַר דער אויסגעטראַסקעטער „ווינדאָו!"

— נו, דאַרף איך אייך באַצאָהלען — ברום איך איהם נאָך.

— און אויב איהר וועט ניט באַצאָהלען, קריגט איהר ניט צוריק אייער בחור — סטראַשעט מיך דער גאָר הויכער איד.

— הייסט דאָס, אויב איך וועל ניט באַצאָהלען, קריג איך ניט צוריק מיין בחור? — זאָג איך איהם נאָך.

— מיסטער! — שרייט ער אויף מיר — איהר מיינט אַז איך מאַך א שפּאַס?

— חלילה, איך מיין ערענסט — זאָג איך.

— פאַרוואָס זשע באַצאָהלט איהר ניט? — פרעגט דער הויכער איד שוין אַביסעל וויכער.

— איך — זאָג איך — אַז איך צאָהל ניט, האָב איך גרויסע יסורים.

— טאָ, פאַרוואָס זשע צאָהלט איהר ניט? — פרעגט ער ווייטער.

— פאַרוואָס איך צאָהל ניט? — פרעג איך איהם.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס? — שרייט דער הויכער איד.

— פאַרוואָס צאָהל איך ניט דעם סיילסמען פון שלאַכט הויז? פאַרוואָס צאָהל איך ניט דעם מאַרקעט מאַן פאַר טשיקענס? — פרעג איך ווייטער.

— פאַרוואָס? — בייזערט זיך דער איד.

— איהר מיינט אַז עס איז טאַקע ניט קיין רחמנות אויף דעם סיילסמאַן, אויף דעם מאַרקעט מאַן. זיי קומען יעדען טאָג און רייסען די טירען. העי, פאַרוואָס איך צאָהל ניט?

— טאַקע פאַרוואָס? — קלאַפּט שוין דער איד מיט איין האַנט אויף דער „שאָו־קייס".

— און פאַרוואָס צאָהל איך ניט פאַר דער „ווינדאָו" — זאָג איך — אייער ווייב איז ביי מיר געוועזן איידער איהר זיינט געקומען.

— אדרבה, פאַרוואָס? — הויבט שוין דער הויכער אַ האַנט נאָר מיך צו פאַרטיליגען.

— אַנו, זייט אַ קלוגער און טרעפט פאַרוואָס! — זאָג איך.

— מיסטער, איהר דענקט ווען איהר מאַכט מיט מיר שפּאַס, מיינט איהר אַוודאי אַז איך בין אַ יאָלד? מיט מיר וויצעלט מען זיך ניט! אויב איהר וועט ניט באַצאָהלען פאַר דער אויס־געטראַסקעטער „ווינדאָו", האַלט איך אייער באָם פאַר אַ משכון!

— גלויבט מיר, איהר זיינט גערעכט — זאָג איך איהם נאָך.

ווען דער הויכער איד איז אַוועק, האָב איך געפיהלט אַ פאַר־לייכטערונג! נו, דאַנקען גאָט, פאַרזאָרגט איין תכשיט.

ווען די איבעריגע דריי בנים זיינען ביינאַכט אַהיים געקו־מען, האָב איך זיך ביי זיי געבעטען, ווען איהר זאָלט זיין געטרייע קינדער צו אייער פּאַפּאַ, וואָלט איהר באַדאַרפט נעמען שטיינער, און זיך אַרויסלאָזען טראַסקען „ווינדאָוס", אפשר וואָלט איך פון אייך איינציגווייז פטור געוואָרען.

ווּעה געשריי פון עלטערן

זיצענדיק אַמאָל אין אַ געזעלשאַפט איז מיר אויסגעקומען צו הערען פאַרשיידענע געשפּרעכען וועגען דער היינטיגער יו־גענט.

עס זיינען דאָרט געווען פרויען און מענער פון פאַרשיידענע עלטער. די אינגערע מענשען האָבען נאַטירליך געהאַלטען מיט דער יוגענט און די עלטערע האָבען די מיידלאַך און באָיעס שטאַרק קריטיקירט וועגן זייער איצטיגער אויפפיהרונג. די על־טערע מענשען זיינען נאָך איינגעזאַפּט מיט דעם אַלטמאָדישען גייסט, אָבער די אינגערע נעמען זיי אונטער זייער שוץ.

איך בין געזעסען און אויסגעהערט די אַלע טענות. אין אַ פרוי האָט זיך צו מיר געווענדט מיט אַ פאָרוואורף פאַרוואָס איך זאָג ניט אַרויס מיין מיינונג איבער דעם. איהר — זאָגט זי — שרייבט דאָך וועגען פאַרשיידענע זאַכען, פאַרוואָס זאָלט איהר אַמאָל ניט שרייבען די הויפּט־זאַכען וואָס אַ יונגער באָי דאַרף וויסען און געדענקען.

— פאַרשטעהט איהר מיך — רעדט די פרוי מיט פאַרדרוס — איך וועל אייך דערצעהלען. וואָס פאַר אַ צרות איך שטעה אויס פון מיין באָי . . . איך בין אַ מאַמע פון אַ צוואַנציג־יאָה־ריגען באָי וואָס האָט די לעצטע צייטען גענומען אויסגעהן מיט אַ מיידעל. מיין האַרץ ציטערט מיר, מיינע כוחות געהען מיר אויס אַז מיין באָי זאָל חלילה וחס ניט אַריינפאַלען אין טראָבעל. יעדעס מאָל וואָס ער געהט אויס מיט דער מיידעל פאַלט אויף מיר אָן אַזאַ שרעק אַז עס ציטערען ביי מיר הענט און פיס. איהר ווייסט דאָך וואָס יעצטיגע מיידלאַך זיינען! אַ היינטיגע מיידעל, ווען זי נעמט אַריין אַ באָי אין איהרע הענט, זי וועט איהם איינרוימען אין אויער אַ פּאָר זיסע ווערטעלאַך, זי וועט

איהם עטליכע אָוועגטען אין דער פינסטער ,ערגעץ אין אַ פּאַרק אָדער אין אַ האָל פאַרשלעפּען, קען נאָך זיין אַז זי זאָל איהם פאַר׳סמ׳ען אויפ׳ן גאַנצען לעבען. איהר שפּילט זיך מיט די היינטיגע מיידלאַך?

— איך בין דאָך אויך געווען אַ מיידעל ווי איהר קוקט מיך אָן, איך בין נאָך ניט קיין אַלטע אידענע, איך האָב אויך ליב געהאַט באָיעס, אָבער וועמען איז געקומען אויפן געדאַנק אַזעלכע זאַכען, ווי נעמען אַ באָי אין קאָורט פאַר ברידזש אָוו פּראָמים? אין מיינע צייטען וואָלט זיך אַ מיידעל געשעהמט זיך אַרויפצו־וואַרפען אויף אַ באָי. ווייל ער האָט מיט איהר ניט געוואָלט חתונה האָבען. עס וואָלט פאַר איהר געווען די גרעסטע שאַנדע אויף אייביג. וואו איז אַהינגעקומען דער שטאָלץ פון אונז, פרויען.

איך בעט אייך, טוט מיר אַ טובה און קלערט אויף די באָיעס, אַז זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון מיידלאַך.

— איהר מיינט אַז זי איז ניט גערעכט — מישט זיך אריין אַ מאַן — יעדער וואָרט וואָס זי זאָגט איז הונדערט פּראָצענט אמת; אַזאַ יאָהר אויף מיר ווי זי איז גערעכט! ·

— אָט האָב איך אַ זוהן אַ שנעק פון 28 יאָהר, האָט ער אויך שוין אָנגעהויבען אויסצוגעהן מיט אַ מיידעל. נו, נו, פרעגט שוין ניט, עס איז פון איהם אַ תל געוואָרען. שוין באַלד אַ יאָהר ווי דער באָי שלאָפט ניט. ניט איינמאָל ברענגט איהם די מיידעל אַהיים אַ זייגער דריי פאַרטאָג, און ערשט האַלט זי איהם אָפּ אויפן סטופּ ביז אין טאָג אַריין.

— איך דענק און טראַכט — שרייט דער אומגליקליכער טאַטע — אַז מען קען נאָך מיין קינד ראַטעווען, עס איז נאָך ניט צו שפּעט. ווער ווייסט וואָס זי האָט איהם שוין אָפּגעטאָן? עפּעס געהט ער מיר אַרום טאָג ווי נאַכט ווי אַ ניט דערקוילע־טער, ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, גאָט ווייסט, צי מיין באָי איז נאָך אַ באָי! . . .

— איך זאָג אייך — אַז עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי רעכט אַז איהר זאָלט גלייך נעמען און געבען אינסטראָקשאָנס

פאַר יונגע באָיעס ווי אַזוי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען היינטיגע צייטען מיט די מיידלאַך.

— אויב מיין אייגענעם באָי איז שוין צו שפּעט צו ראַטע־ווען, דאַרפט איהר כאָטש זעהן צו פאַרהיטען אַז אַנדערע באָיעס זאָלען ניט האָבען זיין פינסטערען סוף! . . . נו, ווער איהר דאָס טאָן?

— מיין האַרץ בלוטעט מיר פאַר זיי — האָב איך געענט־פערט — אוי, ווען מיר זאָלען וויסען אַז זיי וועלען אונז הערען, וואָלט איך מיך גלייך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען, זיי געגעבען צו ערקלערען און זיי אויסגעשייגעצט, לײדער איז דאָס אומ־מעגליך. די לאַגע פון אייערע אָרימע אַריינגעפאַלענע באָיעס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע, עס וועט זיי ניט העלפען קיין זאָגען קיין שרייבען.

— דעם אמת געזאָגט, זיינען מיר נאָך אַליין ניט אין גאַנצען קלאָר אין דער זאַך. ניט אַלע באָיעס לאָזען זיך פאַרפיהרען פון מיידלאַך. איך דענק, אַז די הויפּט שולד איז אייערע, אייער פליכט האָט באַדאַפט צו זיין, זיי אַליי צו ערקלערען וואָס פאַר אַ רעזולטאַטען עס קען ברענגען זיך צו לאָזען פאַרפיהרען פון מיידלאַך . . . עלטערן דאַרפען זיין פּראַקטישער און ערפאַהרע־נער אין די זאַכען, אַז איהר האָט זיי ניט ערקלעהרט וואָס קענט איהר פאַרלאַנגען פון פרעמדע מענשען.

— אַלזאָ — הייסט דאָס — אַז עס איז שוין אַלץ פאַרפאַ־לען, ניטאָ מעהר קיין רעטונג פאַר זיי — האָבען זיך ביידע מיט איינמאָל צוקאָכט.

— די איינציגע רעטונג פאַר זיי קען נאָר זיין אַז איהר זאָלט זיי חתונה מאַכען, וועט איהר פּטור ווערען פון ציטערען און פלאַטערען, אָבער איהר דאַרפט זיי געבען אינסטראָקשאָנס, אַז זיי זאָלען אָנזאָגען די קינדער וואָס וועלען ביי זיי געבוירען ווערען, זיי זאָלען זיין קליגער ווי זייערע עלטערן און זיך ניט לאָען נעבאַך פאַרפיהרען פון מיידלאַך.

הלואי וואָלט דאָס אמת געווען

איך בין געזעסען און געשריבען אַן ערצעהלונג פאַר'ן קו־מענדען נומער זשורנאַל. פלוצים קומען אַריין דער פּרעזידענט מיט'ן טרעזשורער פון דער „שטימע". זיי באַגריסען מיך מיט אַ ברייטען שמייכעל ,און דער פּרעזידענט הויבט אָן: — מיר ווילען מיט אייך רעדען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, אָבער מיר ווילען אייך זעהר בעטען אַז איהר זאָלט זיך ניט באַליידיגען, איהר זאָלט ניט זיין בייז... מיר מיינען ניט חלילה קיין שלעכטס. מיר האַלטען דאָס פאַר זעהר וויכטיג...

— איך פאַרשטעה אייך ניט, מר. פּרעזידענט, עפּעס רעדט איהר מיט האַלבע ווערטער, — זאָג איך.

— איהר האָט טאַקע זעהר רעכט, — זאָגט דער טרעזשורער,

— אָבער דאָס איז אַזאַ געשיכטע: מיר האָבען נעכטען ביי אַ מיטינג באַשלאָסען צו זעהן זיך מיט אייך און אייך בעטען. מיר ווילען אייך ניט פאַרלירען אַלס אַ פריינד און אייער פריינד־שאַפט איז ביי אונז זעהר טייער. מיר האָבען אייך ליב אַלס אַ מענש און אַלס שרייבער. איהר פאַרשטעהט? ווילען מיר אייך פאָרשלאָגען אַ...

— זאָל איך קרענקען, אויב איך פאַרשטעה אייך היינט! — צעשריי איך זיך, — וואָס ווילט איהר מיר פאָרשלאָגען?

— וועל, איך מוז אייך זאָגען, וואָס איך וויל ,איך קען זיך ניט העלפען. מיין געוויסען פּלאָגט מיך, — רעדט דער פּרעזי־דענט מיט אַ וויינענדיגער שטימע, — איך וויים אַז איהר דאַרפט האָבען אַ נייעם סוט ,אַ נייעם אָווערקאוט, איהר זייט דאָך אונזער מיטאַרבייטער פון זשורנאַל. אַלץ איז אַזוי טייער. האָבען מיר באַשלאָסען אייך צו געבען אַ ... אַ ...

— אַ וואָס?

— אַ — — — אַ — — — אָבער מיר בעטען אייך, באַהערשט אייך . . . געפינט זיך ניט באַליידיגט . . . ווייל דאָ איז ניט די פראַגע פון ווײדזשעס . . . ווײדזשעס נעמען דאָך פשוט'ע אַרבייטער, ווי שניידערס, בוטשערס, שוסטערס, דרייווערס . . . אָבער איהר איהר זענט דאָך עפּעס אַ שרייבער, דאָ קען דאָך ניט זיין קיין פראַגע פון ווײדזשעס... איהר פאַרשטעהט? דאָ איז אַ פראַגע פון האָנאָראַר . . . און אייער האָנאָראַר איז ביז אַהער געווען אומבאַדייטענד קליין, ווינציג, זעהר מאָגער . . . ווילען מיר אייך פון דער וואָך אָן געבען אַ — — — אַ — — — אויף מיין וואָרט איך שעהם זיך . . .

— שעהמט זיך ניט! איהר מעגט גאַנץ אָפען זאָגען וואָס איהר ווילט. איך בין אויף אַלץ געפאַסט: מיר זיינען דאָך עפּעס אַלטע פריינד, זאָגט, זאָגט, שעהמט זיך ניט . . .

— וועל, איך זעה שוין, אַז איך בין געצוואונגען צו זאָגען . . . מיר ווילען אייך געבען אַ — — — „רעיז” . . . אָבער, ווי גאָט איז אייך ליב, געפינט זיך ניט באַליידיגט . . . איך בעט אייך! — — — — — —

איך האָב אויסגעהערט דעם פּרעזידענט און דעם טרעזשורער און איך האָב זיי פאַרזיכערט אַז מיין כבוד וועט דערפון ניט ליידען . . . און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם „רעיז” וואָס זיי האָבען באַשלאָסען צו געבען, דאַנק איך זיי זעהר . . . די „שטימע” איז דאָך ניט גלאַט אַ צייטונג ווי אַנדערע צייטונגען וואָס זוכען צו מאַכען פּראָפיטען עס איז דאָך עפּעס, ווי מען זאָגט, אַ טרייד צייטונג, אַ זשורנאַל, וואָס מונטערט אויף דעם בוטשער, אַ זשורנאַל, וואָס לערענט ווי אַזוי צו קענען מאַכען אַ לעבען, אַ זשורנאַל, וואָס פּרעדיגט פריינדשאַפט, אַ זשורנאַל, וואָס וויל אָפּשאַפען האַלז־שניידענדע קאָנקורענץ. וואָס זשע וועל איך געהן ביי אַזאַ צייטונג אַרויסרייסען נאָך אַ פּאָר דאָלאַר? ניין, מר. פּרעזידענט און מר. טרעזשורער, איך וויל ביי אייך קיין רעיז ניט נעמען!

דאָ איז דער פּרעזידענט אַרויפגעפאַלען אויף מיין האַלז און דער טרעזשורער האָט מיך גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ

און מיך געבעטען, אז איך זאָל זיך פון דעם „רעיז" ניט אָפּזאָגען.
— מיט פרינציפּען קען מען ניט צאָלען קיין רענט . . . איהר פארשטעהט ? דערפאר בעטען מיר אייך אז איהר זאָלט דעם „רעיז" יאָ נעמען איהר וועט אונז טאָן א טובה.

אָבער איך האָב זיך געהאַטלען פעסט ווי שטאָל . . . אפילו די גאַנצע וועלט זאָל זיך צונויפקומען וועל איך ביי אייך קיין „רעיז" ניט נעהמען !

דאָ האָבען זיי זיך שויןביידע געפונען שטארק באַליידיגט. דער פרעזידענט האָט אויסגערופען :

— איהר מוזט נעמען !

— איך וויל ניט נעמען ! — האָב איך זיך גענומען האַמ־פּערען מיט זיי.

— איהר וועט בעסער ווערען, — האָט געזאָגט דער טרע־זשורער, — איהר זייט א גזלן, איהר האָט ניט קיין רחמנות אויף זיך אליין.

— וועל, איך בעט אייך, לאָזט מיך היינט צורוה, עס קען זיין אז איך וועל זיך די זאַך איבערלייגען . . .

— אַלרייט, לייגט זיך איבער און זייט ניט קיין איינגעשפּאַר־טער . . . סיידען איהר ווילט אז מיר זאָלען אייך בלייבען איי־בינגע שונאים . . .

זיי זיינען ביידע אוועק מיט א געבייזער, און געגעבען א שטאַרקען קלאַפּ מיט דער טיר.

פון דעם קלאַפּ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און ביי זיך גע־טראַכט : א שעהנער חלום... הלואי וואָלט דאָס אמת געווען...

אלע יאָהר דאָס זעלבע

ווען איך רעד מיט מר. באך, פאַרזיכערט ער מיר, אז קיין ערגער אומגליק ווי קאָונטרי איז גאָר אויף דער וועלט ניט פאַראַן.

— איי, ווען ניט די קאָונטרי זאָגט ער — וואָלט מען גע־קענט גאַנץ רוהיג לעבען.

ווען ניט די קאָונטרי — דענקט מר. באך — וואָלטען די פרויען גערעדט אפשר א דריט חלק פון דעם, וואָס זיי רעדען. ווייל, לויט זיין חשבון רעדט מען פון קאָונטרי כמעט א גאַנץ יאָהר.

ווען ניט די קאָונטרי — ערקלערט ער — וואָלט ער צו זיין ווייב גאָרניט געהאַט, ווייל זי וואָלט גערעדט פונקט א דריט חלק פון דעם וואָס זי רעדט.

די גרעסטע יסורים אויף דער וועלט זיינען פרויען־רייד — פילאָ־זאָפירט ער — ניטאָ — זאָגט ער — קיין גרעסערע אינקוויזיציע פאַר א מאַן. אפשר איז מר. באך טאַקע גערעכט. נאָר איך וועל איהם געבען דאָס וואָרט, זאָל ער אליין דערצעהלען:

— די יעהרליכע געשיכטע מיט דער קאָונטרי הויבט זיך ביי מיר אָן נאָך אין יאַנואַר.

— איזי, — רופט זיך אָן מיין ווייבעל צו מיר, — עס איז שוין, גאָט צו דאַנקען, יאַנואַר, באַלד קומט פעברואַר און מאַרטש, און דו ווייסט אַז אַפּריל איז שוין פרילינג...

— נו, איז וואָס? — מאַך איך זיך ניט וויסענדיג, כאָטש איך ווייס פון ערפאַהרונג וואוהין זי ציעלט.

— ביי דיר — ווערט זי אין כעס — איז אַלעמאָל: ״נו, איז וואָס?״ האָסטו כאָטש שוין א טראַכט געטאָן אז מען דאַרף אָנהויבען צו טראַכטען וועגען קאָונטרי?...

— עס איז נאָך דאָ פלענטי געגוג צייט — ענטפער איך — טראָץ דעם וואָס איך ווייס אַז איך וועל שלעכט אָפּשניידען.

— פּלענטי נענוג צייט איז נאָך דאָ ביי איהם! — ווערט מיין ווייבעל אויפגערעגט — ביי דיר איז פאַר מיינעטוועגען אַלע־מאָל דאָ צייט... נאָך אַלעמען, וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידען? דיך אַרט דען עפּעס פאַר מיר?

מיין ווייב שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, זי וויל מיר, הפּנים, געבען אַ געלעגענהייט איהר צו ענטפערען — דאַן וועט זי ערשט אָנהויבען צו געבען לשון. אָבער איך קען זי שוין. איך בין ניט קיין גרינער. איך ווייס וואָס זי מיינט און איך ענטפער ניט קיין וואָרט. כאָטש איך ווייס אַז דאָס וועט מיר ווייניג וואָס העלפען, זי וועט סיי ווי סיי ריידען... און מיין ווייב, זאָל לע־בען, הויבט טאַקע ווייטער אָן:

— דו שווייגסט, האַ? דו האָסט ניט וואָס צו זאָגען? איך ווער פאַרשוואַרצט, איך אַרבייט טאָג ווי נאַכט ביי די רומס, ביים קאָכען, ביים איינקויפען, איך ווער אויסגעריסען, און ער גאָרניט. ביי לייטען, מענער זאָרגען פאַר זייער ווייב. אָט נעם מרס. מענדעל, מרס. פאָסט, מרס. מאַטעס און מרס. לייב, זיי האָבען געטרייע מענער, אָבער ביי מיר איז אַן אומגליק...

איך שווייג ווייטער און זי צעוויינט זיך. איהר זאָלט ניט מיינען אַז דאָס טרעפט זיך איינמאָל. כמעט יעדען אָווענט פּאַ־סירט דאָס. אַזוי ווי זי דערטאַפּט מיך נאָר אין הויז, שפּילט זי מיר אָפּ די זעלבע סצענע. ווען עס קומט מאָנאַט מאַרטש, לאָזט זי שוין די קאָונטרי פון איהר מויל ניט אַרויס. זי רעדט, זי וויינט. אַמאָל ענטפער איך איהר, און אַ סך מאָל פאַרשווייג איך. אָבער וואָס קומט אַרויס? זי רעדט. און ווען גאָט העלפט אַז עס איז שוין אַפּריל, דאַן איז די קאָונטרי דער איינציגער געשפּרעך.

— איזי, — רופט זיך אָן מיין ווייבעל דוקא אָהן כעס, — וואוהין, דענקסטו, זאָל איך דאָס יאָהר פאָהרען? אין סאַראַטאָ־גע אָדער אין די מאונטיינס?

— זאָל זיין אין די מאונטיינס — גיב איך אַ זאָג אַרויס — נו, אָט דאָ כאַפּ איך שוין אַ פּסק.

— אין די מאונטיינס — קרימט זי מיר איבער — דיר איז גרינג צו ריידען, ביי דיר איז אַלץ איינס — מאונטיינס און

סאַראַטאָגע! האָסטו זיך פאַרטראַכט און געפרעגט אַ דאָקטאָר אויב עס איז פאַר מיר גוט די מאַונטיינס היי יאָהר?

— איך דאַרף דאָס פרעגען? און דו אַליין ביסט אַ קליין קינד? דו קענסט ניט פרעגען אַ דאָקטאָר?

— וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידען? — דערטרינקט מיך מיין ווייב מיט ווערטער — פאַרוואָס אינטערעסירען זיך מיט זייערע פרויען, פרעג איך דיך, מר. מענדעל, מר. פאָסט, מר. מאַטעס און מר. לייב? וואָס איז, זייערע ווייבער זיינען שענער פון מיר? גלויב מיר, אַז ווען איך בין אויסגערוהט פון דער האָרעוואַניע, און ווען איך גייה אַריין אין „ביוטי־פאַרלאָר", קום איך פון דאָרט אַרויס אַזוי פריש, אַזוי אָנציהענד, אַז דו אַליין וואָלסט מיך ניט דערקענט. זיי אָבער וועט שוין קיין „ביוטי־פאַרלאָר" אויך ניט העלפען. איבעריגענס, וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידען? מיך האָט געטראָפען אַן אומגליק. מיט אַזאַ מענשען דאַרף מען אָפּלעבען די יאָהרען.

— זאָג מיר, איך בעט דיך — רעד איך צו איהר געלאַסען

— גיב מיר צו פאַרשטעהן פאַרוואָס טויג פאַר דיר ניט די מאַונטיינס? — און דאָ כאַפּ איך שוין די גרויסע מפּלה.

— פאַרוואָס טויגען ניט פאַר מיר די מאַונטיינס? דו, מערדער, וואָס דו ביסט! אפשר האָב איך אַ שוואַך הארץ, און די בערג זיינען פאַר מיר ניט גוט?

— אָבער — גיב איך אַ זאָג — ווי ווייט איך ווייס, איז דיין האַרץ אָל־רייט. ווי קומסטו צו אַ שוואַך האַרץ? אַ מענש מיט אַ שוואַך האַרץ שרייט ניט אויף אַ מאַן ווי דו!

—יעס — איך ווייס — כאַפּט זי זיך אָן — איך ווייס, אַז דו ווילסט, איך זאָל קריגען אַ שוואַך האַרץ, דערפאַר שיקסטו מיך אין די מאַונטיינס. דיר אויף צופּוקעניש פאָהר איך היי יאָהר אין סאַראַטאָגע.

— אָבער — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס — לעצטען יאָהר האָסטו דאָך געשריען אַז דו ווילסט ניט פאָהרען אין סאַראַטאָגע, ווייל דו דענקסט אַז דו האָסט אַ לויזען מאָגען.

— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו ווילסט אַז איך זאָל האָבען

א לויזען מאָגען אויך. אַלע קרענק ווילסטו אז איך זאָל האָבען און פון מיר פטור ווערען — און זי צעוויינט זיך.

— דו האָסט אויף מיר קיין ברעקעל רחמנות ניט, איך בין ביי דיר אַן איבעריגע. ביי מר. מענדלען, ביי מר' פּאָסט'ן, ביי מר. מאטעס'ן און ביי מר לייב'ן זיינען אויך זייערע פרויען אי־בעריגע ?

— איך דיסקוטיר ניט מעהר, זאָל זיין אין סאַראַטאָגע, אַבי עס זאָל זיין שטיל.

אזוי רעדט זי און רעדט ביז ענדע מאַי, ווען זי פאָהרט שוין, מיט מזל, אין די מאונטיינס.

עס געהט אריבער א פּאָר טעג, איך האָב זיך נאָך ניט באַ־וויזען אָפּצורוהען, מיין ווייבעל פּאָדערט מיך שוין אז איך זאָל ארויסקומען צו איהר. זי שעהמט זיך, שרייבט זי, פאר די ווייבער... זיי פרעגען, ווען איהר מאַן וועט ארויסקומען. און איך האָב ניט וואָס צו ענטפערען.

קוים בין איך דאָרטען, נעמט זי מיר דערצעהלען די אַלע גליקען, וועלכע ווייבער באַרעדען וועמען, און זי אַליין שווייגט אויך ניט, זי שיסט מיט רייד, דער געפעלט איהר ניט, און יענע איז א שלומפּערקע, קיין איין לייטישער מענש איז דאָרט ניט פאַראַן א חוץ איהר.

און ווען גאָט העלפט, אז מיין ווייב איז שוין דאָ צוריק, הויבט זיך אָן א ניי קאַפּיטעל קאָונטרי, דערוויל קומען צו איהר אין גאַסט טאַקע יענע וואָס זי האָט באַרעדט, און זיי האָבען זי באַרעדט, און מען רעדט און רעדט, קאָונטרי אַהין, קאָונטרי אַהער — מען קען אראָפּ פון זינען. אָט אזוי רעדט מען דעם גאַנצען ווינטער, ביז עס קומט ווייטער יאַנואַר און מיין ווייבעל דאַרף באַשליסען וואוהין צו פאָהרען, אין סאַראַטאָגע אָדער די מאונטיינס. אזוי איז עס יאָהר איין יאָהר אויס, זי רעדט און רעדט און רעדט.

איטשע דער זיפצער

—איך זאָג דאָס אנטקעגען דעם, וואָס מענשען האָבען א נאַטור צו זיפצען און צו קרעכצען.

מיינער א פעטער, ער זאָל דאָרט האָבען א ליכטיגען גן־עדן, האָט אויך געהאט אזא טבע. ווען ער האָט שבת בייטאָג אָפּגעגעסען א גוטען טשאָלענט, מיט א פעטען קוגעל און אויסגע־טרונקען אביסעל משקה, איז ער נאָכדעם ארומגעגאנגען און גע־קרעכצט און געזיפצט. דאָס איז ביי איהם געווען א זיפצעניש און קרעכצעניש אוים ריינעם פאַרגעניגען. ער איז געווען א צו־פרידענער וואָס ער האָט זיך גוט אָנגעגעסען.

אָט קען איך א יונגענמאַן, מען רופט איהם „איטשע", און ער האָט אויך אזא טבע צו זיפצען. יעדער זיפץ וואָס „איטשע" לאָזט אַרוים, קען אויסריסען א שטיק הארץ. דער וואָס קען נאָך ניט איטשע'ן, מיינט אין אמת'ן אז ווער ווייסט וואָס פאַר א צרות ער ליידט, אָבער אין הער ווירקליכקייט זיפצט אונזער אי־טשע א סך מאָל אוים ריינעם פאַרגעניגען.

איטשע איז א מענעדזשער פון א געווויסען זשורנאַל, וואָס ווערט אויסגעהאַלטען פון סובסקרייבער און אדווערטייזער. באַלד, מאָנטאָג גאַנץ פריה, אזוי ווי די וואָך הויבט זיך אָן, רופט ער אָפּ אין אָפּיס און פרעגט, אויב עס איז אריינגעקומען טשעקס. ווען מען ענטפערט איהם, אז ניין: גיט איטשע באַלד א קרעכץ מיט א זיפץ, אז עס ווערט טרויעריג אויף דער נשמה. ווען מען ענטפערט איהם, אז עס זיינען יאָ אריינגעקומען טשעקס, גיט ער בלויז א זיפץ, שוין אָהן א קרעכץ. ווען איטשע קומט אין אָפּיס און מען זאָגט איהם אָן די בשורה, אז עס איז אָנגעקומען בילס וואָס מען דאַרף זיי באַצאָהלען, באַווייזען זיך ביי איהם טרערען אין די אויגען — ווער האָט דאָס געלט צו באַצאָהלען! און וואו

נעמט מען געלט? איי, עס טויג ניט, עס איז ניט גוט! — שרייט איטשע.—אין אַזאַ צייט ווען איהר קוקט אויף איהם, מוזט איהר ניט ווילענדיג מיטזיפצען. אָט כאַפּט ער דעם קעש בוך וואו עס איז פאַרשריבען די איינגאַמען און די אויסגאַבען און בלעטערט איהם איבער. ווען אימיצער איז דעמאָלט פאַראַן אַ חוץ די אָנגעשטעלטע אין אָפיס, רופט ער באלד צו און זאָגט: — גיט אַ קוק! איהר זעט עפּעס? איהר פארשטעהט וויפיל געלט איך דאַרף האָבען די וואָך! מען דאַרף זיין שטאַרקער ווי אייזען דאָס אַריבערצוטראָגען! די עקספּענסעס זיינען גרויס און דאָ קומט ניט אריין קיין געלט — וואָס טוט מען, וואָס פאר אַן עצה גיט מען זיך? און וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? איהר שווייגט? איהר האָט ניט וואָס צו ענטפערען. מיר דרעהט זיך דער קאָפּ און איהר שווייגט!

מיט קרעכצען און מיט זיפצען האָט זיך אונזער איטשע געקויפט אַ נייע קאַר. ווען מען האָט געפרעגט אונזער זיפצער: — נו, ווען וועט איהר שוין זיין אַ צופרידענער? — איטשע האָט אונטערגעברומט: — אַ צופרידענער? ווי קען איך זיין צופרידען אַז מענשען האָבען בעסערע קאַרס ווי מיינע. וואָס איז, מיר שטעהט ניט אָן צו פאָהרען אין אַ בעסערער קאַר. — דאָס זעלבע איז געווען מיט אַ נייעם סוט און אַ אָווערקאָוט. אַזוי זיפצענדיג, האָט איטשע באַצאָלט פאר די קליידער הונדערט דאָלאר. אפילו ווען ער עסט אַ גוטען דינער, זיפצט ער ביי יעדען ביסען וואָס ער שלינגט אַראָפּ.

ווען מיר האָבען אַמאָל געפרעגט אונזער איטשען, אויב ביי זיך אין דער היים זיפצט ער אויך אַזוי, האָט ער געענטפערט: — וואָס דענקט איהר, איך זיץ מיט פארלעגטע הענט. עפּעס אַ קליינינקייט, אַז מען דאַרף אויף זיך טראָגען אַזאַ שווערען יאָך. אָט לויפט אַוועק די וואָך, און אָט רוקט זיך אָן דער פרייטאָג, ווען מען דאַרף אַלעמען באַצאָהלען וויידזשעס. איי, ווען איך קען אַזוי איינאָרדענען אַז מען זאָל כאָטש פיער וואָכען צייט ניט דאַרפען קיינעם באַצאָהלען. איך וואָלט ערשט אַביסעל געקומען צו זיך. און אַזוי בין איך אויף גרויסע צרות.

אזוי זיפצט אונזער איטשע אין אָפּים פון מאָנטאָג פריה, ביז פרייטאָג פארנאכט.

איך האָב אמאָל איטשע'ן געטראָפען צו א לויה פון א באַקאַנטען. זאָלט איהר שוין גאָר ניט פרעגען. דאָרטען האָט זיך איטשע צעפיהרט די הענט. דאָרט האָט ער ערשט אויפגעלעבט. זיינע באַקען האָבען זיך צובליהט, אויף זיין פּנים איז געלעגען אויסגעגאָסען א באַהאַלטענער שמייכעל און א צופרידענהייט. דאָרט האָט ער באַגעגענט אמת'ע זיפצער, ער האָט זיך פּשוט דערקוויקט. עס האָט קיין ספק ניט געפעהלט, אַז ער זאָל באַקומען היסטעריקע.

מענשען, ווען איהר וועט ערגעץ טרעפען אונזער איטשען, האָט גאָט אין הארץ און העלפט איהם זיפצען. איהר וועט פארדינען א גרויסע מצוה.

זיינע נאָהענטע פריינט טראָגען זיך ארום מיט פּלענער, צו דינגען א פּאָר מענשען און זיי צאָהלען וויידזשעס, אַז זיי זאָלען העלפען אונזער איטשע'ן מיטזיפצען.

פסח שטימונגען

(געווידמעט מיין שוועסטער פרידא)

אין אונזער שטעטעל איז דער קאַלטער ווינטער מיט זיינע לאַנגע נעכט און קורצע טעג, מיט דעם פארכמארעטען הימעל און מיט דער מינוטענדיגער זון אוועק. עס זיינען אָנגעקומען די ערב־פסח־דיגע טעג, מיט די גוטע האָפנונגען, אז די גרויסע בלאָטעס וועלען זיך סוף־כל־סוף אויך אמאָל אויסטריקענען און מען וועט קענען ארויסגעהן אין דרויסען מיט די נייע שטיוועלאך.

דערווייל איז די בלאָטע ארום אונזער שטוב געשטאַנען ווי אן אויסגעקאָכטע, געדיכטע קאשע און זיך געפרעגעלט נעגען דער פסח,דיגער זון, געשפיגעלט און געגלאנצט מיט איהר שווארצקייט.

די לופט שמעקט שוין מיט פריהלינג. ערטערווייז ווייזען זיך גרינע קעפלאך פון גראז, עס בלאָזט א מחיה'דיג, ווארעם ווינטעל. קליינע ריטשקעלאך וואסער פון דעם געוועזענעם שניי לויפען פון ערגיץ ווייט, פאלען אריין מיט ליארם און מיט א שמחה אין טייך אריין, ווי צו זיך אהיים נאָך א לאנגען, ווייטען וועג.

קיין שום יום טוב באגעגענען מיר ניט מיט אזא פרייד, ווי דעם ליבען פסח. מיר טראכטען מיט פרעהליכע געדאנקען: אָט וועט זיין באַלד פסח.

נאָך מיט מעהר פרייד באגעגענען דעם פסח די קליינע קינדער.

ווען איך געה דורך מיינע קינדער יאָהרען, קען איך ניט פאַרגעסען דעם ליבען, שעהנעם יום טוב פּסח. אין די טעג יום טוב בין איך געווען אין זיבעטען הימעל פאַר פרייד. ער־שטענס, דער פאַר יום טוב, דאָס צוגרייטען יום טוב.

באַלד נאָך פּורים האָט מיין מאַמע אזוי גוט ווי אַנדערע אידישע מאַמעס איינגעזויערט פּסח'דיגען באָרשט. זי האָט זיך אָנגעטאָן א וויים פאַרטוך, ארומגעבונדען דעם קאָפּ מיט א ווייסער פאַטשיילע, זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל פון שטוב, אָפּגעשאָבען די בורעקעס, געבראַכט וואַסער אין נייע קאַנען, אריינגעגאָסען אין אַ פּסח'דיגען פּעסעל. דאַן צוגעדעקט דאָס פּעסעל מיט א ריין טישטוך און פון אויבען ווייסע ברעטלאַך. די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן הארבען וואָרט, אז איך זאָל צו דעם פּעסעל ניט צוגעהן און אפילו ניט א קוק טאָן אויף דעם.

היינט דאָס באַקען מצות, איז געווען אזוי אינטערעסאַנט פאַר אונז קליינוואַרג, עס איז אַלץ צוגעגאַנגען מיט אַזאַ ערנסט, — דאָס קנעטען, דאָס וואַלגערען, דאָס רעדלען און באַקען די מצות. מען האָט געפיהלט, אז דאָס אַלץ טוט מען פאַר דעם גרויסען און חשוב'ען גאַסט וואָס דאַרף באַלד קומען, דעם פּסח.

ווער איז אימשטאַנד צו באַשרייבען די פרייד, וואָס עס האָט געהערשט צווישען אונז קליינוואַרג!

נעמט דאָס אויפשטעלען ראָזשינקעס פאַר פּסח'דיגען וויין. אַכט טעג פאַר פּסח האָט די מאַמע אויפגעשטעלט וויין, פּונקט מיט די זעלבע צערעמאָניעס ווי ביים באָרשטש, נור דער אונ־טערשיד איז געווען, אז בוריקעס האָט מען ניט געקענט אַ כאַפּ טאָן און נאַשען און ראָזשינקעס יאָ. דאָס איז שוין געווען איינמאָל א נאַש . . .

נאָכדעם דאָס אויסקאַלכען די שטוב, אויסגעלען מיט ליים די פּאָדלאָגע, ארויסטראָגען די בעטען, די בענקלאַך, דעם טיש, און דאָס כשר'ן מיט הייסע שטיינער.

און ווען עס איז געקומען שבת הגדול, האָט מען געגעסען אויף אן אימפּראָוויזירטען טיש. מען האָט גענומען א פּע־סעל און ארויפגעלעגט דאָס לאָקשען ברעט אויף דעם, איבער־גערעקט מיט א טישטוך, ארויפגעשטעלט די שבת'דיגע לייכטער, און געגעסען מיט א ספּעציעלען געשמאַק . . .

און ווער קען דען האָבען אזא פאַרגעניגען צו שלאָפען אויף דער ערד אויף דעם אויסגעשפּרייטען שטרוי, א פּאָר טעג פאַר פּסח? ווי מען האָט זיך געקאַטשעט אין דער לענג און אין דער ברייט איבער דער גאַנצער שטוב . . .

און דער ערב פּסח, דאָס פאַרברענען דעם חמץ, אויסקוועט־שען די ראָזשינקעס פון וויין, כשר'ן דאָס געפעס ביי דער רי־קע. און ווען דער שניידער און דער שוסטער האָבען געבראַכט א ניי אנצוגעל, נייע שיך, וויפיל קינדערשע פאַרגעניגען?

וואו קען מען פיהלען אזא געשמאַק פון די זאַלץ־וואַסער מיט אייער? פון די יום טוב'דיגע פיש, פון די קניידלאך מיט דער הייסער פּעטער זופּ? דאָס צוטרינקען מיט ראָזשינקע וויין. עס מעגען פאַר די פּסח'דיגע מאכלים די כפּרה ווערען טאָמייטע זופּ, פרענטש פרייד פּאָטייטעס, סטייק, לעמב טשאָפּס. די אַלע זאַכען האָבען שטאַרק אויפגעהויבען מיין קינדערשע פאַנטאַזיע. ווען איך האָב אין דער פריה אויפגעמאַכט די אויגען פון שלאָף, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען: „היינט איז דאָך יום טוב". איך האָב שוין ניט געקענט איינליגען אויף מיין געלעגער. עס האָט מיך געצויגען צו דעם נייעם אנצוג, צו די נייע שיך, צו די בלויע כוסות און צו די גלאַנציגע לעפעל און גאָפּעל.

אין דרויסען איז געווען שעהן, די זון האָט געלויכטען און געוואַרעמט, און געצויגען ארויס אויף דער ליכטיגער שעהנער קינדערשער וועלט . . .

ווען לואי קומט אהיים פון סטאָר און שלינגט אראָפּ דעם סאַפּער, הייסט זי איהם באַלד וואַשען די דישעס, און אויב ער האָט ניט קיין חשק, זאָגט זי:

— אָלרייט, דאַרלינג, רוה זיך אָפּ צוזעצטערהייט אַביסעל, וועסטו נאָכדעם האָבען מעהר כח צו וואַשען די דישעס...

אָבער אָפּרוהען לאַנג לאָזט זי איהם ניט. זי האַלט אַז אַ מאַן רוהט צו פיל איז ניט אַזוי פויגעלדיג, ערשטענס, ווערט ער פויל ווי אַ קאַץ און צווייטענס, קען ער נאָך ווערען פעט.

גיט זי צו איהם אַ זאָג:

— ווערסט האָבען גענוג צייט צו רוהען אַז דו וועסט מיט גאָט'ס הילף זיין אויף יענער וועלט.

וואָס זשע, מיינט איהר, טוט לואי, דער „אינדעפּענדענט סטאַק אַפּ מאַן"? ער ענטפערט איהר ניט מעהר און ניט וויי־ניגער:

— אַז איך לייען אַ צייטונג, טאָ גיב מיר כאָטש אַ געלעגענ־הייט צו ענדיגען. יאָג ניט אַרויס די נשמה פון מיר. וואָלסט געמעגט האָבען אַביסעל איינזעהעניש מיט אַ מענשען וואָס שטעהט אַ גאַנצען טאָג אין בוטשער סטאָר אויף די פיס...

ווען זיין ווייבעל דערהערט אַזעלכע רייד פאַרשטעהט זי שוין אַז זי האָט ווידעראַמאָל ניט געטראָפען דאָס אָרט: אַז לואי איז פון די מענער וואָס מען קען מיט זיי גאָרניט מאַכען — מען קען זיי, ווי מען זאָגט, ניט איינבייסען.

הויבט זי שוין אָן צו רעדען ווייכער, זי זאָגט:

—ענטשולדיג מיר, מיין דאַרלינג, איך האָב ניט געוואוסט אַז דו לייענסט אַ צייטונג, ווען איך וואָלט געוואוסט וואָלט איך דיך ידען געבאַדערט?

— דו וועסט היינט אָפּוואַשען די דישעס, צי דו וואַרטסט, איך זאָל דיר מיט עפּעס פּלעטען דעם קאָפּ?...

נו, ווייסען מיר שוין, אַז אונזער לואי האָט אַ ווייב וואָס ציטערט פאַר איהם ווי פאַר פייער.

אַז עס קומט שבת, ווען דער סטאָר איז פאַרמאַכט, וועט זי איהם פאַר 8 אַזייגער אין דער פריה ניט אויפוועקען, זי זאָל אפילו

וויסען אַז די וועלט קערט זיך איבער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

קוים דערזעהט זי אַז עס איז האַלב נאָך זיבען, גיט זי איהם אַ טאַרע מיט'ן עלענבויגען און זאָגט:

— לואי, עס איז 8 אזייגער...

נו, וועט ער איהר פאַרשווייגען, אַזאַ שטיק חוצפה אויפצו־וועקען אַ מענשען שבת, 8 אזייגער אין דער פריה? גיט ער איהר אַ זאָג אַריין:

— פּליז, לאָז מיך נאָך דרעמלען אַ פּאָר מינוט, איך קען ניט אויפרייסען די אויגען. עס איז דאָך היינט שבת, איך האָב אַ גאַנצע וואָך אזוי שווער געאַרבייט, ווי האָט דאָס אַ מענש ניט קיין רחמנות!...

זעהט זי שוין אַז זיין דרעמלען קען נעמען אַ פּאָר שטונדען, לאָזט זי איהם צו רוה אַ פּאָר מינוט, זי וועט דאָך זיך ניט איינ־רייסען מיט איהם גאַנץ פריה.

זי וויל אָבער פּאָרט, ער זאָל נעמען די בייבי און פּארק אויף דער זון אַביסעל. וואָס זשע טוט זי? גיט זי שוין אַ זאָג:

— זאָג נאָר, לואי, דו וועסט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר אַרויס־קריכען פון בעט, צי דו ווילסט אַז איך זאָל דיך אַרויסשלעפּען פון בעט מיט פאַראַד?...

איבערלייגט ער זיך, טראַכט ער: אַז זי בעט זיך ביי מיר, דאַרף מען איהר צוליב טאָן. און ער כאַפּט זיך טאַקע באַלד און טוט זיך אָן.

שפּעטער מיט אַ פופצעהן צוואַנציג מינוט שטופּט שוין אונזער העלד לואי דער „סטאַק אַפּ" בחור, דעם קערידזש

ווען זיין פריינד בעני דערזעהט איהם אין פּאַרק מיט'ן בייבי קערידזש, באַריהמט ער זיך: מיין ווייב ציטערט פאַר מיר ווי פאַר פייער.

— לואי, ביסט אַ גליקליכער מענש, הלואי אויף מיר געזאָגט אַז מיין אידענע זאָל פאַר מיר אזוי ציטערען. איך האָב געוואוסט אַז ווען דו וועסט אַמאָל חתונה האָבען, וועסטו דיך ניט לאָזען אַרומפיהרען ביי דער נאָז פון אַ ווייב.

וואו נעמט מען א מיליאָן

ניט לאַנג צוריק איז אַן אָוונט זיינען געזעסען אין אָפּיס: דער פּרעזידענט פון דער „שטימע", דער אקאונטענט און מיין ווענינקייט און גערעדט ווי אזוי מען קען פאַרבעסערען די פינאַנציעלע שוועריגקייטען פון זשורנאַל. מיר האָבען געמאַכט פּלענער ווי אזוי צו פּאַראינטערעסירען בוטשערס צו קויפען שעהרס און וואָס פאר א מיטלען מיר זאָלען אָנעמען, אז עס זאָל זיין גוט סיי פאַר'ן זשורנאַל און סיי פאַר אַלע סובסקרייבערס.

מיר איז ארויפגעקומען א געדאַנק: איי, ווען איך זאָל פאַרמאָגען מיין אייגענם בלויז איין „מיליאָנטשיקעל", וואָלט איך ארונטערגענומען א סומע און אזוי איינגעטיילט אז אלע זאָלען הנאה האָבען. ווי וואויל וואָלט מיר געווען און ווי וואויל וואָלט געווען די מענשען וואָס ארבייטען פאר'ן זשורנאַל.

ראשית, וואָלט איך געלאָזט דרוקען די „שטימע" צוויי מאָל א וואָך מיט הונדערט זייטען — 70 זייטען אדווערטייזמענטס און 30 זייטען ליטעראַטור.

פאר די אדווערטייזער וואָס זיינען שוין פאַראַן אין זשורנאַל, וואָלט איך אליין באַצאָלט. צו וואָס באַדערן דעם אפּיס ארויסצושיקען בילס יעדע וואָך און די אדווערטייזער זאָלען זיך באַדערן מיט טשעקס צו שיקען אין אָפּיס? פאַר יעדען פּעקער וואָלט איך געגעבען א פּיידזש אדווערטייזמענט פריי. נאָכאלעמען זיינען זיי דאָך גרויסע ארעמעלייט, זיי קענען דען אפּאָרדן? זיי דערלעגען דאָך אוצרות מיט גאָלד צו די אידישע בוטשערס... א רחמנות נעבאך אויף אזעלכע מענשען... פאר די ביזנעסלייט וואָס מאַכען א לעבען פון אידישע בוטשערס און זיינען נאָך ניט אדווערטייזט אין זשורנאַל, וואָלט איך א חוץ אדווערטייזמענטס צוגעשיקט א באָנוס יעדען יאָהר.

פאר די סובסקרייבערס און פאר די וואָס דארפען ערשט ווערען סובסקרייבער וואָלט איך געגעבען א פרעמיום, ווען זיי וועלען איינצאָלען 4 דאלאר פאר א גאנץ יאָהר וואָלט איך גע־שיקט יעדען א טשעק אויף אזוי פיל וויפיל עס באטרעפט זייערע בילס א מאָנאט אין שלאכטהויז, אין טשיקען מארקעט, רענט, עלעקטריק, געז און אנדערע קלייניגקייטען.

איך וואָלט געזעהן אז עס זאָל פארבלייבען א באלאנס אין די בענק ענדע פון יעדען מאָנאט כאָטש א 10 טויזענט דאָלאר, דערפאר אז אונזער פרעזידענט פון דער „שטימע" זאָל ניט דארפען קרעכצען און זיפצען ווען עס קומט ענדע פון מאָנאט. איהם אליין וואָלט איך געצאָהלט צוויי הונדערט דאָלאר א וואָך און איהם געקויפט א גוטע קאר מיט שטארקע „קלאָטשעס" אז ער זאָל ניט דארפען ווערען געסטאָפּט.

דעם סעקרעטאר פון זשורנאל וואָלט איך געגעבען א לעבען צו מאכען, אז ער זאָל זיך ניט דארפען באדערען אויסצוטראכטען טעמעס פאר ארטיקלען.

דעם רעדאקטאָר וואָלט איך געגעבען צוויי הונדערט מיט 50 דאָלאר א וואָך און איהם באצאָהלט פאר א גאנץ יאָהר אין פאָראויס...

די מיטארבייטער פון זשורנאל וואָלט איך געגעבען יעדען פון זיי 200 דאָלאר א וואָך און זאָלען זיי אויפהערען, איינמאָל פאר אלעמאָל, צו אויקען און שרייען יעדעס מאָל ווען מען גיט זיי ניט דעם טשעק אין צייט.

דעם אַקאונטענט וואָלט איך אוועקגענומען פון אלע דזשאָב־לאך און איהם ארייגעזעצט אין אָפיס, זאָל ער שרייבען איבער סאָשעל סעקיוריטי.

דעם קעשיר וואָלט איך געהייסען צומאכען זיין סטאָר און איהם איינגעפיקסט אן עקסטרא אָפיס אויף אונטערצושרייבען טשעקס. ער וואָלט דאן געהאט צייט איבערצוליגען אין די מואוויס און שעפען נחת פון די מואווי סטארס...

פון די צוויי מיידלאך אין אָפיס וואָלט איך איינער געהעכערט די ווידזשעס, איהר באצאָהלט פאר דריי יאָהר און איהר געהייסען

חתונה האָבען אַז זי זאָל באַפרייט ווערען פון דער שווערער אַרבייט. די צווייטע וואָלט איך אַפּאָינטעט אַלס מענעדזשער איבער אַלע אָנגעשטעלטע פון זשורנאַל. געהעכערט איהרע ווידזשעס אויף 75 דאָלאַר אַ וואָך דערוויל. זאָל זי אויך וויסען אַז זי אַרבייט פאַר כשר'ע בוטשערס.

דעם לאָיער פון דער „שטימע" וואָלט איך געגעבען אַן אַנשטענדיגען לעבען צו מאַכען און ער זאָל זיך ניט דאַרפען באַדערען מיט זיינע פּריוואַטע קליענטען. און אַזוי ווי קיין שווערע געריכט קייסעס וועלען דעמאָלט ניט זיין, ווייל קיינער וועט ניט באַדערען מיט דזשאָדזשמענטס און חובות, וואָלט איך אָנגעשטעלט אַ פּאָר טומעל מאַכער און זיי געשיקט צו די בוטשערס וואָס ווילען זיך ניט אָנשליסען אין לאָקאַלען און ווערען סובסקרייבערס אויפ'ן זשורנאַל, זיי זאָלען פאַרפיהרען געשלעגען. דעמאָלט וואָלט דער לאָיער זיך געפיהלט ווי אַ פּיש אין וואַסער...

די קאָלעקטאָרס פון זשורנאַל וואָלט איך געקויפט גוטע אויטאָמאָבילס און אָנגעשטעלט אַ פּאָר פעהיגע מענשען אַז זיי זאָלען פאַר זיי קאָלעקטען. איך וואָלט זיי געצאָהלט צו הונדערט דאָלאַר אַ וואָך און פאַר זיי גענומען אַ טעאַטער יעדע וואָך. צו זעהן די „שאָו" וואָלט איך יעדען באַזונדער צוגעצאָהלט אַ פּינפּערעל. אין טעאַטער וואָלט איך געטיילט פרייע סענדוויטשעס, זויערע פּיקעלס, סאָדאַ וואַסער און פּינאַטס. איך וואָלט געהייסען אויפפיהרען פּיעסען מיט מערשע, גזענגע און טענצע. דער קאָמיקער זאָל בלויז דערצעהלען אַזעלכע וויצען פון וועלכע מען זאָל רויט ווערען... דאָס אומגליקליכע מיידעל (אין דער פּיעסע) זאָל מוזען פאַרפיהרט ווערען עטליכע מאָל און אַהיים ברענגען ניט איין ממזר, נאָר עטליכע...

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי

איך בין אַמאָל געזעסען אין אַ פּאַרק און האָב געהערט ווי אַ מאַן און ווייב האָבען זיך געוועֿרטעלט.

זיי האָבען געהאַט טענות איינער צום אַנדערן, אַז איידער זיי האָבען חתונה געהאַט איז ביי זיי געווען גאַנץ אַנדערש. איך האָב ביי מיר געטראַכט אַז אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז פון הונדערט פאַמיליע־לעבנס, זיינען ניין און ניינציג אָהן ליבע. מיר זעהן אָפּט אַ יונג פּאָרעל, אַ האַלב יאָהר נאָך דער חתונה איז זייער ליבע אַ פאַרגאַנגענהייט. און ווען גאָט העלפט נאָך אַז עס קומען אַ פּאָר קינדערלאַך, איינס נאָכן צווייטען, דאַן איז שוין קיין סימן ניט פאַראַן פון דער אַמאָליגער יוגענט הייסער ליבע. עס שווימען דאַן אַרויף טענות פון איינעם צום אַנדערן, דאַן ווערט דער מאַן אַן עגאָאיסט, אַ שלעכטער, אַ האַרט־האַרציגער און אַן אַרומלויפער אין פרעמדע הייזער; „דאַן ווערט דאָס ווייב אַ שלי׳מזל׳ניצע, אַ פוילע, אַ קלאָג מוטער, אַ אידענע !״

דאָס ווייבעל טענה׳ט אַז ער גיט איהר ווייניג געלט אויף עקספּענס, אַז ער נעמט זי ניט אויס, אַז ער געהט זיך אַמוזירען און לאָזט זי איבער מיט די קינדער אין הויז, אַז ער העלפט ניט ערציהען די קינדער, ער העלפט ניט אַן דער הויז אַרבייט. מיט איין וואָרט — ער איז אַ שלעכטער און קאַלטער מאַן . . .

דער מאַן, פון זיין זייט, טענה׳ט דאָס זי ווייסט ניט ווי אַזוי צו פיהרען אַ באַלעבאַטישקייט, זי איז ניט עקאָנאָמיש, זי קען זיך קיינמאָל ניט אופּאָרען פון דער אַרבייט, זי איז שטענדיג פאַרשמירט, אָנגעבלאָזען. זי איז תמיד אַ זויערע, אַ צוקראָכענע, האַלט ניט די קינדער ריין, זי ווייסט ניט ווי צו ערציהען זיי און זי אַליין איז ניט אָנציהענד.

זייערעביידענס טענות זיינען אמת'ע, ניט אויסגעטראַכטע, אַז ביידע האָבען אַ רעכט ניט צופרידען צו זיין איז אָפּגערעדט. ביידע פיהלען ניט גוט. זיי ליידען פון אומשטענדען, איז גאַנץ נאַטירליך אַז ביי יעדען פון זיי זאָל זיך אַרויסרייסען אַ פּראָטעסט און ביידע פיהלען וואָס ווייטער אַלץ וויינינגער ליבע איינס צום צווייטען.

אָבער פאַרוואָס איז עס אַזוי? וואָס האָט געבראַכט דערצו אַז ביידע זאָלען ערפילען אַזוי שלעכט זייערע חובות איינער צום אַנדערן, זאָלען זיך אַזוי וויינינג קענען צופּאַסען צו די לעבענס באַדינגונגען, זיי זאָלען אַזוי ניט טויגען פאַרן פאַמיליען לעבען?

די אורזאַך דערפון דאַרף מען ניט זוכען אין די פעהלערען פון דעם מאַן אָדער פרוי, ווייל די פעהלערען זיינען אַלעמענס פעהלערען, זיי געהערען צו דער מענשליכער נאַטור. די אורזאַכן, גלויב איך, ליגען ניכער אין דער אונערפאַרענהייט און אונוויסענהייט אין וועלכער דאָס ווייב אָדער דער מאַן געפינען זיך פאַר דער חתונה. די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס די ליבע פאַרשווינדט אַזוי שנעל ביי יונגע פּאָרפאָלק איז וואָס זיי מאַכען זיך פריהער פאַלשע פּאָרשטעלונגען פון לעבען: זיי קענען ניט די מענשליכע נאַטור, זיי רעכענען זיך ניט מיט דעם עגאָאיסטישען אינסטינקט אין זיך און ביים אַנדערן, וועלכער זוכט אונטער אַלע אומשטענדען דעם אייגענעם גענוס, דאָס אַנגענעמסטע און דאָס בעסערע פאַר זיך. זיי ווייסען ניט אַז די ליבע אַליין איז נאָר אַן אייגענליבע, די ליבע איז נאָר אויף אַזויפיל וויפיל איין פערזאָן קען פאַרשאַפען גענוס דעם אַנדערן . . . נעמט אַוועק דעם גענוס פון דער ליבע בלייבט ניט מעהר קיין צייכען.

יונגע מענשען פאַר דער חתונה דענקען ניט וועגען דעם, אַז פאַמיליע לעבען האָט פליכטען, וועלכער איז דער געגענזאַץ פון גענוס! זיי פיהלען ליבע איינער צו אַנדערען בלויז דערפאַר ווייל עס איז ניט פאַרבונדען מיט וועלכע עס איז פליכטען. זיי דענקען ניט וועגען דעם אַז יעדער מענש האָט זיך אַליין ליב בעפאָר אַלעמען, מען זוכט צופרידען צו שטעלען זיך פריהער פון צווייטען. שפּעטער אָבער צייגט זיך אָט דאָס אַרויס ביי ביי־

דען. דעמאָלט מיינען זיי אַז איינער האָט דעם צווייטען אָפּגע־נאַרט,ביידע האָבען זיך אַליין ניט געקענט און בפרט דעם אַנדערן.

ווען זיי דערוואַכן מיט אַ צייט שפּעטער ווען די ליידנשאַפּ־טען ווערען אַביסעל אויסגעברענט, זעהען זיך ביידע אין דער ריכטיגער ליכט און הערען זיך אויף צו ליבען. דאָס הייסט, אַז זיי פאַרשאַפען שוין איינער דעם צווייטען ניט מעהר קיין גענוס מיט זייער פּערזענליכקייט: ער וויל אַ גוטען דינער, זי וויל אַ סך געלט. זי איז געוואוינט אַז ער זאָל זי באַדינען און ער טוט דאָס ניט מעהר. און אַזוי ווי זי קען ניט מאַכען קיין גוטען דינער און האַלטען די באַלעבאַטישקייט אין אָרדנונג, און ער קען ניט גענוג פאַרדינען קיין געלט און מיטהעלפען אין דער הויז־אַרבייט, ווערען זיי ביידע אומצופרידען, בייז, ענטוישט און וואַרפען די שולד איינער אויפן צווייטען.

דאַן קען שוין קיין רייד ניט זיין פון ליבע, פון צערטליכקייט ווי פאַר דער חתונה, דאַן בלייבען זיי נאָר פאַרטנערס, וועלכע געהען ניט אַריין אין דער לאַגע פון איינער צום צווייטען, זיך רעכענען מיט דעם אַנדערנס שוואַכקייטען, מיט דעם אַנדערנס פאַרזעהן. דאַן זיינען ביידע גערעכט און ביידע אומגערעכט. ווייל ביידע האָבען ניט געקענט די מענטשליכע נאַטור, ביידען האָבען געבויט לופט־שלעסער און דערפאַר זיינען ביידע אַנ־טוישט.

באַנקעטן

איהר פרעגט, וואָס עס קומט פאַר ביי אַ באַנקעט? וואָס, איהר זיינט נאָך קיינמאָל ניט געווען צו אַ באַנקעט? אויב אַזוי, זייט איהר דאָך, איהר זאָלט מיר אנטשולדיגען, נאָך גאָר אַ גריי־נער! פרעגט מיך, איך וועל אייך דערצעהלען וואָס אַזעלכעס איז אַ באַנקעט.

אידען האָבען אויסגעטראַכט פאַרשידענע נעמען פאַר באַנ־קעטען: וועטשערינקע, ליאַמע, סאַפּער, צוזאַמענקונפט, באַנקעט.

דער צוועק פאַר אַזעלכע שמחות איז פאַרשידען: א אינגעל ווערט א בר מצוה: אַ באַנקעט. אַ יאָהרצייט נאָך אַ גרויסען מענשען: אַ סאַפּער. אַ זילבערנע אָדער גאָלדענע חתונה: אַ קאָפּעל סאַפּער. אַ טעאַטער שטיק, וואָס געהט שוין די ניינטע וואָך: אַ ליאַמע. אַ סאָסייטי וואָס עקזיסטירט שוין אַ יאָהר— אַ יאָהרפעסט. נאָך אַן עלעקשאָן פאַר בעאַמטע — אַ וועטשע־רינקע. אַ פריינט וואָס פאָהרט אין יוראָפּ: אַ געזעגענונגס אָוונט. אָבער ווי קומען די אַלע הוליאַנקעס צו גוי'אישע באַנ־קעטען.

אַ גוי'אישער באַנקעט ווערט אָפּגעהאַלטען דאָ ביי אונז אין ניו יאָרק אין אַן אָנגעזעהנעם האָטעל, אַזוי ווי צום ביישפּיל: קאָמאָדאָר, וואַלדאָרף אַסטאָריא, פּענסילווייניא אָדער האָטעל אַס־טאָר. מען לאָזט אייך וויסען מיט אַ דריי־פיר טעג פריהער, אַז אין דעם און דעם טאָג, פונקט אַכט אַזייגער, וועט אין זאַל פון דעם האָטעל פאָרקומען אַ באַנקעט, און אַ פּלייט וועט קאָסטען פונקט לאָמיר זאָגען, פיר דאָלאַר, און איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און רעזערווירען אייער פּלאַץ.

צו אַ אידישען באַנקעט לאָזט מען אייך וויסען מיט אַ פינף זעקס וואָכען פריהער, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט געפּראַוועט

ווערען א באנקעט מיט א דענס און א קארד פארטי, און א פליימ וועט אייך קאָסטען אזויפיל און אזויפיל, טאָמער וועט איהר נימ נעמען באלד א טיקעט, וועט אייך דאָן קאָסטען טייערער.

מען זאָגט אייך צו, אז ביים באנקעט וועט זיין אזוינס און אזעלכעס . . . און ווען איהר וועט ניט קויפען א טיקעט, וועט אייך באנג טאָן דאָס גאנצע לעבען . . . ווען מען האָט שוין אויף אייך ארויפגעצוואונגען א טיקעט הויבט באלד אייער פרוי זיך צו דארען דעם קאָפּ וואָס פאר א דרעס זי זאָל אויף זיך ארויפשלעפּען צו דער אונטערנעמונג, ווייל איין פרוי וויל אריבערשטייגען די אנדערע. צווישען אונז זאָל עס פארבלייבען, איז פאראן צווישען אידישע ווייבער אזעלכע, וואָס זייער הארץ חלש'ט אביסעלע אויפצושויען, זיי שלעפּען אויף זיך ארויף אזעלכע קליידער, אז איהר מוזט ניט ווילענדיג אויף זיי אויפמערקזאם ווערען.

איך האָב אמאָל באגעגענט צו א באנקעט א פרוי, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען א גרויען קרימסקען דזשעקעט, א העמ און א מוף פון דערזעלבער ווארע, איהר האָט בלויז אויסגעפעלט לאקירטע שטיוועלאך און א שליטען איינגעשפּאנט א טראָיקע... אפילו ביים סאפּער, ווען איהר וואָלט זי אפּגעגאָלטען, וואָלט זי, דאכט זיך, ניט אויסגעטאָן דעם העמ . . . אז א מענש וויל ציהען אויפמערקזאמקייט, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען . . .

אלזאָ, מיר וועלען אייך דערצעהלען ווייטער ווי עס געהט צו. פונקט מיט צוויי שטונדען שפּעטער ווי עס איז געשריבען אויף דער איינלאדונג, הויבט מען זיך אָן צוזאמענקומען. מען שטופּט זיך צו טשעקען די בגדים, ווייל יעדער דענקט אז מען האָט שוין באלד אפּגעגעסען. הייסט מען אייך דערווייל אריינגעהן אין א דיינינג רום, וואָס איז היינט ניט פארנומען. דאָרט זיינען אויסגעשטעלט רונדע טישען, אויף יעדען טיש איז פאראן א פּעקעל פרישע קאָרטען אזוי ווי ערשט ארויס פון דער פאבריק. נעבען די קאָרטען שטעהען צוויי טעלערלאך, איינס מיט אביסעל קענדי און דאָס צווייטע פאר פינקע . . . דאָ הויבט זיך אָן דער יאריד פון שפּילען, פארלירען ווי איהר פארשטעהט וויל קיינער ניט,

הויבט מען זיך אָן צו צולאָזען אויף וואָס די וועלט שטעהט . . . מען שפּילט אַ ראַמיע, אַ פּינאַקעל, אַ פּויקער ביז עס קומט צו אַרגומענטען. דער האָט ניט אַרויסגעוואָרפען די קאַרט וואָס מען דאַרף, יענער האָט געבלאָפט . . . ביז מען ווערט אויפגעקאָכט און מען זוכט סאַטיספּעקשאָן . . הכלל, מען ווערט זיך בלוטיגע פיינד

אין מיטען שפּיל, גיט מען אַלעמאָל אַ בליק אויב מען רופט שוין צו נעמען עפּעס אין מויל . . . ביז מען דערלעבט שוין אַז מען זעצט זיך צו די טישען, ווערט אַ געלויף אַזוי ווי אין אַ קליין שטעטלע ביי אַ שרפה, איינער פריהער, אַן אַנדערער נאָך פריהער צו פאַרכאַפּען דעם אויבען־אָן, ווייל יעדער וויל זיצען דאָרט וואו מען קען איהם אָנזעהן. די מעהר ערפאַהרענע, די וואָס ווייסען וואָס עס קומט פאַר ביי אַ אידישען באַנקעט זעצען זיך דוקא ניט ווייט פון טיר, זיי ווייסען אַז ווען מען ברענגט אַרויס פון קיך דאָס ביסעל געקעכץ וועלען זיי פריהער געניסען ווי די יחסנים וואָס זיצען דאָרט אויבען.

און ווען גאָט העלפט אַז מען האָט באַשטעלט, לאָמיר זאָגען, פאַר הונדערט קאַפּעלס און רוקען זיך אַריין נאָך אַ פופציג, דע־מאָלט ווערט פרעהליך . . . מען מוז דאַן וואַרטען ביז די ווייטערס שטעלען צו נייע טישען, דערווייל נעהם און געה ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן זיך דאָס האַרץ דערכאַפּען.

די וויטערס פאַרשעלטען זיך די יאָהרען, אָנשטאָט צו באַ־דינען דריי טישען מוזען זיי אַרבייטען ביי פינף. זיי ווערען דאַן צוטומעלט, און ביים בעסטען ווילען קענען זיי ניט שענקען קיין נעהריגע אויפמערקזאַמקייט. דעמאָלט פעהלט אוים אויף די טישען מכשירים צו עסען. עס פעהלט ברויט, וואַסער איז אַ לוקסוס, פון לעפעל, מעסער און גאָפּלען איז אָפּגערעדט.

ביים עולם ווערט אָנגעצויגען די שטימונג, מען גיט ווידער אַרגומענטס, אַז ניט די אַראַנזשירער איז כאָטש דעם ווייב, אָדער דעם מאַן.

קוים מיט צרות אַז מען האָט עפּעס איבערגעכאַפּט, העלפט גאָט עס הויבען זיך אָן די ספּיטשעס. יעדער וויל אַרויסצייגען

אַז ער איז אַ גרויסער טאַלאַנט אין רעדען, כמעט אַן אָראַטאָר... מען הויבט אָן צו שרייען זאָל זיין שאַ, זאָל זיין שטיל. אָבער דער עולם הערט אַלעמען ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי.

נאָכאַלעמען ווי וואָלט אַ אידישער באַנקעט אויסגעקוקט אָהן ספּיטשעס? דער רעדנער שטעלט זיך אַרויף אויף אַ טשער, גיט אַ צייכען מיט די הענט, ווי איינער רעדט, אָט דאָס בין איך וואָס וויל צו אייך רעדען אַ פּאָר קלוגע ווערטער . . . דער עולם בלייבט גלייכגילטיג. און ווען גאָט העלפט, אַז עס זיינען דאָרט פאַראַן יונגוואַרג וואָס זיי זיינען ניט זעהר שטאַרק באַגייסטערט צו הערען אידישע ספּיטשעס, דעמאָלט מעג זיך שוין דער רעדנער איינפּאַקען. עס העלפט ניט קיין בעטען, עס העלפט ניט קיין שרייען, עס העלפט אַפילו ניט דער באַראַבאַן וואָס וויל שטיל מאַכען דעם עולם.

קוים האָט מען עפּעס איבערגעביסען הויבט שוין אָן צו טאָגען און יעדער איילט זיך אַהיימצוגעהן. דאַן ווערט אַ שטורפּעניש און וואַרפּעניש ביי דעם פענסטער וואו מען האָט געטשעקט די קליידער. אַז מען האָט שוין מיט גאָטס הילף אַרויסבאַקומען די בגדים אַנטלויפט מען ווי פון אַ פייער, יעדער שווערט אויף וואָס די וועלט שטעהט, אַז צו באַנקעטען געהט ער ניט מעהר . . .

פאַרוואָס איך וויל האָבען עולם הבא

צו זיין אַ סעקרעטאַר פון אונזער זשורנאַל „די שטימע" איז זעהר שווער צו האָבען עולם הזה. דערפאַר בין איך אָבער זיכער אַז איך וועל, ווען גאָט וועט זיך דערמאָנען אין מיר, האָבען עולם הבא.

איהר פרעגט מיך מיט וואָס איך בין אַזוי זיכער? אָט טאַקע וועל איך אייך באַלד דאָ אויפ'ן אָרט איבערציייגען.

איך זיץ אין אַ ווינטערדיגען טאָג ביי מיין דעסק אין אָפיס. אין דרויסען איז קאַלט. דער לענדלאָרד זשאַלעוועט ניט קיין סטים. די פענסטער זיינען פאַרמאַכט און די וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום און איך טראַכט וואָס אָנצושרייבען אין דער „שטימע" פאַר'ן קומענדען נומער. אַזוי טראַכטענדיג ווער איך איינגע־שלאָפען.

חלומ'ט זיך מיר אַז איך בין שוין ניט צווישען די לעבעדיגע, אַז איך בין אויף יענער וועלט. מען פיהרט מיך אין אַזאַ מין „אימיגראַנטען אָפיס" מיט נאָך פיעל נשמות. דאָרט גיט מען אונז אַן אָרדער זיך צו שטעלען פאַר'ן הימלישען געריכט. און פון דאָרט וועט באַשטימט ווערען ווער עס דאַרף געהן אין גן־עדן און ווער אין גיהנום...

מען הייסט אונז אַרויפקריכען אויף אַ גרויסען טראָק און מען פיהרט אונז אַ שטיק וועג ביז מיר קומען צו דעם הימלישען קאָורט. איך דערזעה אַ גרויסע געביידע וואו עס זידט און קאָכט ווי אין אַ קעסעל. מיליאָנען נשמות, גרויסע און קליינע, שוועבען אַריין און אַרויס פון דער געביידע. ביים טויער שטעהען צוויי טראָקס מיט סיינס. „עקספרעס צום גיהנום". געזונטע און אָנ־געפרעסענע „ספעשעל מלאכים" מיט בעדזשעס פון פאַרמעט, אויף וועלכע עס זיינען אויפגעשריבען די צעהן געבאָט, פאַקען אָן

די טראַקס מיט פאַרשיידענע נשמות, ווייבערשע און מענערישע, קליינע און גרויסע...

ניט ווייט פון די טראַקס שטעהט אַ וועגעלע אויף צוויי רעדלאַך, איינגעשפּאַנט אַ קליין פערדעלע מיט אַ קליינער סיין אויפגעשריבען „עקספּרעס גן־עדן". אויף דער קעלניע זיצט אַ קליין מלאכ'ל און וואַרט אויף נשמות. ער וואַרט גאַנצע שטונדען ביז מען ברענגט אַרויס אַ קליין נשמה'לע פון אַ פּיצעל קינד, וואָס האָט נאָך אפילו ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען זינדיגט אויף גאָט'ס ערד.

אַ „ספּעשעל מלאך" אויך מיט אַ בערזש, מיט אַ גראָבער שטימע, האָט מיך און נאָך עטליכע אַריינגערופען.

איך קום אַריין אין זאַל. איך זעה ווי עס זיצען אויף אַ הויכען בענטש אונזערע אבות: אברהם, יצחק און יעקב. זיי זיינען דאָס די ריכטער. איך האָב זיי באַלד דערקענט, ווייל איך האָב זייערע בילדער געזעהן אין חומש, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר. די נשמות האָבען געציטערט און עס האָט מיט זיי געוואָרפען ווי אין אַ קדחת.

דער שטן מקטרג שטעהט מיט אַ פאַרהאַרטעוועטען פּנים, און קאַלט ווי אייז, און רעכענט אויס יעדענס מעשים. אברהם, דער טשערמאַן פון די דריי ריכטער, גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ: גיהנום! וויסענדיג אָבער וואָס פאַר אַ פרומער צדיק איך בין געווען אויף גאָט'ס וועלטעלע, שטעה איך אין געהאַקטע וואונדען און איך בין זיכער, אַז מען וועט ניט מאַכען קיין לאַנגע ביזנעס מיט מיר, און אויך מיך גלייך שיקען אין גיהנום.

קוים מיט צרות האָט מען פאַרגעלעזען מיין נאָמען, מיין באַשעפטיגונג. דער שטן מקטרג וויל עפענען זיין אָנקלאַגע אַקט און אויסרעכענען אַלע מיינע זינד. גיט אברהם, דער טשערמאַן, אַ קלינג מיט אַ גלעקעלע און אַ זאָג: אין גן־עדן! דער שטן איז געבליבען שטעהן ווי אַ געפּלעפּטער, און פרעגט מיט אַ שטרענגער שטימע: — פאָטער אברהם, האָט איהר ניט געמאַכט קיין טעות? איך האָב דאָ אַ גאַנצען פּאַק מיט זיינע זינד, פאַר וועלכע מעשים טובים קומט איהם גן־עדן?

אברהם שטעלט זיך אויף און ערקלערט:

— אמת, הער מקטרג, דו ביסט טאַקע גאַנץ גערעכט. דיין אַרגומענט איז אויסגעהאַלטען, ער איז טאַקע אַ רשע, ער האָט זיכער פאַרדינט דעם גיהנום, ניט דעם גן־עדן, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון זשורנאַל וואָס כשר'ע בוטשערס גיבען אַרויס אויף דער ערד, האָט ער שוין געהאַט זיין חלק גיהנום.

פּלוצים רינגט דער טעלעפאָן, און איך כאַפּ מיך אויף. איך לייג צו דעם טעלעפאָן צום אויער, שרייט אַ שטימע: איהר זייט דאָס דער סעקרעטאַר פון זשורנאַל?

איך ענטפער אַז יאָ.

— אויב אַזוי — שרייט ער — מעג אַ רוח אין אייער טאַטענס טאַטען אריין. וואָס פאַר אַ ביזנעס איז דאָס? ווען מען זאָגט אייך, אַז איהר זאָלט שרייבען, אַז מיין באַי איז אַלט געוואָרען 19 יאָהר, מאַכט איהר זיך ניט וויסענדיג. אויך מיר אַ סעקרעטאַר!

ווי אַזוי מען ווערט א פאַרברעכער

זייט איהר שוין אמאָל געווען אָנגעקלאָגט פאר א פאר־ברעכען? אויב ניט, וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי מען ווערט א פארברעכער אומשולדיגערהייט. איך וויל זיך מודה זיין, אז איך בין באגאנגען א פארברעכען. איך בין געווען אנ־געקלאָגט ניט מעהר און ניט וועניגער ווי פאר וועלען אונטער־צינדען אונזער שטעדטעל ניו יאָרק.

איהר וואונדערט זיך ווי עס קומט צו מיר אז איך זאָל אפילו טראכטען פון אזא זאך?

אָט דאָ קום איך צום פונקט און אייך אלץ גענוי ערקלעהרען:

עס טרעפט זיך אמאָל, אז עס זאָל זיך אזוי ניט טרעפען, ביי א מענשען אַ טאָג וואו אלץ געהט מיט דער פוטער אראָפּ.

אזאַ טאָג האָב איך מיטגעמאכט לעצטע וואָך. אנשטאָט אויפצושטעהן 8 אזייגער אין דערפריה בין איך אויפגעשטאנען מיט א שטונדע שפעטער. מיין זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין דרויסען האָט געפליוכעט אַ שטאַרקער רעגען. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און געלאָפען צום סאָבוויי סטיישאן. קומענדיג צום סטיישאן, האָב איך זיך געכאפּט, אז איך האָב פארגעסען דאָס ביסעל קליינגעלד וואָס איך האָב אבערגעלאָזט אין אן אנדערן סוט.

לויף איך שוין צוריק אהיים און נעם דאָס ביסעל טשענזש. צוריקגעהענדיג צום סטיישאָן האָט זיך ביי מיר איבערגעריסען א בענדעל פון שוך, ביז איך האָב דאָס פארקניפּט האָט ביי מיר גענומען עטליכע מינוטען.

קומענדיג פארסאָפּעט אויפ׳ן סטיישאן איז פונקט אוועק די טרעין און איך דארף שוין ווארטען נייע 10 מינוטען. קיין ברעק־פעסט האָב איך ניט געהאט קיין צייט צו עסען, האָט זיך מיר

פאַרגלוסט א שטיקעל טשואינג־גאָם. איך האָב אריינגעוואָרפען א פּעני אין דער סלאָט־מאַשין און געוואָלט ארויסנעמען די גאָם. איך דרעה אַהין און דרעה אַהער, ניט עס קומט ארויס קיין גאָם און ניט קיין פּעני.

ווען עס איז שוין מיט מזל אָנגעקומען די טריין א פול געפּאַקטע און איך האָב מיך קוים אריינגעשטופּט האָט מיר באַלד א מאַן אָנגעטראָטען אויף מיין הינערא‎ויג. מיט א פּאָר סטיישאָנס ווייטער האָב איך געפונען א סיט. איך האָב מיך אוועקגעזעצט און בין איינגעדרימעלט, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך דערזעהן אז איך בין אין ברוקלין אנשטאָט ארונטערצוגעהן אין טיימס־סקווער. בין איך שוין אין געהאַקטע צרות צוריק געפאָהרען. ווען איך בין אין טיימס־סקווער ארויס פון טריין און שוין געוועזן נאָהענט ביים ארויסגאנג, האָט זיך מיר פארגלוסט צו פאררויכערן א סיגארעט, אזוי ווי איך גיב דעם ערשטען ציה רופט מיך צו א פּאָליסמאַן און פרעגט מיך אויב איך זעה די סיין אַז מען טאָר ניט סמוקען אויפ'ן סטיישאָן און דערלאנגט מיר א סאמענס, אז איך זאָל קומען מאָרגען אין קאָורט פּונקט 9 אזייגער אין דער פריה.

אַרויפקומענדיג אין אָפיס גיט מען מיר אַ טעלעגראַם, אז מיין מחותן איז געשטאָרבען און מען בעט מיך אז איך זאָל קומען צו דער לויה. ווען איך בין אהין געקומען האָט מען מיר געזאָגט, אז די לויה איז געוועזן מיט א האלבע שטונדע צוריק.

ביינאכט ווען איך בין איינגעשלאָפען א מידער חלומ'ט זיך מיר, אז איך בין אין סאָוועט־רוסלאנד און איך שטעה מיט זינאָוויעוו'ן, קאמעניעוו'ן, טאמסקי'ן, ריקאָוו'ן, ראקאָווסקי'ן, קארל ראדעק און אלע אנדערע אָנגעקלאָגטע. סטאַלין שטעהט מיט א ראָטע סאָלדאטען מיט אויסגעשטרעקטע ביקסען צו שיסען. מען שפּארט אונז אלע צו צו א ווענטעל און מען געהט אונז אויסשיסען . . .

אויפאמאָל דערזעה איך מיין פאָטער און מוטער און זיי שלעפּען מיך אוועק פון דאָרט. אזוי ווי זיי האָבען מיך אוועקגעשלעפּט דערהער איך א קנאַל פון ביקסען. פון דעם קנאַל האָב

איך זיך אויפגעוועקט. איך האָב מיך פּשוט מחיה געווען, וואָס איך בין ניט קיין קאָמוניסט, און איך בין ניט אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד.

ווען איך בין געקומען אין קאָורט פּונקט 9 אזייגער אין דער פריה, האָב איך דאָרט געטראָפען עטליכע צעהנדליג מענשען וואר־טען פאָר'משפּט צו ווערען פאַר וועלען אונטערצינדען אונזער שטעדטעל ניו יאָרק. ווען דער ריכטער האָט מיך געפרעגט אויב איך ערקלעהר זיך שולדיג, האָב איך ניט געהאט קיין אנדער ברירה און אויסגערופען „שולדיג" און מען האָט מיך באשטראָפט מיט איין דאלאר אדער איין טאָג צו זיצען אין פּריזאָן.

איך האָב אפילו געוואָלט ערקלעהרען א זיץ־סטרייק, אבער אזוי ווי איך האָב באדארפט אָנשרייבען דעם ארטיקעל אין דער „שטימע" און עס איז געווען דער לעצטער טאָג ווען דער זשורנאל געהט צום פּרעס, האָב איך באצאָלט די שטראָף און געלאָפען אין אָפיס אָנשרייבען די דערצעהלונג.

אויפ'ן וועג צום אָפיס האָב איך געטראכט, אז איך האָב נאָך נוט אָפּגעשניטען, ווייל ווען איך בין אין סאָוועט־רוסלאנד און ערקלעהר זיך דאָרט שולדיג, וואָלט איך שוין היינט ניט געווען צווישען די לעבעדיגע.

אָט אזוי ווערט מען א פארברעכער.

דער קלוגער קעניג

פון באָקאַציאָ — איבערזעצט פון דייטש

עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס פאַרשטעהען זעהר ווענינ, און זיי דענקען אַז אַנדערע פאַרשטעהען נאָך וויניגער. זיי האָבען ליב אַלץ צו שטעלען אויף זיך. זיי האָבען נאָך די חוצפּה אַנדערע צו טאַדלען, אָבער זייער אייגענע שאַנד זוכען זיי צו באַהאַלטען.

איך וויל דאָ באַווייזען, הויפּטזעכליך אונזערע ווערטע פרוי־ען, אַז ניט איינמאָל האָבען זיי אַ זעהר שלעכטע מיינונג וועגען אַלע מענער. איך וועל דאָ שילדערן פאַר אייך אַ מענשען מיט טאַקט, מאַכט און פאַרשטאַנד, אַ קעניג.

אַגילאָלף, דער קעניג פון לאָמבאַרדי, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה. זי איז אויך געוועזן אַ קעניגין. זי, די קעני־גין איז געוועזן זעהר אַ שעהנע, אַ קלוגע און עהרליך, טראָץ די אַלע אויסגערעכענטע מעלות, האָט איהר איינמאָל איינער פון איהרע קנעכט אָפּגעשפּילט זעהר אַ שלעכטען שפּאַס. און ווען ניט דער מוט און פאַרשטאַנד פון דעם קלוגען קעניג אַגילאָלף, איהר מאַן, וואָלט ביי זיי זיכער צושטערט געוואָרען זייער צו־זאַמענלעבען, און עס וואָלט אויף זיי געבראַכט שאַנד, און אויך אויף זייער גאַנצען קעניגרייך.

אַ רייטקנעכט פון קעניג, אַ מענש פון נידריגען אָפּשטאַם, אַן אָרימער, אָבער אַ מוטיגער פול מיט ליידענשאַפט, אַ יונגער אָבער אַ שעהנער, האָט זיך פאַרליבט אין דער קעניגין. זיין ניד־ריגער שטאַנד האָט איהם ניט אָפּגעהאַלטען אַז זיין ליבע צו דער קעניגין איז פאַרבונדען מיט זיין לעבען איינשטעלעניש. פון דער ליבע צו דער קעניגין האָט ער קיינעם ניט פאַרטרויעט,

ער האָט אפילו ניט געוואַגט דער קעניגין אויפמערקזאַם צו מאַכען, וועגען זיין ליבע צו איהר, סיי דורך אַ בריף, אָדער מינדליך, ווייל דאָס האָט זיך געקענט ענדיגען מיט טויט.

פונדעסטוועגען אַזוי ווי ער איז געווען האָפנונגסלאָז האָט ער זיך ניט געקענט און געוואָלט אַרויסשלאָגען פון זיינע געדאַנקען דעם אָנגעצונדענעם פייער פון באַגעהר און ליידענשאַפט. פאַרקערט, ער האָט גאָר געזוכט פאַרשידענע מיטלען און וועגען זיין געדאַנק צו פאַרווירקליכען. ווען עס האָט אַמאָל געטראָפען אַז די קעניגין איז אַרויסגעריטען אויף אַ שפּאַציר, און ער האָט צוגעפיהרט דאָס רייט פערד, איז ביי איהם געווען פאַררעכענט פאַרן גרעסטען גליק, ווען ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו באַריהרען איהר רייט־קאָסטיום.

אָבער ווי מיר זעהן אָפט, אַז ווען ליבע ווערט שטאַרקער, פאַרבלייבט די האָפנונג שוואַכער, ער האָט זאָגאַר אַמאָל געפּרופט מיט אַלע זיינע קרעפטען זיך אַרויסצושלאָגען פון זיינע געדאַנקען דאָס אונדערגרייכבאַרע, אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט זיין איינבילדונג ניט קענען אַזוי שנעל פּטור ווערען, ער האָט אפילו ביי זיך באַשלאָסען אַז ער וועט דאַרפען שטאַרבען, זאָל דאָס געשעהן בלויז וועגען דער ליבע צו דער קעניגין. ער האָט ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט, מעג זיין מיט איהם וואָס עס וויל, ער מוז זיין גליק אויספּרואווען, אָדער אַהער, אָדער אַהין. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און ער האָט אויסגעפּלאַנט אַ מיטעל, און דאָס איז געווען, ער וועט זיך פאַרקליידען פאַר דעם קעניג. ער האָט אויסגעפונען אַז דער קעניג שלאָפט אין אַ באַזונדער צימער, און די קעניגין אין אַ באַזונדער צימער. ער וועט נאָכזעהן וואָס פאַר אַ קליידער דער קעניג טראָגט אין דער צייט ווען ער געהט צו דער קעניגין אין איהר שלאָפצימער. ער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקעל פון דעם זאַל וואָס פון איין זייט איז געווען דעם קעניגס שלאָפּצימער, און אַקעגען איבער דער קעניגינס.

איינמאָל ביינאַכט, האָט ער באַמערקט, ווי דער קעניג איז אַרויסגעקומען פון זיין שלאָפצימער איינגעהילט אין אַ מאַנטעל,

אין איין האנט האט ער געהאלטען א ברענענדיג ליכט, און אין דער צווייטער האנט א קליין שטעקעלע, און ווען ער איז צוגעקומען צו דעם שלאפצימער פון זיין ווייב, האט ער אהן א ווארט צו רעדען אנגעקלאפט מיט דעם שטעקעלע אין דער טיר, די טיר האט זיך באלד אויפגעמאכט, און עמיצער האט דאס ליכט פון זיין האנט ארויסגענומען.

אזוי ווי דער קנעכט האט דאס באמערקט, האט ער ביי זיך אפגעמאכט אז ער וועט אויך אזוי טאן. ער האט זיך פארשאפט אזא מאנטעל וואס ער האט געזעהן דעם קעניג טראגען, א ליכט און אויך א שטעקעלע. ער האט זיך גענומען א באד, דערפאר אז דער גערוך פון שטאל זאל זיך ניט פיהלען פון איהם, ווייל די קעניגין קען זיך נאך כאפען אז ער איז ניט דער קעניג איהר מאן. דאן האט ער זיך באהאלטען אין א ווינקעל פון זאל.

ווען ער האט באמערקט אז אלע שלאפען, די צייט איז פאסיג, האט ער ביי זיך פעסט אפגעמאכט, ענטוועדער זיינע ליידענשאפטליכע פארלאנגען צו באפרידיגען, אדער זיך איבערגעבען דעם טויט אין די הענט אריין. ער האט אנגעצונדען דאס ליכט, זיך איינגעהילט אין מאנטעל, צוגעגאנגען צו דער טיר פון דעם קעניגס שלאפצימער און אנגעקלאפט מיטן שטעקעלע.

די טיר פון שלאפצימער האט זיך באלד אויפגעמאכט, און אן עלטערע פרוי, האט פון זיין האנט גענומען דאס ליכט און דאס אויסגעלאשען. ער האט אין דער פינסטער ארומגעטאפט ביז ער האט געפונען דאס בעט וואו די קעניגין איז געלעגען, ער איז אריין צו איהר, זי אין זיינע ארעמס אריינגענומען אהן א ווארט צו רעדען, און ער האט אויסגעפירט זיינס...

ווי שוועהר עס איז איהם אנגעקומען זי צו פארלאזען . . . דאך האט ער מורא געהאט לענגער צו פארבלייבען מיט איהר, דאמיט אז דאס ביסעל גליק וואס ער האט גענאסען זאל זיך ניט ענדיגען טרויעריג. ער האט אויך זיך ארויפגעכאפט דעם מאנטעל און זיך צוריקגעקעהרט אין דעם צימער וואו ער מיט נאך אנדערע קנעכט האבען געשלאפען.

איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אָוועקצולייגען, האָט זיך דער קעניג געלאָזט געהן צו דער קעניגינס שלאָפצימער . . . זי, די קעניגין, האָט זיך זעהר פאַרוואונדערט ווען דער קעניג איז צו איהר אַריין אין בעט . . . ער האָט זי פריינדליך באַגריסט, צו דער געלעגענהייט פון זיין פריינדליכען באַגריסען האָט די קעניגין געפּאַסט זיך מיט מוט און זי זאָגט: — אַך, מיין הער, וועלכע נייע באַנעהמונגען האָט איהר די נאַכט? . . . ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק זענט איהר פון מיר אַוועק, נאָכדעם ווי איהר האָט מעהר ווי געוועהנליך ביי מיר פאַרבראַכט . . . און איצט קומט איהר צוריק . . דענקט גוט איבער וואָס איהר טוט, עס קען נאָך שאַדען צו אייער געזונט . . .

ווען דער קעניג האָט דערהערט די ווערטער, איז ער געוואָרען זעהר איבערראַשט, ער האָט אָבער באַלד איינגעזעהן, אַז זיין ווייב די קעניגין איז פון עמיצען אָפּגענאַרט געוואָרען, דורך אַן ענליכקייט פון פּערזאָן און קליידער. אָבער אַלס אַ קלוגער מענש האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט קיין איין וואָרט ניט צו דערצעהלען, סיי דער קעניגין און סיי עמיצען אַנדערש. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיכער אַזוי ניט געהאַנדעלט, ער וואָלט מיט צאָרן געזוכט און נאָכגעפאָרשט — ווער איז דאָ געוועזן? ווי אַזוי איז ער אַהער געקומען? און עס וואָלט זיכער פון דער פּאַסירונג אַרויסגעקומען ניט קיין אָנגענעמע רעזולטאַטען. ער וואָלט דער קעניגין מיט דעם געטאָן זעהר אַ גרויסע אומרעכט, און אפשר וואָלט ער איהר מיט דעם געגעבען אַ ווייטערדיגע געלעגענהייט צו געניסען פון אַנדערע . . . ער האָט געשוויגען, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס קען איהם קיין נוצען ניט ברענגען, נור פאַרקעהרט, אַ גרויסע שאַנדע. האָט ער געענטפערט: — קעניגין, דענקט איהר אַז איך בין אַזאַ מאַן וועלכער איז אומשטאַנד נאָכאַמאָל צוריקצוקומען צו אייך, נאָכדעם ווי איך בין פריהער געוועזן מיט אייך? אויף דעם האָט די קעניגין געענטפערט: — יאָ, גנעדיגער הער! יעדענפאַלס בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט אייער געזונט פאַרשוינען. אויף דעם האָט דער קעניג צוריק געענטפערט: — מיר געפעלט זעהר אייער ראַט, אָבער

אייך ווייטער ניט צו באַלעסטיגען וועל איך צוריקגעהן אין מיין צימער.

פול מיט צאָרן איבער דעם וואָס עס איז געשעהן, האָט ער גענומען זיין מאַנטעל און פאַרלאָזט זיין שלאָפצימער. ער האָט ביי זיך באַלד באַשלאָסען, אַז ער מוז אויסגעפינען דעם יעניגען וואָס האָט געוואגט אַזאַ זאַך טאָן. עס קען ניט זיין קיין אַנדע־רער נאָר פון די וואָס געהערען דאָ אין הויז.

ער נעמט אַ לאַמטערן און לאָזט זיך גלייך צו דעם צימער וואו אַלע זיינע באַדינער זיינען געשלאָפען, מיט דעם געדאַנק, אַז דער יעניגער וואָס איז געוועזן מיט דער קעניגין מוז זיכער איצט זיין בלוט און אויך זיין פּולס נאָך ניט זיין באַרוהיגט פון דער אויפרעגונג . . .

שטילערהייט איז ער צוגעגאַנגען צו יעדען שלאָפענדען און געטאַפּט זיין ברוסט אויב דאָס האַרץ קלאַפּט נאָך שטאַרק. טראָצדעם וואָס אַלע זיינען געשלאָפען איז אָבער דער קנעכט וואָס איז געוועזן מיט דער קעניגין נאָך ניט איינגעשלאָפען, און ער זעהט ווי ער קומט. ער שטעלט זיך באַלד פאַר אין זיינע געדאַנקען וואָס דאָס קומען פון קעניג באַדייטעט, און זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען נאָך שטאַרקער אוים מורא, ווען דער קע־ניג זאָל אויסגעפינען וועט ער איהם זיכער טויטען. עס איז דורך זיין קאָפּ דורכגעפלויגען עטליכע פּלענער . . . ווען ער האָט אָבער דערזעהן אַז דער קעניג איז ניט באַוואָפענט האָט ער זיך נעמאַכט שלאָפענדיק אָבצוואַרטען און צו זעהן וואָס דער קעניג וועט טאָן.

נאָכדעם ווי דער קעניג איז צוגעקומען צו זיין געלעגער און ווען ער האָט דערפיהלט ווי זיין האַרץ שלאָגט שטאַרק, האָט ער ביי זיך געטראַכט — דער איז דאָס! — אָבער ניט וועלענדיג אַז עמיצער זאָל זיך פון דעם דערוויסען, נעמט ער ארויס אַ שעהרעל וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, און שעהרט איהם אָפּ אביסעל האָר פון זיין קאָפּ, דאמיט ער זאָל האָבען אַ צייכען און אַז ער זאָל איהם מאָרגען פריה דערקענען. דאַן איז דער קעניג צוריק אוועק אין זיין צימער.

דער קנעכט האָט באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער קעניג האָט איהם געמאכט א צייכען, שטעהט ער אויף פון זיין געלעגער, זוכט אוים א שעהר וואָס מען האָט באנוצט אין שטאַל צו די פערד, און שניידט אלע די וואָס זיינען געלעגען אין דעם צימער אָפּ די האָר, פונקט אזוי ווי דער קעניג האָט איהם אָפּגעשוירען, דאן האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין געלעגער.

דער קעניג האָט קוים זיך דערוואַרט אז עס זאָל ווערען טאָג, ער האָט גאַנץ פריה געגעבען א באַפעהל, אַז איידער די טויערען ווערען אויפגעמאכט פון שלאָס זאָלען אלע מענער באַדינטע און קנעכט קומען צו איהם. ווען אלע האָבען זיך פאַרזאַמעלט האָט דער קעניג געהייסען אז יעדער פון זיי זאָל ארונטערנעמען דאָס היטעל, ער האָט מיט זיינע אויגען געזוכט דעם יעניגען וואָס ער האָט איהם אָפּגעשוירען אביסעל האָר.

ווען דער קעניג האָט דערזעהן אז אַלע זיינען גלייך געשוירען, האָט ער זיך זעהר פאַרוואונדערט און ביי זיך געטראַכט — דעם וועלכען איך זוך, מעג ער זיין פון נידעריגסטען שטאַנד, צייגט זיך ארוים אז ער באַזיצט א סך שכל... ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אז ער וועט שוין דעם וואָס ער זוכט מעהר ניט געפינען. דאמיט אָבער אז יעדער זאָל פארשטעהן אַז דער קעניג ווייסט פון דער פּאַסירונג, האָט ער פאָלגענדע ווערטער געזאָגט: „איך בעט דעם יעניגען וואָס ער האָט דאָס געטאָן, אז אַזאַ זאַך זאָל מעהר ניט פּאַסירען״! אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט געפּרואווט צו זוכען און צו פאָרשען, און ווען ער וואָלט דעם געזוכטען געפינען, וואָלט זיכער ארויסגעקומען א גרויסער סקאַנדאַל, און אויך א גרויסע שאַנד פאַר דער קעניגען, ווייל זי איז דאָך אין דער אמת גאָרניט שולדיג געוועזן.

אַלע דינער האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס דער קעניג האָט געזאָגט די ווערטער.

דער קעניג אָבער אַלס קלוגער מענש, האָט דאָס געהיימנים ביי זיך געהאַלטען, אזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט.

ער האָט צייט, איהם אַרט ניט

חוצפה, מיין ליבער פריינד איז זעהר א גוטע זאך — זאָגט צו מיר א באַקאַנטער בוטשער — ווער עס באַזיצט חוצפה שטופט זיך איבעראַל דורך אפילו א איד מיט א פושקארט עפעל, שטופט זיך אויך דורך. א מענש מיט חוצפה רעכענט זיך ניט מיט יענעמס געפיהלען, מיט יושר, אַבי ער האָט פון דעם א הנאה.

— איך וויל אייך דערצעהלען א שעהן מעשה'לע — אָבער איהר מוזט דאָס אויסהערען מיט געדולד — זאָגט צו מיר דער באַקאַנטער.

איך האָב איהם פאַרזיכערט, אז איך וועל איהם אויסהערען. און ווען עס וועט זיין אינטערעסאַנט, וועל איך דאָס איבערגעבען אין דעם זשורנאַל „די שטימע".

און ער פאַנגט אָן:

לעצטע וואָך איז מיר אויסגעקומען צו פאָהרען מיט מיין אָטאָמאָביל דורך בעטגייט עוועניו אַרום 11 אזייגער בייטאָג, בשעת עס קאָכט און זידט מיט מענשען, אָטאָמאָבילס און טראָקס אין בעטגייט עוועניו. פוןביידע זייטען סיידוואָקס זיינען אָנגעשטעלט פושקארטס, אין מיטען סטריט צעהנדליגע אָטאָמאָבילס און שווערע טראָקס.

מיין מאשין איז אריין אין דעם גיהנום. איך האָב זיך פאַר־פלאָנטערט אין דער נעץ פון די מאַשינען. טאָמער איז נאָך געווען ווענין, איז פונקט פון פאָרענט פון מיין מאשין געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט א איד און געשטופט א פושקאַרט מיט עפעל.

שטופּט דאָס אידעל זיין פּושקארט און טרעט ניט אָפּ דעם וועג. איך אייל זיך וואָס שנעלער צו קומען אויף דריטע עוועניו, ווייל איך מוז זיין אין איסט סייד אין א שלאַכטהויז, אָבער איך קען ניט. דאָס אידעל מיט דער פּושקארט לאָזט ניט, די צובראָכענע פּושקארט פארהאַלט מיין מאשין.

— מיסטער, טרעט אָפּ דעם וועג. קעהרט זיך אָפּ אין אַ זייט — זאָג איך איהם.

ענטפערט ער ניט.

שריי איך: — מיסטער, טרעט אָפּ דעם וועג. איך פאַנג אָן צו בלאָזען דעם האָרן.

קוקט ער זיך אום, ווי ניט איהם מיינט מען דאָס, און שטופּט ווייטער דעם פּושקארט.

—— מיסטער! — נעם איך שרייען העכער — נעמט זיך אַביסעל אין אַ זייט, און לאָזט מיר דורך, ווייל איך האָב קיין צייט.

— האקט ניט קיין טשייניק, מיסטער! ענטפערט דאָס אידעל און טרעט ניט אָפּ.

ווער איך שוין נערוועז און רוף אוים הויך אויפ'ן קול:

— מיסטער, אויב איהר פארנעמט זיך ניט אין א זייט, וועל איך ארויפפאָהרען אויף אייך.

— וועמען ארט דאָס? — ענטפערט גלייכגילטיג דאָס קאַלטע אידעל און ער מאכט זיך ניט וויסענדיג.

איך לאָז די מאשין אביסעלע ניבער, און אָט טהוט די מאשין א לייכטען שטופּ דעם אידעל מיט דעם פּושקארט אין איינעם .. . דאָס אידעל נעהט זיך ווייטער זיין וועג רוהיג. ער קוקט זיך אפילו ניט אום . . .

דערלאַנג איך איהם אַביסעל אַ שטאַרקערן שטויס! דעם אידעל אַרט דאָס ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי. ווער איך שוין אין כעס און גיב איהם נאָך א שטאַרקערן שטויס, די פּושקארט האָט זיך אזש א טרייסעל געטאָן. דאָס אידעל האָט זיך גאַנץ רוהיג אומגעקוקט, גלייך ניט איהם מיינט מען און א זאָג געטאָן:

— מיסטער פליעז, האקט ניט קיין טשייניק . . . און דרעהט ניט קיין מח, און ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

בין איך שוין געוואָרען גוט אין כעס און איהם געגעבען א באלעבאטישען שטוים. האָט זיך דאָס אידעל אלץ ניט אָפּגע־רוקט אין א זייט, נאָר ער האָט אומגעדרעהט צו מיר דעם קאָפּ און א זאָג געטאָן, גאנץ גלייכגילטיג:

— איך פייף אויף אייער באָבע און איך האָב אייך טיעף טייער אין דער ערד.

און דער איד מיט'ן פושקארט עפּעל איז אלץ ניט ארונטער פון וועג. עס האָט ביי מיר גענומען א היפּש ביסעל צייט ביז איך האָב מיך פון דאָרט ארויסגעפּלאָנטערט ווי פון א גהנם.

פאַרקעהרטע כללים פאר עטיקעטע

די נאַטור האָט אונז מענשען געגעבען אַ געשאַנק. ווי מיאוס איינער זאָל ניט זיין, דאָך ליגט אין יעדען מענשען אַ שטי־קעל חן. ווען עמיצער האָט ניט קיין שעהנע אויגען, האָט ער דערפאַר אַ שעהנע נאָז, האָט ער גרויסע אויערן, האָט ער דער־פאַר שעהנע ציין, האָט ער שעהנע ליפען, האָט ער דערפאַר מיאוסע האָר. אַזוי ווי עס איז ניט פאַראַן פאָלקאָמענע שעהנ־הייט, אַזוי איז ניט פאַראַן פאָלקאָמענע מיאוסקייט.

אָבער ווען אַ מענש באַזיצט שעהנע מאַנירען, ווי דאָס ווערט גערופען „עטיקעטע", קענען די אַלע מיאוסקייטען פאַרדעקט ווערען.

ווען איהר וועט אָננעמען מיין ראַט, און נאָכפאָלגען די אַלע אויסגערעכענטע כללים, וועט איהר זיכער אויסנעמען סיי אין אַ געזעלשאַפט און סיי צווישען איינצעלנע.

ווען איהר טרעפט אַ פריינד, און איהר ווילט איהם באַגרי־סען, גיט איהם אַ קלאַפּ אין פּלייצע, אָדער אַ שטאָרך אין זייט.

ווען אַ פריינד וויל זיך פאַר אייך אויסריידען זיין ביטער האַרץ, באַמערקט איהם באַלד, אַז ער זאָל ניט האַקען קיין טשיי־ניק, און אויפהערען אייך צו נודיען.

ווען איהר ווילט מאַכען אייער פריינד גוט צו פיהלען, זאָגט איהם, אַז ער זעהט זעהר שלעכט אויס, אַ שעהנערען פון איהם ליגט מען אין דער ערד אריין.

ווען איהר קומט באַזוכען אַ קראַנקען פריינד, דערצעהלט איהם באַלד, אַז זיין דאָקטאָר טויג ניט, די מעדיצין איז גאָרניט ווערט. עס וועט איהם העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס און דאָס געלט וואָס ער גיט אויס פאַרן דאָקטאָר און מעדיצין איז אַרויסגע־

ווארפען. ביים אוועקגעהן ערקלעהרט איהם, אז איהר וועט איהם נאכאמאל באזוכען מיט פינף אדער זעקס וואכען שפעטער.

ווען איהר טרעפט זיך מיט א שונא צופעליג ביי אייערם א פריינט אין הויז, געהט באלד צו און זידעלט איהם גוט אן, און ווען ער ענטפערט ניט, שפייט איהם אן אין זיין פנים, וואס קענט איהר דא פארלירען?

ווען איהר קומט אריין אין א געזעלשאפט און איהר טרעפט דארט א באקאנטען וואס ער האט א צונאמען, האט איהר די בעסטע געלעגענהייט איהם צו רופען ביים צונאמען, איהר האט אויך א געלעגענהייט זיך צו אמוזירען אויף זיין חשבון.

ווען איהר האט געמאכט מיט עמיצען אן אפוינטמענט, קוטמ מיט א שטונדע שפעטער, דאס וועט זיין ביי איהם זעהר אנגעלעגט.

ווען איהר האט זיך נאר וואס באקאנט מיט עמיצען, און ער האט אייך געזאגט זיין ערשטען און צווייטען נאמען, רופט איהם בלויז ביים ערשטען נאמען, ער וועט זיך זיכער פיהלען זעהר היימיש מיט אייך. איהר קענט איהם אדער איהר, באלד פרעגען ווי אלט? איבערהויפט א פרוי גלייכט דאס זעהר.

ווען איהר ווילט יענעם עפעס זאגען, באנוצט די ווערטער, העי, ליסען, גרויסער פארדינער, קנאקער. אבער איהר מוזט איהם רופען הויך, אז יענער זאל באלד דערהערען.

ווען איהר רעדט צו יענעם, האלט איהם צו ביים לאץ, און ווען יענער האט ניט קיין געדולד אייך אויסצוהערען, כאפט איהם אן פאר א באטן, איהר וועט דאן זיכער זיין, אז ער וועט ניט אנטלויפען פון אייך.

ווען איהר זיצט צווישען מענשען, און איהר האט פארגעסען אדער קיין צייט ניט געהאט אין דערהיים זיך אויסצורייניגען די נעגעל, אויסדריבלען די אויערן, אויסשטעכען די ציין, אדער אויסרייניגען די נאז, טוט דאס דארט, איהר דארפט זיך גארניט שעהמען.

ווען איהר רעדט מיט יענעם, לאזט ניט רוהען אייערע הענט, אייערעביידע הענט דארפען ארבייטען ווי א ווינטמיל. אין

ווינטער ווען עס איז שטארק קאַלט, קענט איהר רעדען בלויז מיט איין האַנט. ווען מענשען דעבאטירען, איז זעהר ווינשעסווערט, אַז איהר זאָלט זיך אריינמישען מיט די ווערטער: איהר זענט אַ גרויסער ליגנער! עס איז ניט אַזוי ווי אהר זאָגט! עס אז ניט ריכטיג!

ווען איהר פאַרמאָגט נראָבע ציגישע רייד, אָדער „בלומען ווערטער", איבערהויפּט אין דער געגענוואַרט פון פרויען, נוצט זיי אויס. איהר האָט די בעסטע געלעגענהייט, ווייל נאָכאַלעם וואָס וועט איהר זיך מיט זיי האַלטען, זיי קענען ביי אייך נאָך חלילה פאַרשימעלט ווערען. ווען איהר הערט גראָבע ציגישע רייד, רוקט זיך צו אַביסעל נעהנטער צום דערצעהלער, און ווען עס זיצען דערביי פרויען און זיי האָבען זיך ניט איינגעהערט, אָדער זיך געמאַכט ניט הערענדיג, חזר'ט דאָס איבער, אָבער פאַר־פעהלט ניט קיין וואָרט.

ווען איהר רעדט צו עמיצען, שרייט, אַז מען זאָל אייך הערן וויינגסטענס פאַר אַ האַלבען בלאָק, אפשר איז יענער טויב. עס איז ראַטזאַם צו שרייען אויך ביי אייך אין דערהיים.

ווען איהר לאַכט, לאַכט הויך, האַלט זיך צו מיט ביידע הענט ביים בויך, אָדער ביי די זייטען. עפענט אויף אייער מויל אין גאַנצען און קרימט אויס דאָס פּנים.

ווען איהר האָט איבערגעלעזען אַ בוך, צי איהר האָט דאָס פאַרשטאַנען אָדער ניט, דאַרף יענער ניט וויסען. ניט צו פיהלען, אַז איהר זענט אַ מענש פול מיט וויסענשאַפט, אַ געבלידעטער אין ליטעראַטור, קולטור, דעמאָלט וועט יענער זיין אונטערן איינ־דרוק, אַז איהר זענט ניט פון די פּראָסטע מענשלעך.

טרייעט אימער צו דערצעהלען אַזעלכע זאַכען וואָס איז ניט געשטויגען און געפלויגען, מיט דעם וועט איהר אויסנעמען צווי־שען מענשען. יעדער וועט האָבען זעהר אַ גוטע מיינונג וועגען אייך. געדענקט וואָס דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ האָט גע־זאָגט: קיין זאַך איז ניט אַזוי גוט אויסצוהערען ווי אַ גוטען ליגען.

ווען איהר קומט אריין צו יענעם אין הויז און די טיר איז געווען צוגעמאכט, דארפט איהר זי עפענען, און לאָזען ברייט אָפען. ווען די טיר איז געווען אָפען, דארפט איהר זי צומאכען מיט אזא טראסק, אז יעדער זאָל הערען אז איהר זענט שוין דאָ. די ערשטע ווערטער דארפט איהר פרעגען, וואָס איז ביי אייך אזוי פינסטער אין די רומס?

ווען איהר זענט געלאדען צו עמיצען פאר סאפער, האָט אין זינען אָפצוהיטען די עטיק ביים עסען, און די עטיק דארף זיין, אזוי ווי איהר קומט נאָר אריין, פרעגט באלד די באַלעבאָסטע וואָס זי האָט עפּעס גוטעס צוגעגרייט. ווען מען זעצט זיך צום טיש עסען, זעהט זיך אריבערצוכאפּען צו דעם אויבען אָן, עס מאכט ניט אויס, איהר זענט דאָך עפּעס א געלאדענער גאסט, קומט אייך זיכער דער אויבען אָן. ווען עס ליגט א נעפּקין, שטעקט דאָס אריין אין קאָלנער, אָדער אין קנאָפּ פון ראָק, מיט דעם וועט איהר פארהיטען אייער ראָק, אז ער זאָל ניט פארפלעקט ווערען. ווען מען דערלאנגט אייך פאָרשפּייז וואָס מען דארף דאָס עסען מיט ברויט, קלייבט באלד אויס עטלאכע שטיקלאך ברויט מיט אמאָל און לייגט זיי אוועק נעבען אייך, מיט דעם וועט איהר זיך ניט דארפען באדערן צו נעמען אלעמאָל אן אנדער שטיקעל. ביים ענדע פון פאָרשפּייז, ווישט אויס דעם טעלער מיטן ברויט.

זופּ זאָלט איהר גוט אויסבלאָזען, שעהמט אייך ניט וואָס יענער וועט מיינען אז איהר פּייפט, איהר זיינט ניט מחויב זיך אָפּצובריהען.

פליש עסט מיט די הענט, ווייל עס איז געשמאקער. ווען איהר דארפט עפּעס צוזאלצען, שאָקעלט אויס פון זאלצמעסטעל אביסעל זאלץ אויף דער האנט און לייגט דאָס אוועק נעבען אייך אויפן טיש, פון דאָרט נעמט דאָס זאלץ מיט צוויי פינגער אזוי ווי א שמעק־טאבאק, און באזאלצט וואָס איהר דארפט. עסט שנעל, און קייעט גרויסע ביסענס, וועט איהר פריהער פארטיג ווערען. צו וואָס זאָלט איהר זיך לאנג באדערען? צווישען איין שפּייז און דער צווייטער זינגט אָדער פּייפט עפּעס א באַ־

קאַנטען סאָנג, און קלאַפּט צו צום טאַקט מיט אַ לעפעל אָדער גאָפּעל. פאַרגעסט ניט אויפצולאָזען דעם רימען פון די הויזען.

ווען מען דערלאַנג וועדזשעטייבעלס, ווי קאַרטאָפעל, גרינע אַרבעס, בוריקעס, פּיקעלס, עסט דאָס מיט אַ לעפעל. פון גע־קאָכטע פלוימען, נעמט אַרויס די ביינדלאַך מיט די הענט פון מויל און לייגט זיי אויפן טישטוך. טיי אָדער קאָפע, זאָלט איהר טרינקען פון אַ טעלערל, פאַרגעסט ניט צו צובייסען צוקער.

ווען איהר זענט פאַרטיג מיטן עסען, הויבט זיך שנעל אויף פון טיש און זאָגט דער באַלעבאָסטע, אַז איהר האָט זעהר הנאה געהאַט פון איהר עסען, נאָר ווען זי וואָלט געגעבען נאָך עפּעס אַ שפּייז וואָלט אַ סך בעסער געווען. דאָס צווייטע מאָל זאָל זי ניט קאַרגען און דערלאַנגען נאָך עפּעס צום טיש, פרעגט זי גלייכצייטיג ווען איהר זאָלט קומען אַ צווייטען מאָל צו סאַפּער. איהר קענט זיכער זיין אַז קיין פּאַטש וועט זי אייך דערפאַר ניט געבען.

ווען איהר געהט אַריין אין אַ רעסטאָראַן, וואו איהר דאַרפט זיך אַליין באַדינען, נעמט באַלד צוויי טשעקס, אויף איין טשעק נעמט עפּעס פאַר 10 סענט, און אויף דעם צווייטען קענט איהר עסען וויפיל אייער אַפּעטיט דינט אייך, אפילו פאַר אַ דאָלאַר. ביים אַרויסגעהן זייט אָבער פאָרזיכטיג אַז איהר זאָלט ניט מאַכען קיין מיסטייק, דערלאַנג און באַצאָלט פאַר דעם צעהן סענטיגען טשעק. ווען אייך איז ניט געלונגען צו נעמען קיין צוויי טשעקס, זעצט אייך אַוועק ביי אַ טיש וואו עס זיצען נאָך מענשען, טרייעט צו פאַרבייטען אייער טשעק אויף יענעמס. למשל, ווען איהר האָט אָפּגעגעסען פאַר 60 סענט, און איהר זעהט ביי יענעם אַ 15 סענטיגען טשעק, דעמאָלט בייט איהם איבער. ווען יענער כאַפּט זיך, ערקלערט איהם אַז איהר האָט געמאַכט אַ מיסטייק. עס איז ניט געפעהרליך, עס טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען.

ווען איהר געהט צו אַ קאָנצערט, אָדער אין טעאַטער, וואַרט צו ביז אַלע זיינען שוין אַריינגעגאַנגען, דאַן געהט צו צו דער קאַסע, און הויבט זיך אָן דינגען. אַמאָל קענט איהר עפּעס אָפּדינגען. טרייעט, יאָ, יאָ, ניין, ניין. קויפט דעם ביליגסטען

טיקעט און פארנעמט דעם בעסטען לייזיגען ארט. ווען דער אשער קומט צו אייך צו און הייסט אייך צייגען אייער בילעט, מאכט זיך ניט וויסענדיג, זאל זיך איהם אויסדאכטען אז איהר זענט טויב. שרייען וועט ער ניט אויף אייך, ווייל ער וועט ניט וועלען שטערן די פארשטעלונג. דעם העט דארפט איהר ניט ארונטערנעמען סיידען מען וועט אייך הייסען. פארגעסט אויך ניט מיטצונעמען עפעס א גוטען לייכטען ביסען אייער הארץ צו דערקוויקען.

פאַרקערטע כללים פאַר בוטשער סטאָרס

ווען א בוטשער וויל זיך איינברענגען אומזיסטיגע קאָפּ־דרעהעניש און ניט האָבען קיין זאָרגען צו באַצאָלען רענט, בילס פאַר פלייש, פאָולטרי און אנדערע נויטיגע זאכען, דאַרף ער אָפּ־היטען פאָלגענדע כללים:

מאַכט אויף אייער בוטשער סטאָר ניט פריהער ווי 9 אזייגער אין דער פריה. די קאָסטאָמערס קומען ערשט סיי ווי סיי ארום דער צייט. איהר קענט זיי ניט בלעימען. זיי דאַרפען אוועקשיקען זייערע קינדער אין סקוהל. און די קאָסטאָמערס וואָס האָבען ניט וועמען צו שיקען אין סקול, שלאָפען דאָך שפּעט. איהר האָט זיך ניט וואָס צו איילען.

באַלד ווי איהר קומט אריין אין סטאָר, נעמט א צייטונג לעזען, א מענש מוז דאָך וויסען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ווען איהר זייט פאַרטיג געוואָרען מיט דער צייטונג, קעהרט אויס די סטאָר און לאָזט ליגען די מיסט אין א ווינקעל ביי דער טיר. די קאָסטאָמערס וועלען דאָס שוין אַרויסשאַרען מיט די פיס.

ווען אייער סיידוואָק אין פראָנט פון סטאָר איז אָנגעוואָרפען מיט פייפּער, שמוץ אָדער שניי, דאַרפט איהר זיך ניט באַמיהען. אייער נעקסטדאָריקער וועט דאָס שוין פאַר אייך טאָן.

הינטער דעם קאָנטער וואַרפט אָן פעטס אזוי, אז די פלאָרס זאָל זיין גליטשיג, כדי איהר זאָלט זיך קענען געבען א גליטש ביז׳ן אייזבאָקס, וועט איהר ניט דאַרפען פאַרמאַטערט ווערען לויפענדיג אהין און צוריק.

די ווינדאָו זאָלט איהר אויסהענגען מיט אדווערטייזמענטס פון טעאַטער, שוי־קאַרדס פון מואָווינג פּיקטשורס, טו־לעטס פאַר

רומס, אַלץ נאָר ניט קיין פליישׁ. ווייל איהר וועט פארשפּאָרען זיך באַדערען מיט קלינען.

די טיר פון סטאָר זאָלט איהר האַלטען צוגעמאַכט, כדי קיין פליגען זאָלען ניט אַריינקומען. איהר זאָלט זעהן, אַז די טיר זאָל זיך אויפמאַכען שווער. זאָלען די קאָסטאָמערס פיהלען אַ עס קומט ניט אָן אַזוי גרינג צו קויפען פליישׁ. עס וועט ביי זיי זיין זעהר חשוב.

דעם סילינג, די ווענט, דעם טאָפּ פון אייזבאָקס, די פיקס־טשורס און די רייליגגס איז געגוג אָפּצואַווישען איינמאָל אין דריי מאָנאַטען. זאָלען די נייע קאָסטאָמערס וואָס האָבען ערשט אַריינ־געמופט אין דער געגענט מיינען אַז אייער סטאָר איז זעהר אַן אַלטע. אַ סך קאָסטאָמערס זיינען אונטערן איינדרוק אַז אין אַן אַלטער סטאָר איז דאָס פליישׁ כשר'ער ווי אין אַ נייער

די שוי־קייסעס, די סקיילס, די טשאַפּינג מאַשין, די זעגען, דעם טשאָפּער און די מעסערס איז ניט נויטיג צו רייניגען אַלע־מאָל, זיי ווערען סיי ווי סיי פאַרשמירט.

איהר אַליין דאַרפט זיך ניט שיוועץ, ווייל די פרומע קאָס־טאָמערס וואָס זוכען כשרות גלייכען אַ בוטשער מיט אַ באָרד. און איהר וועט דערווייל איינשפּאָרען געלט פאַרן באַרבער.

אויפן קאָפּ טראָגט עפּעס אַן אַלטע קעפּ וואָס איהר האָט איהר שוין אַ פּאָר יאָהר. די קאָסטאָמערס האָבען אַ טבע ווען זיי זעהען אויף אַ בוטשער אַ נייע זאַך, דענקען זיי אַז ער איז רייך געוואָרען פון זייער געלט.

ווען איהר קענט זיך אויסדרעהען און ניט באַצאָהלען דעם לענדלאָרד קיין רענט, טוט עס, זעהט ביי איהם אַריינצוכאַפּען כאָטש פאַר אַ האַלב יאָהר, נישקשה איהר וועט ניט האָבען קיין גרויסע עברה. אויב איהר טוט דאָס ניט, טוען דאָס אַנדערע. ווען איהר וועט האַלטען ביים כאַפּען, כאַפּט שוין אַריין אין איין וועג אַ פּאָר שטיקלאַך פליישׁ אין קעלבער, לעמב, אַ פּאָר זעקלאַך טשיקען, אפילו ווען איהר האָט געלט צו באַצאָהלען, זאָלט איהר דאָס ניט טאָן, דען וויפיל איהר וועט אַריינכאַפּען וועט זיין ווי געפונען.

אַז איהר וועט אָפּהיטען די אַלע אויסגערעכענטע כּללים, גאַראַנטירען מיר אייך אַז איהר וועט זיך איינשפּאָרען קאָפּ־דרע־העניש און באַדערניש מיט אַ בוטשער סטאָר. און עס וועט זיין אָך און וועה צו אייך.

סעמועל יאַקאָבי

לידער

■

ניו־יאָרק — 1937

אונזערע קאַסטימער

צופרידענשטעלען זיינע קאַסטימער
יעדער בוטשער וויל זיכער,
זיי אָבער ציהען ארויס די נשמה:
גיט וואָס שנעלער, גיכער.

די וויל קאַלבספלייש, ווייס ווי שניי,
יענער, — גיט נאָר געלע לעבער,
ווען איהר זאָגט, איהר האָט ניט,
סטראַשען זיי מיט אייער נעיבאָר . . .

גיט זיי פולעטס, בראָילערס גוטע,
גיט זיי הענס אפילו לעגהאָרן,
גיט זיי האַלב אומזיסט, האַלט
איין אייער וועהטאָג, אייער צאָרן . . .

קאַלירטע פאָולס, בעסטע טשיקענס,
קאַטשקעס מיט פעדערן ווייסע,
גענז לייכטע, אָבער פעטע,
פריש געשאָכטען און הייסע.

מיטעל־טשאַק זעהר ווייכע,
פוירסט קאַט ברוסט א סך,
גיט זיי וואַלוועל, כאַטש נעם
און די סטאָר פארמאַך.

טאָמער פרעגט איהר, אויב
זיי ווילען ווייבע קניה,
דאָס? זאָל גאָט היטען, עס גיט
ביי דער נשמה אַ ציה . . .

צו אַלע צרות און מאַטערניש
קומען מענשען מיט גלאַטע צינגלאך,
און רעדען איין די ווייבער, אז הינער
דאַרפען האָבען בלעכערנע רינגלאך . . .

אַזוי דאַרף מען אויסשטעהן
קאַפריזען פון יעדער פרוי,
מען דאַרף צו זיי האָבען כוחות
פון אַ געזונטען גוי.

פראָטעסטיר

ביסט נאָך אַלץ אַזוי פאַרשקלאַפּט
מיט דעם טשאַפּער, מיט דער זעג.
וואָס שווייגסטו, ברודער בוטשער,
אין דעם יאָך פון דיינע טעג ?!

פראָטעסטיר!

עס דרעמלט ניט דיין שונא,
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט:
א נעץ פאַר דיר ער פלעכט, —
שטעה אויף און צייג דיין מאַכט!

פראָטעסטיר!

פאַרשטעלט און אין דער פינסטער,
קייטען שמידט ער פאַר דיינע הענט, —
שוויג ניט ברודער, וועהר זיך,
דו האָסט דיין שונא שוין דערקענט!

פראָטעסטיר!

נאָבעלע פרויען

א יישר כח די אָקזילערים פון ניו יאָרק,
א דאַנק צו יעדער פרוי באַזונדער —
אַראָפּגענומען דעם בוטשערס זאָרג,
אין לעצטען קאַמף באַוויזען וואונדער!
נאָבעלע פרויען!
זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין מאַכט,
געקעמפט מיט די מענער אינאיינעם,
די פאַררעטער געהיט טאָג ווי נאַכט
און זיך ניט געשראָקען פאַר קיינעם!
נאָבעלע פרויען!
איהר האָט געצייגט, אַז אין אַ נויט
קענט איהר מיטהעלפען גאָר אַ סך:
ניט דערלאָזט צוצונעמען דאָס ברויט,
מוטיגע פרויען פון בוטשער פאַך!
נאָבעלע פרויען!
אויפבליהען זאָל דער מאַי פון לעבען,
שוין צייט צו האָבען בעסערע טעג.
נענוג אייערע כוחות אוועקגעגעבען
אין סטאָר, מיטן טשאָפּער און זעג!
נאָבעלע פרויען!
שאַפט מעהר אָקזילערים פון פרויען
פון אַ גרינגען לעבען וועט איהר וויסען.
העלפט אַ בעסערע צוקונפט בויען
און ניט זיין פון הויז אָפּגעריסען!
נאָבעלע פרויען!

פייגעלאַך צוויי

(געווידמעט מר. און מרס. פאָסטער)

איך האָב געזעהן צוויי פייגעלאַך
אין צוויי באַזונדערע שטייגעלאַך
שפּרינגען זיי אַרום אַזוי מונטער
פון פריה ביז די זון געהט אונטער.
זיי זינגען באַלד אין פריהמאָרגען,
ניטאָ ביי זיי קיין זאָרגען.
דאָס הויז איז פול מיט געזאַנג פון זיי
פון די פייגעלאַך צוויי.

זיי זאָרגען ניט פאַר רענט,
עס קאָסט זיי ניט קיין סענט.
איך טראַכט, ווי גליקלאַך איהר זייט,
איהר ווייסט ניט פון אַ שלעכטער צייט.
זיי ווערען יעדען טאָג מיט אַלץ באַזאָרגט,
זיי ווייסען ניט וואו מען לייעט און באָרגט.
ניט איין מאָל בין איך מקנא זיי
די גליקלאַכע פייגעלאַך צוויי.

זיי שפּרינגען אַרום אַהער און אַהין
לוסטיג, וואָס דען זאָלען זיי טאָן?
זיי ווייסען ניט אַז די באַלעבאַטים זייערע
לעבען איצט דורך אַ צייט אַ שווערע.

נעהאַט אַמאָל בעסערע צייטען
פּונקט ווי ביי אַנדערע לייטען.
די האָפנונג דאַרפען ניט פאַרלירען זיי,
זאָרגט ניט ווי די פייגעלאַך צוויי.

דאָך קנאה איז אויך פאַראַן ביי פייגעל.
אַט וויל איינע פאַרכאַפּען יענעמס שטיינגעל,
דענקט עס וועט איהם זיין בעסער דאָרט,
אפשר מעהר עסען, אַ גרעסער אָרט.
פּונקט ווי ביי מענשען איז אויך ביי זיי
ביי די פייגעלאַך צוויי.

עס איז כדאי צו דערמאָנען
פאַרוואָס קנאה איז ביי זיי אַנטשטאַנען,
פאַרוואָס דעה שלום איז ביי זיי צושטערט.
די באַלעבאָסטע האָט מיר דערקלעהרט:
דער עלטערער איז שוין דאָרט לאַנג
איז ער דערפאַר אַ גאַנצער מיוחס,
דער איינגערער פאַרבלאָנדזשעט, קומט
ערגעץ פון אַלדע רוחות.
דעם מיוחס האָט מען געקויפט,
דער צווייטער אַ טרעמפּ פון גאַס,
דערפאַר אַט טראָגט איינער
אויפ׳ן צווייטען אזא האַס.
חוצפה אָבער האָט דער נייער,
אַ ברען אַן אויסוואורף, אַ פּייער.
זייט דעמאָלט האָט זיך דער קריג
אָנגעהויבען ביי זיי,
ביי די פייגעלאַך צוויי.

יעדעס מאָל ווען מען לאָזט
זיי פון די שטייגעלאַך אַרויס,
זוכט דער טרעמפּ זיך אַריינצוכאַפּען
צו דעם מיוחס אין הויז.
ער פליהט אַזוי ביי יענעמס
שטייגעל אַהין און צוריק.
ווען ער קומט שוין צו נאָהענט
גיט יענער אויף איהם אַ קוק,
דער מיוחס ווייסט וואָס יענער
מיינט, ער פאַרשטעהט באַלד,
פליהט ער אַרום געלאַסען,
שטיל און אַזוי קאַלט.
שטעלט זיך אַוועק ביי יענעמס טיר,
שטעהט און גיט זיך ניט קיין ריהר.
דער טרעמפּ פליהט זיך אַזוי אין אַ זייט
וויל אָפּציהען זיין אויפמערקזאַמקייט.
און אַזוי אָפּצונאַרען זוכען זיי
די פייגעלאַך צוויי.

קאָרטען פאַר צייט פאַרטרייב

מען שפּילט אין קאָרטען, מען וועט,
דאָס שפּילען ציהט ווי א מאַגנעט,
מען מישט אהער און אהין,
עס געהט אזוי ווי א מאַשין.

מען רעדט, מען דיעלט,
מען שרייט, מען שפּילט.
נאָך גיט געענדיגט איין קאָן,
מישען הויבט אנאַנדערער אָן.
עס שפּילען מאַן און ווייב
בלויז פאַר צייט פאַרטרייב.

אָט נעמט איינער קאָרטען צוויי
הייסט זיך יענער געבען דריי,
א דריטער נעמט גאָר א „טאַפּ",
גיט שוין אין האַרץ א קלאַפּ.
דער וואָס האָט געוואונען דעם קאָן,
ארויסגעריסען ביי יענעם א צאָהן.
און מען גיט אָן ארגומענט דעם ווייב,
אזוי שפּילט מען פאַר צייט פאַרטרייב.

נאָך יעדען אָפּשפּילען א קאָן
פאַנגט עמיצער צו ריידען אָן:
שפּילען דאַרף מען מיט טאַלאַנט,
גוטע קאָרטען געהאַט אין האַנט,

אָבער געשפּילט ווי אַ גוי,
איך וואָלט געשפּילט גאָר אַזוי.
מען גיט אַ קיבעץ און אַ רייב
און דאָס איז צייט־פאַרטרייב.

עס שפּילען מענער און דאַמען.
די באַקען ביי יעדען פלאַמען.
אָט שטעלט מען גאָר אַ „קידי" איין
דער געווינער קריצט מיט די ציין.
זוכט מען שוין מיט אַ „באָק" גליקען
אפשר וועט גאָט אַ גוטע קאָרט שיקען.
געווינט דער מאַן, פאַרשפּילט די ווייב.
מען שפּילט פאַר צייט פאַרטרייב.

מען רעדט צוזאַמען, מען רעדט באַזונדער,
אַז מען ווערט ניט טויב איז אַ וואונדער.
וואָס פאַר אַ כישוף, וואָס פאַר אַ מאַכט
ליגט אין די קאָרטען, איך מיר טראַכט.
אין שפּילען איז מען אַזוי פאַרברענט,
איינער דעם צווייטען ניט דערקענט.
מען גיט נאָך אַ שטאָך אין זייט
אַזוי פאַרטרייבט מען די צייט.

ווען עמיצער זאָגט, אַז שפּילען איז אַ פאַרגעניגען
זאָגט איהם, זייט אַזוי גוט, אַז דאָס איז אַ ליגען.
אַנו פּרואווט צו זאָגען יענעם אין די אויגען
ער קען ניט שפּילען, ווערט ער אָנגעצויגען,
פאַר כעס גיט ער אַ ברום ווי אַ בייזער לייב,
דאָס הייסט געשפּילט פאַר צייט פאַרטרייב.

דאַרווין איז גערעכט

אין אַ סאָבוויי סטיישאָן איך וואַרט,
עס קומט אַ טריין, מען ווערט אַריינגעשפּאַרט —
אַזוי ווי סאַרדינען, אַ סך מענשען צונויפגעדריקט,
די לופט קיצעלט אין נאָז, אין האַלז שטיקט.

איינגעהויקערט זיצט אַן אַלטער אַרום אַכציג יאָהר,
אַ קליינטשיקער, מיט ווייסע קאַלטענעוואַטע האָר.
זיין פּנים מיט קנייטשען ווי אַ טרוקענע פלוים,
וואַסערדיגע אויגען וואָס עפענען זיך קוים.

די ליפּען בלוי, קייעט טשואינג גאָם ווי אַ יונגער באָי,
די טריין שטעלט זיך אָפּ, אַריין קומט אַ שעהנע פרוי.
דער אַלטער הויבט זיך אויף, נעהמט זיין העט אַראָפּ,
מעשה דזשענטעלמאַן, פון זיין קאַלטענעוואַטען קאָפּ.

ער גיט זיך אַ נויג מיט אַ כיטרען שמייכעל אַזוי זיס,
גיט איהר זיין סיט, קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס —
אַן אַלטער נאַר — מורמעל איך אין דער שטיל אַרויס, —
אַי, ווען איך קען, וואָלט איך איהם געגעבען אַ שטויס.

איך באַטראַכט זי. אויגען בלויע, און אַזוי קלאָהר,
אַ קאָפּ מיט געדיכטע ליכטיגע בלאָנדע האָר,
איהרע באָסען, דער האַלז ווי געפּאַלענער שניי,
און אַ פּאָר ליפּען ווי רויזען, רויזען צוויי.

צוויי שורעם מיט פּערעלדיגע געדיכטע ציין,
אַפּאַר צאַרטע הענטלאַך, וויים און אַזוי קליין,
די פינגער ווי פון עלעפאַנטען ביין אויסגעשניצט,
נעגעל רויטע געפאַלעשט און שאַרף פאַרשפּיצט.

ער שטעהט נעבען איהר אַראָפּגענומען זיין העט,
ביידע קייען טשואינג גאַם ווי אין אַ געוועט.
איך טראַכט, אַז דאַרווינס טעאָריע איז ניט שלעכט,
אַז מיר שטאַמען פון מאַלפּעס, געוועזן איז ער גערעכט.

וואָס איך האָב געזעהן צווישען די בערג

צווישען די בערג האָב איך געזעהן
ווי די זון געהט אויף און פאַרגעהט
און ווי מיליאָנען שטערן שיינען ווי בריליאַנטען,
ווען איהר קוקט אויפן הימעל אין אָוונט שפעט.

איך האָב געזעהן ווי דער הימעל טרינקט
זיך אָן מיט דער פרישער מאָרגען טוי,
און ווי די וואָלקענס קומען אַרוים פון
אונטער די בערג. וואונדערליך אזוי.

איך האָב געזעהן גרויסע שטורעמס
באַגלייט מיט דונערען און בליצען,
אַלץ וואָס לעבט דאָרט, זוכט זיך
פון דעם שטורעם צו באַשיצען.

איך האָב געהערט וואסערען רוישען,
אַזוי ווי זיי וואָלטען הויך געשריגען,
און ווען איהר האָט זיך איינגעהערט,
געדאַכט האָט זיך, אַז זיי זיך קריגען.

איך האָב געזעהן שמעטערלינגען
מיט וואונדערבאַרע שעהנע קאָלירען
וואו קיין מאהלער איז ניט אימשטאַנד
מיט פאַרבען אַזעלכעס אויסצופיהרען.

איך האָב געזעהן פאַרשידענע בלומען,
אויף די וואָס זיינען בייטאָג אָפען,
און ווען עס קומט דער אָוונט, פאַרמאַכען
זיי זיך און געהען שלאָפען.

איך האָב געזעהן א סך פליגלאַך,
וואָס לייכטען מיט עלעקטרישע שטראַהלען
און איך האָב אויך געזעהן אויבסט
פון די ביימער אליין אראָפפאַלען.

איך האָב געזעהן אָקסען, קיה און פערד,
ווי זיי עסען מיט אַן אַפּעטיט פרישע גראָז,
איך האָב געזעהן אָפּגעשטאָרבענע ביימער,
אַז זיי זיינען טויט, ווייסט איהר פאַרוואָס?
ווייל אַלצדינג וואָס די נאַטור באַשאַפט,
האָט איהר אָנפאַנג און איהר ענד,
פּונקט ווי יעדע זאַך וואָס עס לעבט,
און ווערט ניט באַשאַפען מיט די הענט.

— — — — — — — — — —

איך האָב געזעהן פעטע ווייבער
מיט פּלייצעס אויפגעדעקטע,
אויף מענער האַלב נאַקעטע
מיט געדיכטע האָר באַדעקטע.

איך האָב געזעהן ליבעס פּאָרלאַך
אין דער פינסטער שפּאַצירען,
און ווי זיי שטרעבען צו זיין
אונטער פאַרמאַכטע טירען . . .

איך האָב געזעהן, ווי פּאָרלאַך האַלטען
זיך אַרומגענומען מיט צערטליכקייטען,
און שפּעטער האָב איך באַמערקט,
זיצען זיי שוין ביידע פון דער וויטען . . .

איך האָב געזעהן, ווי ווייבער פּוצען זיך
און ווי זיי פלאַמען און זיך ראַשען.
זיי ערוואַרטען אודאי זייערע מענער,
זיי ווילען פון זיי עפּעס נאַשען . . .

איך האָב געזעהן, ווי זייערע אויגען
גלאַנצען און ברענען פון ליבע,
באַלד אויף מאָרגען, אַוועק דער פייער
זיי זיצען שוין קאַלט און טריבע...

איך האָב געזעהן עלטערע מענשען,
וואָס האָבען אין זיך נאָך לעבען.
נאָך אַ לאַסטשע און נאָך אַ גלעט
איז זייער גאַנץ שטרעבען . . .

נאָך אַ זאַך האָב איך געזעהן,
איך האָב שיער ניט פאַרגעסען,
ווי אַלטע מיידלאַך זוכען באַשערטע,
ווייל זיי זיינען שוין פאַרזעסען . . .

צווישען די בערג האָב איך דאָס
אַלץ געזעהן און געהערט,
געטראַכט האָב איך, אַז דאָס לעבען
האָט דאָרט נאָך עפּעס אַ ווערט.

ווען איהר שטרענגט אָן אייערע בליקען
קענט איהר אויך דאָס אַלץ זעהן,
אַזוי שנעל אָבער ווי איהר קוט צוריק
פאַרגעסט איהר וואָס דאָרט איז געווען.

ביים טייכעלע דאָרט

עס איז לעבעדיג און לוסטיג ווען די זון שיינט,
עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל,
אין בראָנקס פּארק ביי די שיפעלעך איז פונקט
ווי אין אַ אידיש געסעל.

איהר זעהט פארשיעדענע אידען דאָרט.
בערד אָהן אידען. אידען אָהן בערד.
זיי ריידען פון שוהלען, חזנים און פון דער
צייט וואָס איז איצט אין דער ערד.
זייערע רייד קלעפּען זיך ניט אַ וואָרט
ביים טייכעלע דאָרט.

אין אַ ווינקעל זיצען עלטערע ווייבער,
זיי ריידען פון די יונגע יאָהרען.
אמאָל געסמאַליעט אַ וועלט. און איצט
וואָס איז פון זיי געוואָרען?
אי, בענקען זיי נאָך אַ פארבאָרגען אָרט
ביים טייכעלע דאָרט.

אָט שטעהט אַ חבר און דערצעהלט וואונדער
פון סאָוועטן לאַנד, אַלץ איז דאָרט שעהן.
ער איז מקנא יענע מענשען, זייער לעבען,
כאָטש ער איז דאָרט ניט געוועזן.

ווען איהר פרעגט איהם, פאַרוואָס ער
פאָהרט ניט אהין. — אזא גוט אָרט, —
ענטפערט ער, — מיר איז גוט
ביים טייכעלע דאָרט.

שיפלאַך ליגען צוגעבונדען איינער צום צווייטען,
אויפצונעמען מענשען זיינען זיי גרייט,
ווארטען אויף פאַרליבטע פּאָרלאַך, צו שווימען
מיט זיי אין דער לענג און אין דער ברייט.
אָך, ווען זיי קענען ריידען, דערצעהלט וואָלטען
זיי סודות פון א פאַרבאָרגען אָרט,
וואָס זיי הערען זיך צו.
ביים טייכעלע דאָרט.

אין א זייט שטעהען אָפגעזונדערט שיפלאַך,
אזוי ווי זיי וואָלטען געווען געפאַנגענע,
זיינען זיי מיד? קראַנק? אָדער אפשר
איז זייער ארבייט שוין א פאַרגאַנגענע?
איך פאַרשטעה ניט פאַרוואָס זיי שטעהען
אויף א באַזונדערען אָרט
אויף דעם טייכעלע דאָרט.

אויף דער צווייטער זייט פון טייכעל
זעהט איהר גרינע בוימער, א וואַלד,
באַדעקט מיט בלעטער, ניט לאַנג
באַקומען א גאַנץ נייע געשטאַלט.
די נאַטור האָט פאַרשפּרייט איהר
שעהנקייט, אויף יענעם אָרט
פאַרנאַכט צוקושט זיך די זון מיט די בוימער
ביים טייכעלע דאָרט.

ווייבער אין בראָנקס פּאַרק

אין בראָנקס פּאַרק אויף אַ הויכען אָרט
קען מען פון לעבען פיל לערנען דאָרט.
אפילו שווער צו געפינען אַ זיץ אַ לערן,
דערפאַר אָבער קענט איהר דאָרט הערען,
ווי ווייבער באַרעדען מיט זייערע לויזע צונגען
פּונקט ווי מען וואָלט זיי צו דעם געצוואונגען.

איהר זעהט, ליטוואַקעס און אויך אמעריקאַנער,
פּוילישע, אונגאַרישע, רומענישע און גאַליציאַנער,
אַלטע אלמנות, גרושות און יונגע פרויען
איינע פאַר דער אַנדערער זוכט אויפצושויען.
פאַרשידענע כאַראַקטערע און אַלערליי טיפען
פרעמדע ציין און מיט אָנגעשמירטע ליפּען.

פרויען קורצע, פעטע הויכע און צאַרטע
מיט ביליגע דזשולערי, ווי מיידלאַך פאַרשאַרטע,
בלעכערנע רינגלאַך, בראַנזלעטען ווי בייגעל,
אָנגעשמירטע פּנימ׳ער און געפאַרבטע נעגעל.
געווען אַמאָל יעדע אַ וועלטעל פאַר זיך
געשפּילט אַ ראָלע זייער לעבען זייער איך.

אין זייערע הערצער געפינען זיך גליקען אויסגעטראַכטע,
חלומות אויסגעשפּילטע, יאָהרען אין צרות פאַרבראַכטע,
וועהטאָגען פאַרגלעטע, וואונשען ניט ערפילטע,

פון שפּאַט אויסגעלאַכטע און ליבעס פאַרשפּילטע,
און די יאָהרען לויפען און עס פליהט די צייט,
אַלע האָפנונגען פון גליקען אוועק זיינען ווייט.

די פּנים׳ער ביי זיי ווי געפאַלענע בלעטער פון א בוים,
זייער לעבען איז איצט ווי א נארישע פוסטער טרוים.
זיי חלום׳ען נאָך צו געבען א לעב אויף דער וועלט,
פעהלט אָבער זיי א באשערטער מיט א סך געלט.
די יאָהרען רוקען זיך מיט זעהר שנעלע טריט,
און דאָס לעבען רייסט שטיקער יעדע מינוט.

און די ליבע זון, זי וואַרעמט
יונג און אלט,
ווען מען דערמאָנט זיך אָן מאָרגען,
ווערט אַזש קאַלט.

מענשלאַכע שאָטענס

עס דרעהען זיך ארום שאָטענס פון מענשען
דאָס שיקזאַל פון גליק האָט זיי פארגעסען צו בענשען.
רוקענס געבויגענע און קעפּ געזונקענע,
פיס וואָס וואקלען זיך ווי ביי אָנגעטרונקענע.
געדאנקען טרויעריגע, אָנגעזאפּט מיט זאָרגען,
פול מיט שרעק פאר דעם קומענדען מאָרגען.

מיד, אָפּגעשוואכט פון לויפען און יאָגען
און פון יאָך וואָס זיי האָבען געטראָגען.
פארלוירענע נעכטענס קיין אויסזיכט אויף ווייטער,
זיי קריכען שוין אראָפּ פון לעבענס לייטער.
זייער ווילען געפּענטעט, שעהנ׳ע חלומות פארפלויגען
די זאָרגען האָבען זייערע כוחות ארויסגעצויגען.

קריכען שטונדען, שלעפּען זיך טעג,
ניט ווייט שוין צו דעם אייביגען וועג.
אָפּגעשטופּט דאָס לעבען ווי א פולער וואָגען,
געשטופּט וויפיל די כוחות האָבען געטראָגען.
איצט, אַלט, שוואך, אוים גלויבען, אוים בטחון,
דאָס לעבען סקריפּעט און די רעדער צעבראָכען.

און דער בלויער הימעל חוזק׳ט.
די זון רייצט זיך און לאַכט,
דו זעהסט מענשעלע, וואָס דאָס
לעבען האָט פון דיר געמאכט?

שטעהט אַ בהמה׳לע

שטעהט א בהמה׳לע שטיל
ביים טויער פון שטאַל,
עס מאַלעגיירעט ווינט
און שטרוי און שטראַל.

דאַס קלוגע בהמה׳לע מאַכט זיך
גאָרניט קיין גרויס וועזען,
נאָר שטילערהייט שענקט דאָס
אונז מילך, פלייש און קעזען.

דאָס שטילע בהמה׳לע שטעהט
פאַר׳חידוש׳ט קעגען הימעל,
מאַכט צו די בהמה׳שע אויגען
און כאַפּט אַ דרימעל!

סוויפּ סטייק צעטלאַך

לאָטערי צעטלאַך, פערדלאַך, אייריש סטעיק.
מען קויפט, מען כאַפּט וואו מען געהט;
מען גלויבט און מען האָפט אַז גאָט זאָל
צושיקען דאָס געווינס, יעדער בעט.

יעדער וויל געווינען און איינער פון די
גליקליכסטע צו זיין.
מען איז פאַר'שיכור'ט פון די צעטלאַך
ווי פון שטאַרקען וויין.

אָט קויפט אַ פרוי אַ צעטעל דער מאַן
זאָל ניט וויסען, און ער טוט אויך אַזוי,
מען פאַנטאַזירט, מען חלומ'ט און מען
געהט אַרום ווי אויף דעם עולם התוהו.

מען מאַכט פּלענער, מען טראַכט ווי גוט
וועט זיין אַז מען וועט דאָס צעטעל געווינען;
מען בויט שלעסער, מען בילדעט טורעמס
און ווי מען וועט אין לוקסוס שווימען.

באַלד נאָך דעם ציען און לויפען ווערען
אַלע פּלענער און אילוזיעס צורינען.
אומזיסט פאַנטאַזירט און אויסגעלאָזט
האָט זיך די האָפנונג פון געווינען.

דאָס געלט איז פאַרבליבען ביי מענשען
וואָס האָבען אָנגעפיהרט די אַגיטאַציע,
צוגערויבט ביי די שפּילער די פּאָר דאָלאַר
פאַרבליבען איז בלויז א דעמאָראַליזאַציע.

אי נאַרישע מענשעלאַך, איהר פאַרשטעהט ניט
אַז גליק באַשטעהט ניט בלויז אין געלט.
עס זיינען פאַראַן אָרימע וואָס האָבען
אויך אַמאָל גליקליכע טעג אויף דער וועלט.

א מזיק א פייגעלע

א פייגעלע א מזיק מיט א געפלעקט קעפעלע,
געזעהן האָב איך אין א הויז,
ווען דאָס טירעל פון שטייגעל איז אָפען,
פליהט ער אריין און ארויס.

אומעטום איז ער פול, ווען ער הויבט אָן צו זינגען
זיינע טרעלען ווי מעטאַל קלינגט.
די מענשען פון דעם הויז ווערען באַגייסטערט,
ווען דער מזיק זיך צוזינגט.

מען האָט איהם אויסגעלערענט צו זיין פּאַלגזאַם,
ער קען שוין די גאַנצע תורה,
ער שטעלט זיך ארויף אויף די אַקסלען, אויף קעפּ,
ער האָט ניט קיין מורא.

טאָמער שפּילט מען די פּיאַנאָ, שטעהט ער
זיך ווי א באַלעבאָס,
אָט טאַנצט ער ארום אויף די קלאַווישען,
אָט שפּרינגט ער ווי א האָז.

און ווען ער ווערט מיד פון טאַנצען, פליהט ער
צוריק אריין אין שטייגעל.
שטעלט זיך אויף איין פיסעל, גראָבט איין דאָס קעפּעל,
און מאַכט צו אָן אויגעל.

געגראַמטע ווערטלאך

דו קענסט דאָס לעבען, דאָס לעבען קען דיך
מיט גאָלדענע זאכען באשענקען.
מאַכט עס דיך גליקליך? מאַטערט עס דיך?
עס ווענדט זיך אָפט אָן דיין דענקען.

אָפט ווערענדיג מיד פון דאָס אַלטע,
זוכען מיר נייעס גליק,
ווען מיר זעהען דאָס נייע
ווילט זיך דאָס אַלטע צוריק.

אזוי איז דער מענש אין אַלע צייטען,
דאָ איז ער יונג, דאָ איז ער אַלט,
היים איז ער צו קליינינקייטען
און צו גרויסע זאכען קאַלט.

וואָס פאַר אַ געוואַלדען איז אין יענעם הויז?
און דאָ אין הויף אַזאַ געוואַלד און געשריי?
דאָרט וואַרפט מען אַן אָרימאַן פון דירה ארויס
און דאָרטען לעגט גאָר אַ הוהן אַן איי.

די ליבע קומט מיט פרייד
און גייט אַוועק מיט טרויער,
דער אָנהויב איז זעהר זיס
די ענדע איז אָבער זויער.

אַ פרויען ליבע פרויען,
איהר זיינט אונזער אומגליק,
מען רעדט פון אייך מיט גרויען
און מען קעהרט צו אייך צוריק.

שטרעבענדיג ווערען מיר קליגער
קעמפּפענדיג ווערען מיר אַלט,
ווייט אין שלאָפענדער צוקונפט
זעהן מיר אונזער געשטאַלט.

ליידענשאַפט איז ווי ווייַן, אַ מאַן קען אויסטרינקען
עטליכע גלעזער, און זי האַלטען אויף די פיס,
ווען אַ פרוי אָבער פארזוכט עס בלויז,
פאַלט זי ניט איינמאָל אריין זעהר מיאוס.

ליבע? איניגע זאָגען אַז דאָס איז
ווי פּאָעזי פון געטער,
אנדערע דענקען, אַז עס איז ווי רומאַטעס
בעפאָר אַ שלעכטען וועטער.

דאָס פארהייראַטע לעבען איז ווי אַלטע פּילען,
וואָס איינצונעמען זיי ניט טויגען,
מען באַצאָהלט מיט טרעַהרען, און ארונטערשלינגען
מוז מען מיט פארמאַכטע אויגען.

נעהם וואָס דו קענסט,
אזוי הייסט דאָס לעבען,
דען איינמאָל נעמען, איז בעסער
ווי צוויי מאָל געבען.

וואָס טויג דאָס לויפען, יאָגען,
האָווען, ווערען רייך?
ביים זונאונטערגאַנג האָבען מיר
אַלע פּונקט דאָס זעלבע גלייך . . .

פיל מענשען ווייסען ניט,
וואָס שטערט זיי דאָ אין לעבען,
און אויף יעדען דורכפאַל מוזען
מיר אַ תירוץ געבען.

צוויי זאַכען איז שעדלאַך פאַר יעדען,
ווער די טרעפט פון גליק וויל אַרויפשטייגען,
שווייג, ווען עס איז צייט צו רעדען
און רעדט ווען עס איז צייט צו שווייגען.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
CIRCULATION DEPARTMENT
SEWARD PARK BRANCH 192 EAST BROADWAY

אינהאַלט

איינלייטונג 5
א פּאָר ווערטער צו די לעזער 7
1. א בוטשער רעדט זיך אראָפּ פון הארץ 9
2. חלומות פון א בוטשער 12
3. געהט קלעהרט איהם אויף 17
4. דער געוועזענער קצב 21
5. פליישמאן דער קל בו ניק 26
6. א פרייער זונטאג 29
7. פארטריבען זיינע קאָנקורענטען 33
8. בוטשער בילס 36
9. פארביטען אן אָרדער 40
10. דערלעבט נחת 43
11. קענט איהר געבען אן עצה? 47
12. צרות פון זויערע פיקעלס 51
13. קאָלעקטעט א חוב 54
14. באפרייט פון שמערצען 57
15. די ביכער שטימען ניט 62
16. צוויי ערליי פארגניגענס אין סאראטאָגא 66
17. גליקען פון א היימישען קצב 69
18. א ווינט בעט רחמנות 75
19. א פלייש סטרייק פון ווייבער 78
20. צרות פון א כאווערטע 81
21. די קאָמאנדעוועט 86
22. דעריהרגיעט אן ארטיקעל 89
23. א ווייבעל א ספּאָרט 92
24. די בלעטער פאלען 96
25. פטור געוואָרען פון איין תכשיט 98
26. ווען געשריי פון עלטערן 101
27. הלוי וואָלט דאָס אמת געווען 104

28. אלע יאָהר דאָס זעלבע 107
29. איטשע דער זיפצער 111
30. פסח שטימונגען 114
31. היינטיגע מאַמעס 117
32. א מאַן א קנאַקער 120
33. וואו נעהמט מען א מיליאָן? 123
34. פארוואָס איז דאָס אזוי 126
35. באנקעטען 129
36. פארוואָס איך וועל האָבען עולם הבא 133
37. ווי אזוי מען ווערט א פארברעכער 136
38. דער קלוגער קעניג 139
39. ער האָט צייט 145
40. פארקעהרטע כללים פאר עטיקעטע 148
41. כללים פאר בוטשער סטאָרס 154

לידער און פּאָעמען

1. אונזערע קאָסטימער 159
2. פּראָטעסטיר 161
3. נאָבעלע פרויען 162
4. פייגעלאך צוויי 163
5. קאָרטען 166
6. דאַרווין איז גערעכט 168
7. וואָס איך האָב געזעהן צווישען די בערג 170
8.ביים טייכעלע דאָרט 173
9. וויבער אין בראָנקס פּאַרק 176
10. מענשלאכע שאָטענס 178
11. שטעהט א בהמהילע 179
12. סוויפ סטייק צעטלאך 180
13. א מזיק א פייגעלע 182
14. יאסטשערקעס 183
15. געגראמטע ווערטלאך 187